STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05864

GEZAMLTE VERK

Joseph Opatoshu

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע ווערק

פון

י. אָפּאַטאָשו

I

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשו

אַ ראָמאַן פון אַ פערד-גנב

און אַנדערע דערציילונגען

זיבעטע אויפלאגע

ווילנע — 1928

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. א. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

Copyright by Joseph Opatovsky New-York 1918

J. Opatoszu. „A roman fun a ferd-ganew"

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב

(1912)

1

שבת נאָכמיטאָג.

סנאָפּעס גליענדע שטראַלן האָבן אַריינגעשטראָמט דורך דעם אָפענעם פענסטער, רעפלעקטירט, און צוויי זילבערנע זיילן האָבן זיך באַוויגן אין דער לופט. צווישן די זיילן איז געלעגן אַ ווייסע פעטע קאַץ מיט אַ שוואַרצע לאַטקע אויף דער נאָז. די פאָדערשטע לאַפּקעס אויסגעצויגן, די מאָרדעטשקע מיט די גרינלעך־פאַרזשמורעטע אויגן איינגעטוליעט אין די לאַפּקעס. עס האָט זיך געדאַכט זי חלומט. עס איז דורך אַ פליג. די קאַץ האָט אַ שליידער געטאָן איר עלאַסטישן קערפּער, געכאַפּט די פליג, זיך באַלעקט, געלייגט זיך אין דער זעלבער פּאָזע און געחלומט ווייטער.

שלמה „קראַדניק", אַ הויכער דאַרער ייד מיט אַ שיטער בערדל, איז געשלאָפן אויף אַ פּערינע נעבן טיר. טראָפּנס שווייס, ווי אַרבעס, זיינען אַרויס אויף זיין גרויסן שטערן, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט זיין גלאַנציקן פּליכעוואַטן קאָפּ. די טראָפּנס שווייס זיינען געשטאַנען אַ ווילע, נאָכדעם זיך פאַרקערעוועט, און לאַנגע וואַסער־פעדים האָבן זיך אַראָפּגעשנירלט איבער שלמהס דאַרלעכע באַקן.

חנה, שלמהס טאָכטער, אַ מויד פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, איז געשטאַנען לעבן שפּיגל און זיך געקעמט די האָר. זי האָט עטוואָס אויפגעהויבן איר שטייף געקראָכמאַליעט קלייד, געמאַכט עטלעכע טריט צוריק, אויסגעשטעלט קאָקעטיש אַ פוס ווי צום טאַנץ און זיך צעשמייכלט.

— נו, געגוג זיך שוין צו פוצן! — האָט שרה, חנהס יונגערע שוועסטער, שוין אויך אַ מיידל אין די יאָרן, זיך אָנגערופן אַרויס־גייענדיק — וועסט בערקען אַזוי אויך געפעלן!

— זאָלץ דיר אין די אויגן ! — האָט איר לאה נאָכגעשריגן. זי איז דורך עטלעכע מאָל די שטוב און איז אַרויס.

תרצה, שלמהס ווייב, אַן עלטערע יידענע אין אַ רויטער „באַרכאַנקע" *), אין אַ קאָלירטער שלאָף־קופּקע אויף דעם אָפּגעגאָלטן קאָפּ, איז געזעסן לעבן אָפענעם פענסטער, זיך אויסגעשאָבן אַ בריקווע און מיט אַ שמייכל אויף דעם פּנים זיך צוגעהערט, ווי חברה האָבן דערציילט מעשיות.

אונטערן פענסטער אויף אַ פיר־פיסיקע באַנק זיינען געזעסן עטלעכע עלטערע פערד־הענדלער אין די וועסטן, די טוכענע היטלעך מיט די קליינע דענקעס פאַרשוואַרצט און געשמועסט:

— צי כ'קען אליהו „ווילנער"? — האָט אָנגעהויבן אַ געלער ייד מיט אַ געפּלעקלט פּנים — אַ געלעכטער כ'לעבן! כ'האָב דאָך ביי אים געאַרבעט איבער צוויי יאָר. אויף אַלע ירידים מיטגעפאָרן, צו־זאַמען געגעסן. דער בחור פלעגט „אַריינשיבן" אויף איין זיך אַ גאַנץ זייטל קעלבערן־פלייש, ווי כ'בין אַ ייד! איבער אים טאַקע, בין איך דאָך געזעסן צען חדשים איבערן „קובעל" — — —

חברה האָבן זיך צעשמייכלט.

— איר לאַכט, נאָר גלויבט מיר, ס'איז אַ רחמנות אויפן יינג! ער האָט דאָך קיין בייזע גאַל נישט!

— אַ קלייניקייט עפּעס — האָט זיך תרצה אָנגערופן, און בשעת־מעשה אַריינגעפּאַקט אין מויל אַריין אַ פולן לעפל אויסשאָבעכץ — צען יאָר זיך יאָגן נאָך אַ גנב! איר ווייסט, שוין איבער צען יאָר ווי פּאָליציי יאָגט זיך נאָך אים אין די ראַדזענאָווער וועלדער! און ווען נישט „סטאַך", וועלכער האָט זיך פאַרליבט אין אליהוס „קאָכאַנקע" און אים איבערגעגעבן דער פּאָליציי, וואָלט מען אים נאָך עד־היום נישט געכאַפּט! כ'האָב זיך אָבער געחידושט — האָט תרצה ווייטער געזאָגט — דער ייִנג איז דאָך געווען ווייט פון יידן, זיך שטענדיק אַרומגעשלעפּט מיט דער „קאָכאַנקע", און פונדעסטוועגן האָט מען דורך דער גאַנצער צייט נישט געהערט, ער זאָל איבערפאַלן עפּעס אַ ייד, ער פלעגט אַלץ איבערפאַלן רייכע פּריצים, גלחים — — —

*) „כאַרכאַנקע" — אונטערקלייד

— יאָ — האָט איינער אַ ברום געטאָן — מען וועט מיט דעם בחור לערנען בלק.

— ווייס איך וואָס ? — האָט אַ דריטער געענטפערט. — געטראָפן ס׳אָרט! פאַרגעסט נישט, אַז אליהו פלעגט אַריין דורך אַ קוימען, איינשלעפערן אַלע אין שטוב, אויפהאַקן קאַסעס, איבערלאָזן אַ קוויטל, אַז ער, אליהו, איז געוועזן און אַרויס! נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס מען משפט אליהון. הייגט פאַרמשפט מען אים און מאָרגן איז ער ווידער מיט זיין באַנדע אין די ראַדזשנאָווער וועלדער. איר האָט אָפּגעזאָרגט פאַר אים !

— ווען כ׳דערמאָן זיך — האָט דער געלער אָנגעהויבן און אָפּגעהוסט — ווי אליהו האָט אַמאָל געשטאָכן אַ שייגעץ, שטעלן מיר זיך האָר און נעגל קאַפויר. האָרכט :

— דאָס וועט זיין... כ׳ווייס... נו יאָ, באַלד : דאָ ווױן איך צען יאָר, אין דאָרף צוויי, און דריי ביי פּאָניען, נו, וויפל איז עס ? דאַכט זיך...

— אַ יאָר פופצן – האָבן זיך עטלעכע יידן אָפּגערופן מיט אַמאָל.

— המ, שוין פופצן יאָר ! די יאָרן לויפן ! נו, בקיצור ווי האַלט איך ? יאָ.

— דער „רימאַקער״ שרה האָט געהאַט אַ גניאַדע קאָבילע מיט ווייסע לעטשעלעך איז זי ווערט געווען אַ פינף הונדערט קערבלעך. אליהו וואַרפט אָן אויג אויף דער קאָבילע און שלעפּט מיך נאַכט־איין, נאַכט־אויס נאָך רימאַקעס. בקיצור, מיר האָבן די קאָבילע נישט געקאָנט נעמען. כ׳האָב געמיינט, אַז דער יינג קריגט די נכפה. ענדע „זשניוועס״ מאַכט ער צו מיר : הער, אין „הויף״ איז הייגט יום־טוב, די פּאַראָבקעס האָבן אַ גאַנצע טאָג גע׳גאָפן און שלאָפן געוויס איצט ווי געהרגעטע, קום, מיר נעמען הייגט די קאָבילע. בקיצור, מיר האָבן מיטגענומען „קאָסטעקן״, דעם לעשניקס זון. איך בין געבליבן שטיין אונטערן פּאַרקאַן, זיי זיינען אַריין אין דער סטאַדאָלע, אַרויסגענומען עטלעכע בונטן שטרוי, צעשפּרייט איבערן הויף, אַרויסגעפירט דאָס פערד. מאַכט זיך אַ זשרעבאַקל אין מיט. אונטערן הויף האָט דאָס זשרעבאַקל אַ פּנים זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמע און גענומען הירזשען אָן אויפהער. אליהו האָט געהייסן אַרונטערפירן דאָס זשרע־

באַקל אין ריוו און דאָרט עס איבערלאָזן. דער שייגעץ פאַרקערעוועט צום ריוו, נעמט אַרונטער דעם זשרעבאַק. מיר שטייען און וואַרטן. מיט אַמאָל צערעוועט זיך דאָס זשרעבאַקל אַזוי, אַז דאָס בלוט אין די אָדערן איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן. מיר זיינען אַרונטער אין ריוו: דער בחור שטייט און שניידט דעם זשרעבאַק איבער דעם האַלז מיט זיין טעמפ מעסער. כ'זאָג אייך, אַזאַ אימה איז מיך באַפאַלן! אליהו איז געווען בלאַס ווי קרייד, האָט אַ שפיי געטאָן דעם שייגעץ גלייך אין פרצוף אַריין, געזאָגט „פשאַ-יוכאַ" און אַרויס.

דעם גאַנצן וועג האָט אליהו אַ וואָרט נישט אויסגערעדט, איינגעקוועטשט די פויסטן, אַראָפּגערוקט דעם הוט איבער די אויגן און געשפרייזט. אַז מיר זיינען צוגעקומען צו דער „אָלשינע", האָט זיך אליהו אָפּגעשטעלט, אָפּגעמאָסטן קאָסטעקן מיט זיין אויג:

— „פשאַ-קרעוו", פאַרוואָס האָסטו געשחטן דעם זשרעבאַק?

קאָסטעק איז צעמישט געוואָרן, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר אליהו האָט אים אַ פּלאַם געטאָן אין פּיסק אַריין.

קאָסטעק האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער כאָליעווע אַ מעסער. אליהו האָט זיך אַ שליידער געטאָן אויף קאָסטעקן, אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער און אים דורכגעשטאָכן ווי אַ זיפּ, קרעכצנדיק: „עסט שחטן אַ זשרעבאַק? עסט שחטן?" — — —

דער געלער איז געבליבן שטיל. די יידן האָבן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, זיך פאַרטראַכט.

— געווען אַמאָל צייטן! — האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ זיפץ אַ גרויער ייד מיט אַ גראָבע נאָז און אַ האַלב אויסגעקראָכענע וואָנסע — אַ פּנים פון טאַבעק-שמעקן — האָט בשעת מעשה ארויסגענומען אַ שקעטעלע געמאַכט פון קאָרע און מכבד געווען דעם עולם.

די טיר האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעפּראַלט און אַ הויכער, ברייטביייניקער ייִנג מיט אַ פּאָר בלויע, קינדישע אויגן איז אַריין אַ פאַריאַכמעטער. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, געטאָן אַ שליידער אויפן טיש און אַ קוטשמע פלאַקסענע האָר האָבן זיך צעשאָטן איבער זיין פאַרשוויצטן שטערן.

— מאַמע, כ'שטאַרב עסן! כ'האָב נאָך היינט פון דער פרי אָן גאָרנישט אין מויל געהאַט!

— לויפט מען נישט אַרום אַ גאַנצן טאָג! — האָט תּרצה געענטפערט.

— נו, מאַמע, מיר וועלן זיך שוין שפּעטער אויסשמועסן! איצט וויל איך עסן!

שלמה האָט זיך איבערגעטרייסלט, געפילט פּאַסקודנע אין מויל און געגומען שפּייען:

— תּרצה! תּרצה! כ'שטאַרב אַ טרונק!

תּרצה האָט אים דערלאַנגט אַ וואַזעלע מיט פלוימען-יויך. שלמה האָט עס אויסגעזופּט, זיך באַלעקט, זיך איבערגעצויגן און זיך געשמאַק צעגענעצט.

— נו, זאַנוול, — האָט זיך שלמה געווענדעט צו זיין זון, וועלכער איז געזעסן איבער אַ שיסל געזאָדענע הון מיט חלה און געמאָלט מיט די ציין, — וואָס הערט זיך עפּעס מיט אליהון?

— וואָס זאָל זיך הערן? מען האָט דעם בחור געבראַכט אַ געשמידטן אין קייטן! טאַטע, איז דאָרט געווען אַן עולם! קינד און קייט איז געשטאַנען און געוואַרט.

— גלויב מיר, ער וועט נישט זיצן! — האָט זיך שלמה אָנגערופן און איז צו צו זאַנוולען. — ווייסט, כ'וועל דיר עפּעס בעסערס אָנזאָגן!

— וואָס איז?

— אַ „זמאָרע" האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו די פערד.

— וואָס? — האָט זאַנוול געפרעגט אַ פאַרווונדערטער. — אַ זמאָרע?

— יאָ, יאָ! זי האָט שוין באַלד פאַרמאַטערט די פערד. שוין עטלעכע טעג ווי כ'זע אַלע אין דער פרי, אַז די פערד זיינען דערשוויצט. כ'האָב גערעכנט די פערד זיינען חולה. היינט אין דער פרי ווי דו ביסט נאָר אַרויס, הויב איך זיך אויף און גיי אין שטאַל אַריין — ס'גיסט זיך פון די פערד דער שווייס, אין גזשיווע זיינען איינגעפלאָכטן קאָלירטע סטענגעס; כ'זע ס'עסק איז נישט גלאַטיק! כ'דערצייל עס דעם אַלטן דוכנע און דער זאָגט מיר: „באַ, שלאַמאַ, ביסט זינדיק, אַ „זמאָרע" איז אין דיין הויז". בקיצור, זאַנוול, מאַך זיך גאָר נישט וויסן פאַר דער מאַמע און נעכטיק היינט אין שטאַל. אַז דו ווילסט, נעם מיט מיינע תּפילין.

— ווייס איך וואָס? ! — האָט זאַנוול געענטפערט. — זי וועט שוין אַ לעבעדיקע פון מיינע הענט נישט אַרויס!

2

תּרצה האָט אַראָפּגענומען פון טיש, אויסגעקערט די שטוב, אַרויסגעיאָגט מיט אַ האַנטוך די פליגן, פאַרהאָנגען דאָס פענסטער מיט אַ ליילעך און איז אַרויס.

שלמה האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ רויטן שפענצער און איז אַרויס פאַרשיטן די פערד אַן אָברעק.

זאַנוול איז געבליבן אײנער אין שטוב, האָט אַפּגעוואָרפן זיינע לאַנגע פיס מיט די ליאַקירטע שטיוול, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן דעם ווענטל פון דער שטול און זיך פאַרטראַכט וועגן אליהון:

עס שוועבט פאַר אים דורך אליהו „ווילנער" ווי פון בראָנז אויסגעהאַקט, מיט זיין הויכן שטערן, מיט דיקע, לאַנגע, עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע וואָנסן. ער גייט אַ געשמידטער, פון ביידע זייטן זעלנער מיט אַרויסגעצויגענע שווערדן. ער גייט פעסט, דאָס פּנים קנייטשט זיך נישט, גיט זיך קיין ריר, די אויגן קוקן אויפן עולם, זוכן עמעצן.

עס באַווייזט זיך אַ יונגע שיקסע מיט אַ פּאָר בלוי־גרינלעכע אויגן, מיט אַ לאַנגן, דיקן, פלאַקסענעם צאָפּ.

אליהו לייגט אַרויף זיינע געשמידטע הענט אויף זיין „קאָכאַנקעס" האַלז. די שיקסע צעוויינט זיך אויפן קול, נעמט קושן זיינע געשמידטע הענט און שעפּטשעט עפּעס — — —

האָט זאַנוול אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, אַ בורטשע געטאָן „פּשאַ יוכאַ" גלאַט אין דער וועלט אַריין און האַסטיק גענומען שפּאַנען, האַלטנדיק די הענט אין די הויזן־קעשענעס, איבער דער שטוב.

ער איז זיך עטלעכע מאָל דורך די שטוב, זיך אויסגעצויגן אויף דער שלאָף־באַנק, פאַרלייגט די הענט צוקאָפּנס, אויסגעשפּיגן און זיך פאַרטראַכט:

די בלאַסע רחל מיט די שוואַרצע אויגן, מיט די לאַנגע שוואַרצע האָר ביז איבער די קניען זיצט איצט מיט איר אַלטן פאָטער אין דער שטרויענער בודע, וואָס געפינט זיך אין מיטן פעלד.

א גאַנצע וואָך איז רחל כמעט אַליין אין פעלד, היט די גערטנער, גיט אכטונג אויף די שיקסעס, וואָס אַרבעטן דאָרט און שיקט אָפּ דאָס גרינס נאָך פּריילן, ווו איר פאָטער פאַרקויפט עס. אויף שבת קומט ער אַהיים און דעמאָלט נעכטיקט רחל מיט אים אין דער בודע.

שבת קומט זאַנוול נישט אין גאָרטן אַריין. רחל האָט אים אָנגעזאָגט נישט צו קומען, דען דער פאָטער וועט האָבן גרויס עגמת-נפש זעענדיק, אַז זיין טאָכטער חברט זיך מיט בחורים.

אין מיטן דער וואָך, שפּעט ביי נאַכט, גנבעט זיך זאַנוול דורך פאַרשיידענע וועגן, מענטשן זאָלן אים נישט זען, און שפּאַנט אין גאָרטן אַריין. דאָרט וואַרט אויף אים רחל. ער לייגט זיך ביי אירע פיס, ווי א געטרייער הונט, קוקט אין אירע שוואַרצע אויגן, רירט לייכט אָן איר קלייד זי זאָל נישט שפּירן און הערט זיך צו ווי זי דערציילט אים מעשיות.

זאַנוול רעדט מיט קיינעם נישט וועגן רחלען און קיינער ווייסט נישט, אַז ער קען זי.

אָט איצט ליגנדיק אַזוי אַליין, פילט זאַנוול א שטאַרקע בענקשאַפט נאָך רחלען. דאָס האַרץ פאַרקלעמט אים און ער פילט ווי זיינע אויגן ווערן אים פייכט. ער באַשליסט פון מאָרגן אָן צו ווערן אויס גנב, נישט גריסן זיך צו זיינע באַקאַנטע און אין א קורצער צייט אַרום וועט די שטאָט וויסן, אַז זאַנוול איז געוואָרן אַן ערלעכער ייד. דעמאָלט וועט ער קומען צו רחלס פאָטער און זאָגן:

— ר' נתן!

דער אַלטער וועט אים געבן א ברייטן שלום-עליכם, אים אַ קלאַפּ טאָן אין דער פּלייצע:

— יאָ, מיין זון, כ'ווייס אַלץ... זעץ זיך!

זאַנוול דערמאָנט זיך אָבער, ווי ער פילט זיך דערשלאָגן, ווען ער טרעפט ר' נתן אַ שבת אין דער פרי. אים דאַכט זיך, אַז ר' נתן ווייסט אַלץ, קוקט אים נאָך מיט פאַראַכטונג און קלערט זיך געוויס:

זאָט דער יינגאַטש, דער פערד־גנב האָט דאָס די העזה זיך צו שדכענען צו מיין טאָכטער...

רחל פרעגט אים קיינמאָל נישט פון וואָס ער לעבט. זי ווייסט געוויס, אַז ער איז אַ פערד־גנב. נאָר זי וויל אים נישט ערגערן — האָט זאַנוול זיך געניומען טרייסטן — און די בענקשאַפט צו זען רחלען איז אין אים געוואָרן נאָך גרעסער.

פיל מאָל האָט זיך אים געדאַכט, רחל ווייסט נישט, אַז ער איז אַ פערד־גנב. אַנדערש וואָלט זי מיט אים נישט גערעדט. און ער באַשטימט איר אַלץ צו דערציילן. ווען ער טרעפט זיך אָבער מיט איר, פאַרשווינדט ביי אים דער געדאַנק און ער ווערט אינגאַנצן פאַרוואַנדלט אין אַ הונט, וועלכער ליגט און קוקט דעם בעל-הבית אין די אויגן.

אין גאַנצן עטלעכע וואָכן ווי ער האָט זיך באַקענט מיט רחלען. גייענדיק ערב שבועות מיטן טראַקט אַהיים פון אַ נאָנטן דאָרף, האָט ער דערהערט, קומענדיק אונטערן שטאָט, אַ געשריי. אויף דער צווייטער זייט פעלד זיינען געלאָפן צוויי שקצים מיט פולע זעק און אַ באָרוועס מיידל איז זיי נאָכגעלאָפן און געשריגן. זאַנוול האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג. די שקצים האָבן די זעק אַוועקגעוואָרפן. ער האָט איר צוגעטראָגן די זעק. רחל איז געשטאַנען האַלב־דערשראָקן מיט ברייט צעעפנטע אויגן און געשמייכלט. זי האָט אים געדאַנקט און עפעס אַזוי געקוקט אויף אים, אַז ער איז פון איר ערשטן בליק אַ פאַרציטערטער געוואָרן. פון דעמאָלט אָן האָט עס אים גענומען ציען אין פעלד אַריין. ער האָט זיך מיט רחלען גענומען טרעפן אָפטער און אָפטער — — —

זאַנוול איז אַראָפּ פון דער שלאָף־באַנק, גענומען שפּאַנען איבערן חדר און געפּלאַנט אַזוי:

אין דעם פּוילישן קלויסטער — דערציילט מען — איז דאָ אַ גאָלדענע „מאַמע" מיט בריליאַנטענע אויגן, איז זי ווערט אין די הונדערטער־טויזנטער אַריין. ער וועט דאָרט אַריין און די הייליקע „מאַמע" אַרויסנעמען. פאַר דעם געלט וועט ער קויפן „דאָנסקי" פערד מיט לאַנגע עקן, אַלערליי געוועהר. ער וועט צונויפנעמען אַ באַנדע לייטישע יינגען און אַוועקלאָזן זיך מיט זיי אין די „ראַדזענאָווער" וועלדער אַריין.

זיי וועלן זיך אויסבויען אַ הייל צווישן דעמבעס און דאָרט

וועלן זיי וווינען. די הייל וועלן זיי בויען נישט ווייט פון דער „זשאָלדעווקע“, אַז אין צייט פון אַ געפאַר זאָלן זיי קאָנען אַריבער־שווימען נאָך פרייסן.

דאָרט וועלן זיי וווינען פריי, יעדע וואָך וועלן זיי אָנזאָטלען די דאַנסקי פערד, נעמען ביקסן און איבערפאַלן פריצישע הויפן, אָפּשטעלן פּאַרטיעס סוחרים, וואָס פאָרן גאָך פלאָצק, נאָך וואַרשע...

אין אַ קורצע צייט וועט זיך די גאַנצע געגנט פאַר זיי שרעקן. אָרעמע לייט וועלן זיי נישט טשעפּען און מיט דער צייט וועט מען צו זיי קומען מיט יעדן משפּט. ער, זאַנוול, וועט ווערן קיסר; די בלאַסע רחל מיט די שיינע שוואַרצע אויגן, מיט די שוואַרצע האָר ביז איבער די קניען וועט זיין זיין ווייב, זיין קייסערן! — — — — — — — — —
— —

3

שלמה איז אַריין אין שטאַל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און אָנגע־שאָטן די פערד אַן אָברעק. די פערד האָבן זיך צעהירזשעט, געביסן די קאָריטע און פאַר גרויס שמחה פאַרוואָרפן די הינטערשטע פיס.

— גאַ באַק, פרעסערס! — האָט שלמה אַ געשריי געטאָן און אַראָפּגעלאָזט אַ פאַטש דעם שימל צווישן די לאָפּאַטקעס. דער שימל האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט, ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער, און שלמה איז אַ צופרידענער אַריין צווישן די פערד.

— ערגעץ אַנדערש אַ פערד אַרבעט מיט די זייטן, ווערט אויס־געריסן פאַרן ביסל פאַשע, און דאָ? גאָרנישט! האַלט איך אַזעלכע צוויי קעסט־קינדער... חסידישע איידעמס... נו, נו, וואָס ברוגזטו זיך, וואָס? האָסט געקריגן אַ מתנת־יד? וועסט באַלד אין דער מאָרדע אויך קריגן, דו געשוואָלענער! און דו? — האָט זיך שלמה געווענדעט צו

דער קאַבילע, בשעת מעשה אָנגעכאַפּט איר לאַנגן עק, מיט וועלכן זי האָט זיך געפאָכעט איבער די זייטן — וואָרט, וואָרט, מאָרגן, אם ירצה השם, פיר איך דיך אין הויף אַריין, דעם שענסטן אָגער קלויב איך דיר אויס, נאָר געדענק ! — האָט שלמה געקלאַפּט דער קאַבילע איבערן שטערן — זע, אַז דער זשרעבאַק זאָל נישט זיין ערגער פאַרן טאַטע !

— די מכשפה מאָרדעוועט אייך, האַ ? נו, זי וועט זיך שוין אַ וויסט יאָר אויסרעכטן, די „זמאָרע״ מיין איך, זי וועט שוין פון זאַנוולס הענט קיין לעבעדיקע נישט אַרויס !

שלמה האָט אָנגעשניטן ווייסע מייערן אין רייפלעך, געגלעט דעם שימל איבער דעם גלאַטיקן האַלז, איבער דער מאָרדע :

— נאַ, פרעס, ווער צעזעצט !

דאָס פערד האָט אַרויסגעגעסן פון שלמהס האַנט, פון ליבשאַפט האָט דער שימל עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן מיט די פייכטע ליפן, ווי מיט נאַסע שמאַטקעס, איבער שלמהס קאַרק און באַקן און זיך צעהירזשעט אים גלייך אין פנים אַריין.

— אַ פערד בלייבט אַ פערד ! — האָט שלמה אַ קלאַפּ געטאָן דעם שימל אין דער מאָרדע אַריין, זיך אָפּגעווישט מיטן שפּענצער דאָס באַשפּריצטע פנים, אַ גלעט געטאָן דער קאַבילע איבערן רוקן און איז אַרויס פון שטאַל.

שלמה האָט זיך אויסגעצויגן אונטערן עפּל־בוים, וואָס איז געוואַקסן ביי זיין פענסטער.

— די זון זעצט זיך שוין — האָט שלמה אַ טראַכט געטאָן, זעענדיק ווי עס צינדן זיך פייערלעך אין די שויבן פון זיינע פענסטער, און ער האָט געוואָרפן אַ בליק צו דער „רזשיקע״, וואָס איז גערינען דורך גרינע פעלדער און גרעניצט זיך צונויפגעגאָסן מיט דער ווייסל.

אויף דעם ברעג פון דער „רזשיקע״, איינגעהילט אין רויטן, זיינען געלעגן יונגע בעלי־עגלות, שיגדערס און סתם יינגען. טייל זיינען געלעגן מיט די בייכער אַראָפּ, טייל מיט די פנימער צום הימל, געזונגען הזנישע שטיק און געקוקט אין צעפלאַמטן הימל אַריין. אַרום זיי האָבן זיך געפּאַשעט געפּענטעטע פערד.

פון דער צווייטער זייט „רזשיקע״ האָבן זיך געהויבן גאַנצע וואָלקנס שטויב — די בהמות האָבן זיך געשלעפּט אַהיים.

טעלעכע דינסט־מיידלעך, מיט קאָלירטע קוקאַרדעס אין די אַראָפּ־געלאָזטע צעפּ, זיינען דורכגעגאַנגען. די יינגען זיינען געוואָרן לעבע־דיקער, זיך צעזונגען העכער, געוווּנקען צו די מיידלעך. האָבן גענומען שטופּן איינע די צווייטע, פאַרשטעלט שעמעוודיק די מיילער מיט די הענט און גענומען שטיקן זיך פון געלעכטער.

נישט ווייט האָבן יינגלעך געשפּילט אין „פּאַלאַנט“.

שלמה איז געלעגן, זיך געצופּט זיין שיטער בערדל און באַטראַכט אַלץ מיט פאַרגעניגן.

אַ מחנה ווילדע גענז זיינען אָנגעפלויגן מיט אַ געפּילדער. זיי זיינען געפלויגן זייער נידעריק. די ברייטע אויסגעשפּיצטע פליגל האָבן לייכט געשניטן די לופט, דאַכט זיך אָנגערירט די ערד. די גענז זיינען פאַרשווּנדן צווישן די ברייטע פעלדער אין דער פאָרם פון אַ דרייעק.

— ביי נאַכט וועט געוויס רעגענען — האָט שלמה אַ טראַכט געטאָן און זיך צעגענעצט.

שלמה האָט באַמערקט ווי בערקע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָפּ־געריייניקט זיין „סאַקל“, זיך פאַרדרייט די וואָנסן און גענומען גיין צו אים. בערקע איז געווען צערודערט — ער האָט געהאַלטן אין איין אויפקנעפלען און צוקנעפלען דאָס סאַקל.

— גוט־שבת, ר' שלמה, וואָס זאָגט איר עפּעס צו דער חמימה?

— יאָ, אַ באַקעגיש, — האָט שלמה געענטפערט — נו, וואָס מאַכסטו עפּעס בערקע? זעץ זיך!

ביי בערקען אין די אויגן האָט זיך צעשפּילט אַ שמייכל. ער האָט אַרויסגענומען אַ ווייס טאַשנטיכל, עס צעשפּרייט און זיך אַוועק־געזעצט.

— ר'ווייסט דאָך, ר' שלמה, כ'וואָלט געוואָלט מיט אייך עפּעס רעדן — האָט בערקע געזאָגט אַ צעטראָגענער.

— ווייסן, ווייס איך נישט — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ ניגון — נאָר, אַז דו ווילסט — רייד!

— שוין עטלעכע מאָל, ווי כ'האָב געוואָלט מיט אייך רעדן — האָט בערקע ווידער אָנגעהויבן און נישט געוווּסט ווו אַהינצוטאָן זיינע

אויגן — ר׳ווייסט דאָך... גאַנצע טעג פאַריאָגט... כ׳האָב אייך געוואָלט בעטן... ר׳ווייסט דאָך...

— וואָס ? אַרויס מיט דער צונג ! — האָט זיך שלמה צעלאַכט.

בערקע איז רויט געוואָרן, געפינטלט מיט די אויגן און זיך גענומען אויסקנאַקן די פינגער.

— ר׳ שלמה, וואָס זאָל איך אַ סך בריען, ר׳ווייסט דאָך, כ׳בין נישט מער ווי אַ פּראָסטער חי וקים, אַ בעל־עגלה הייסט עס, כ׳וועל רעדן פּראָסט — אייער חנה געפעלט מיר זייער... אויב אירווילט מיך פאַר אַ חתן, טאָ מאַכט מיר אַ געשפּאַן, קויפט מיר אַ פּאָר שקאַפעס און כ׳וועל ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך. פאָרן צו דער „ראַמפּע״, אָנלאָדן אַ וואָגן סחורה און טראַסקען אין שטאָט אַריין ! כ׳בין דאָך נישט קיין פאַרפוילטער עפל ! ר׳ווייסט דאָך, ר׳ שלמה, אַז כ׳בין אַ יינג אַן איינרייסער ! גענוג געאַרבעט פאַר פרעמדע, צייט צו מאַכן שבת פאַר זיך !

בערקע איז שטיל געוואָרן, זיך צעשמייכלט, אָפּגעווישט דעם שוויס פון שטערן און געטראַכט בשעת מעשה :

— נו, געפּטרט, אַבי דורכגעקומען !

שלמה איז געזעסן און האָט זיך קאַלטבלוטיק אויסגעהערט וואָס בערקע האָט גערעדט. ס׳עסק איז אים געפעלן.

— בערקע — האָט שלמה אָנגעהויבן און אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע אַריין — בנאמנות, כ׳האָב הנאה פון דיר ! קום היינט ביינאַכט צוגיין מיטן טאַטע, וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

בערקע האָט זיך אויפגעשטעלט אַ צעפּלאַמטער, גענומען די הענט „פּאַדבאָקעם״, צעשפּרייט די פיס און אינגאַנצן האָט ער אויס־געזען, ווי עפּעס אַ מין אָנגעגליטע, צעעפנטע צוואַנג. ער האָט צופרידן עפּעס אַ בורטשע געטאָן, זיך געזעגנט און איז אַוועק.

— ווען גאָט העלפט און ס׳מאַכט זיך נאָך עפּעס אַ שידוך פאַר שרהן אויך, וואָלט מען זיי ביידן געמעגט פירן אין איין טאָג אונטער דער חופּה — האָט שלמה אַריינגעשמייכלט אין זיין שיטער בערדל, זיך אַרומגעקוקט און דערזען אַ שטערן.

— נו, צייט מעריב צו דאַוונען !

ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געשלעפּט אַ צופרידענער אין שטוב אַריין.

בערקע האָט זיך פאַרדרייט אין אַ זייטיק געסל, פריי אָפּגעאָטעמט און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

ער האָט געשפּירט ווי אַ שווערע משא איז אים איצט אַראָפּ פון האַרץ. שוין באַלד אַ חודש צייט, ווי חנה שיקט אים אַלץ צום פאָטער זיך דורכרעדן און יעדעס מאָל, ווען בערקע איז צוגעגאַנגען מיט אַן אויסגעחזרטע בקשה, האָט זיך אים די צונג, ווי אויף צו להכעיס, אַ דריי געטאָן און ער האָט גענומען דערציילן פון גאָר עפּעס אַנדערש. שפּעטער, אַוועקגייענדיק, פלעגט ער זיך אויסקנייפּן שטיקער פלייש, אַרומגיין שעהנווייז און האַלטן אין איין שעלטן. און ווער ווייס, ווי לאַנג עס וואָלט נאָך אַזוי אָנגעהאַלטן, ווען חנה וואָלט מיט אים נישט ברוגז געוואָרן?

איצט האָט ער זיך געפילט אַזוי פריש, גלייך ער וואָלט יונגער געוואָרן. און דאָס גאַנצע עסק, צו וועלכן ער האָט זיך אַזוי געגרייט, און פאַר וועלכן ער האָט זיך אַזוי געשראָקן, האָט אים ערשט אויסגעזען אַזוי לייכט — ממש אַ קינדער־שפּיל.

אָט איז ער שוין געווען אין מאַרק. דאָ און דאָרט האָבן זיך געעפנט שפּייז־קרעמלעך. די קרעמערקעס האַלב־שבתדיק אָנגעטאָן זייגען געזעסן ברחבותדיק און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס.

אויף די טראָטואַרן האָבן זיך געצויגן לאַנגע שורות שפּאַצירנדע. אַ שורה מיידלעך מיט פאַרריסענע קעפּ זייגען דורך. הינטער זיי זייגען געגאַנגען עטלעכע בחורים מיט איבערגעלייגטע קעלנער און זיך געוויצלט. די מיידלעך האָבן געשטופּט איינע די צווייטע, זיך געשטיקט פון געלעכטער.

פון דער פלאָצקער גאַס האָט זיך מיט אַמאָל אַריינגעשאָטן אין מאַרק אַריין אַ מחנה יינגלעך מיט הילצערנע שווערדן. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין מיטן מאַרק און געוואַרט אויפן שונא — די יינגלעך פון דער וואַרשעווער גאַס.

און פון עפּעס אַן אָפּן פענסטער האָט זיך געריסן אין מאַרק אַריין אַ לעבעדיקער, חסידישער המבדיל.

בערקע האָט אַלץ באַטראַכט מיט ליבע. ער איז יעצט געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט, אַז אַלע שפּאַצירנדע זאָלן וויסן, אַז ער ווערט אַ חתן פאַר חנהן. ער ווערט שלמהס איידעם, זאַנוולס שוואָגער! אַ קלייניקייט עפּעס, זאַנוול!? דער גבור פון שטעטל! ביי דער „ראַמפּע" וועט מען קוקן אויף אים מיט דרך ארץ, נישט וואַגן זיך צו טשעפּען מיט אים. און בערקע האָט דערפילט, ווי זיין ברייטע ברוסט הייבט זיך, ווערט ברייטער און ער האָט גרויס חשק געהאַט אויפצוהייבן די פאָלעס פון סאַקל און זיך לאָזן אין מיטן מאַרק מיט אַ טענצל. פאַר גרויס שמחה האָט ער געכאַפּט אַ קליין יינגעלע מיט אַ הילצערנער שווערד, אים אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און גענומען מיט אים שפּאַנען. דאָס יינגל האָט זיך דערשרָאָקן, גענומען שרייען און געשליידערט מיט די פיסלעך. חברה האָבן גענומען אונטערטאַנצן פאַר פרייד, זיך קייקלען פון געלעכטער.

בערקע האָט אָפּגעלאָזט דאָס יינגל מיט אַ קניפּ אין בעקל און געשפּאַנט ווייטער.

פאַרבייגייענדיק דעם שטאָט-גאָרטן האָט ער באַמערקט דריי בעטלערס אויף אַ באַנק מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס.

— לאָזן זיי אויך וויסן, אַז כ'ווער אַ חתן פאַר חנהן — האָט בערקע אַ טראַכט געטאָן, צוגעגאַנגען צו די בעטלערס, זיי געגעבן עטלעכע קופּערנע מטבעות און זיך צעלאַכט:

— נאַ, בעט פאַר דער הייליקער חנה!

די בעטלערס האָבן זיך איבערגעקוקט און זיך צעשמייכלט:

— „וואַריאַט זשיד".

ביי שלמהן אין שטוב האָט אַלץ אויסגעקוקט יום-טובדיק. די ווייסע פּאָדלאָגע איז געווען באַשאָטן מיט געלן זאַמד. דער קיילעכ-דיקער טיש איז געשטאַנען אין מיטן שטוב, געדעקט מיט אַ ווייס

טישטוך. אויף דעם טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ מיט אַ זעכציקער גלעזל.

שלמה איז געלעגן אין קאָפּל אויף דער שלאָף־באַנק, געריכערט אַ דיקן ציגאַר און מיט הנאה באַטראַכט די גרױלעכע קנױלן רויך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון מויל.

זאַנוול איז געזעסן לעבן פענסטער און געלערנט זיין שוואַרצע „מאָרווע" בלוזשען. דער הונט איז געשטאַנען אויף די הינטערשטע פיס, עטוואָס פאַרזשמורעט זיינע מאַנדל־אויגן, געקוקט אויף זאַנוולען און געדרייט מיטן עק.

זאַנוול האָט געפּילט אין דעם הונטס בליק אַן איבערגעבנהייט, געכאַפּט „מאָרוועס" קאָפּ אין זיינע הענט און אים געדריקט צום פּנים.

דער הונט האָט זיך געטוליעט צו זאַנוולען, געקלאַפּט מיטן עק, אים געלעקט, געוואָרטשעט פאַר שמחה.

ביים טיש איז געזעסן חנה אין אַ ראָזע בלוזקע און עפּעס אויסגעהאָפטן אויף קאַנווע. חנה האָט זיך יעדע ווײַלע פאַרטראַכט, אויפגעהערט העפטן און געפּילט ווי די קאָלירן אין איר פּנים בייטן זיך. זי האָט געוווּסט, אַז בערקע דאַרף באַלד קומען און דער קלענסטער סקריפּ אין שטוב האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם, געמאַכט דאָס האַרץ קלאַפּן נאָך שנעלער.

תּרצה מיט שרהן זיינען געשטאַנען אין קיך און געמאַכט פּלינזן.

— זאַנוול — האָט זיך שלמה געווענדעט צום זון — נו, ווי געפעלט דיר עפּעס דער שדוך? — דאַכט זיך אַ לייטישער יינג און דערצו אַ פאַרדינער, האַ?

זאַנוול האָט געזען, ווי חנהס פּנים ווערט פאַרפלאַמט און ווי זי בויגט זיך איינגאַנצן אַריין אין דער קאַנווע, זי זאָל זיך מיט קיינעמס בליק נישט באַגעגענען.

— אַלץ גוט — האָט זאַנוול געענטפערט — אָבער פאַרוואָס פרעגט איר נישט חנהן? טאָמער וויל זי אים נישט?

— כאַ, כאַ — האָט זיך שלמה צעלאַכט — זי וויל נישט? גלויב מיר, זי קען אים פריער ווי דו. נו, אויף טשיקאַוועס — חנה, דער שידוך געפעלט דיר?

חנה איז נאָך רויטער געוואָרן און האָט אַרויסגעברומט פון דער קאַנווע:

— לאָזט מיך צורו!

זאַנוול האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, צוגעגאַנגען צו חנהן און זי אַנגענומען פאַר דער גאָמבע:

— שעמסט זיך טאַקע, חנה? דו ווייסט, אַז מען שעמט זיך האָט מען קיינמאָל נישט חתונה? און דערצו קריגסטו דאָך אַזאַ לייטישן חתן, מיט אַ פּאָר פּלייצעס ווי ביי אַ טשערקעס!

— לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך חנה צעבייזערט — מאַמע, לאָז ער מיך אָפּלאָזן!

— נו, זאַנוול, הער שוין אויף דיינע היגטישע שטיק! — איז תּרצה אַריין מיט אַ מענה־לשון פון קיך — וואָס ווילסטו פון איר? דו מיינסט ס'איז דיינע מיידן?! שלעפּן זיך אַרום אונטער די פּלויטן גאַנצע נעכט. אויף מיין וואָרט, ווי בערקע כאַפּט אַ גליק! יעדע מאַמע וואָלט זיך געוווּנטשן האָבן אַזאַ שטיל, רויק קינד.

— אַ שטיל וואַסערל גראָבט טיף! — האָט שׂרה אַריינגעשריגן פון קיך.

— אָבער ווען האָט מען געכאַפּט מיטן פעלדשערס זון אויפן בית־עולם? — האָט חנה געענטפערט מיט אַ ניגון.

— כאַ, כאַ, כאַ — איז שׂרה אַריין פון קיך אַ צעפלאַמטע פון פייער, האַלטנדיק די הענט פאַרבאָקעם — ווער ס'קוקט נישט אָן די צגועה? דאָס קאָן דאָך קיין צוויי נישט ציילן! און פרעג זי נאָר...

— גענוג, גענוג — האָט שלמה אַ ברום געטאָן אויף שׂרהן—ווער שוין בעסער פאַרשטומט!

פון אונטערן פענסטער האָבן זיך געהערט טריט, באַלד נאָכדעם אַ מאָדנע תּקיעה פון אַ נאָז.

— די מחותּנים גייען! — האָט זאַנוול אויסגעשריגן, אַריינכאַפּנדיק דעם קאָפּ פון פענסטער.

חנהס פּנים האָט גענומען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פלאַמען. זי האָט געלאָזט ליגן די אַרבעט אויפן טיש און אַ דערשראָקענע גע־קוקט אין אַלע זייטן.

דער הונט, דערהערנדיק טריט, איז צו מיט אַ בילעריי צו דער טיר.

חנה, נישט וויסנדיק ווו זיך אַהינצוטאָן, איז צו אַ בלאָסע צום הונט, אים אָנגעכאַפּט פאַר די אויערן און מיט אים אַרויס דורך דער קיך.

די טיר האָט זיך געעפנט. משה „קאָפּ“, אַ הויכער, דאַרער ייד מיט אַ ציגן־בערדל, מיט אַ קליין קעפּל אויף דעם הויכן קערפּער, איז אַריין. דאָס קעפּל האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון די הויכע אַקסלען און ווען נישט די פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָלט מען דאָס קעפּל גאָר נישט באַמערקט. נאָך אים איז אַריין בערקע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, די הענט אין די הויזן־קעשענעס און דאָס טוכענע היטל פאַרשאַרצט.

— גוט־וואָך! גוט־וואָך!

— ברוך הבא, ס׳קאָצל קומט, וואָטערע געסט! — האָט שלמה מיט תּרצהן צוזאַמען געזאָגט — זייט זשע מוחל, זעצט אייך!

משה האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אָפּגעאָטעמט און גענומען ווישן דעם פאַרשוויצטן שטערן מיט אַ רויט נאָז־טיכל.

בערקע איז עפּעס ווי צעמישט געוואָרן, זיך פאַררויטלט, גענומען אַ שטול, זי באַטראַכט, געבליבן שטיין און גענומען מעלקן מיט צוויי פינגער אַ וואָנסע.

— נו, און דו, זאַנוול — האָט משה אָנגעהויבן — קיין עין־הרע אַ פאַרשוין אויסגעוואַקסן! — פּשש! — וואָס מאַכסטו?

— מען מאַכט מיט די זייטן! — האָט זאַנוול זיך צעשמייכלט.

— און ווו איז די כּלה? — האָט משה געפרעגט.

— די כּלה האָט זיך פאַרשעמט און איז אַנטלאָפן — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

— ס׳מאַכט נישט — האָט זיך משה אָנגערופן — אַ יידישע טאָכטער דאַרף זיך שעמען! כ׳האָב מיין יידענע, עליה השלום, נישט געזען ביז צו דער חופּה און פונדעסטוועגן? הלואי אויף אַלע יידישע קינדער אַזאַ שלום־בית ווי ביי מיר איז געווען.

תּרצה האָט דערלאַנגט שנאַפּס, טיי מיט ציטרין, פלינזן. דער עולם האָט געמאַכט עטלעכע כּוסות, געוואָרן אויפגערוימטער, זיך פאַנאַנדערגעזעצט.

— און די כּלה איז נאָך אַלץ נישטאָ? — האָט משה „קאָפּ“ אַן אויפגערוימטער געזאָגט און אַריינגעצויגן אַ גלעזל בראָנפן.

— גלויבט מיר, ר׳ משה, אייער בערקע וועט זיך נישט נאַרן. ר׳ שמעיה דער דין וואָלט זיך נישט געשעמט מיט אַזאַ טאָכטער.

— וואָס מיר שמעיה ? — האָט זיך שלמה צעבייזערט — שלמהס טאָכטער איז אַזאַ יחסנטע ווי שמעיהס !

— געוויס, געוויס — האָט משה אונטערגעבורטשעט און בשעת מעשה אַריינגעפּאַקט אַ שטאַרקן שמעק טאַבעק. ער האָט זיך פאַר־קרימט ווי אויסצושיסן מיט אַ נאָס — נאַר גיי זיי אַ בריה, אַז עס גיסט זיך נישט.

— נו שלמה — האָט זיך משה אָנגערופן — ס׳וועט דאָך שפּעט, לאָמיר שמועסן צו דער זאַך !

— פאַרוואָס דען נישט — האָט שלמה געענטפערט.

— און וואָס איז מכח נדן ?

— טאַטע, דאַכט זיך אָפּגערעדט מיט דיר זאָלסט זיך נישט מישן — איז בערקע אַריינגעפאַלן אין דער מיט — ר׳ שלמה וועט מיר קיין שלעכטס נישט טאָן !

— ווילסט נישט, ברויכט מען נישט — האָט משה געענטפערט — דו קאָנסט באַשטיין—קאָן איך אַודאי ! כאַ, כאַ, כאַ ! אַ גזלעכטער כ׳לעבן !

— כ׳האָב שוין לאַנג געזאָגט, אַז בערקע איז אַ ווילער ייִנג — האָט שלמה מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופן — נו, בערקע, וואָס טויגן די קונצן, דו שטייסט דאָך ווי אויף הייסע קוילן, דיך טיאָכקעט דאָך צו חנהן. גיי, זיי זשע מוחל אַרויס און זוך זי אויף. מיר וועלן שוין דאָ דורכקומען. כ׳ווייס דען נישט ? כ׳בין דאַכט זיך אויך אַמאָל אַ חתן געווען ! תרצה, דו הצרסט דאָך נישט, נו, זיי זיך מודה — האָסט עפּעס געבענקט נאָך מיר ? האַ, האַ, האַ !

— גיי שוין, גיי, דו אַלטער נאַר! — האָט זיך תרצה צעשמייכלט.

בערקע האָט געוואָרפן אַ בליק פול מיט דאַנקבאַרקייט אויף שלמהן און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון שטוב.

———————

שפּעט ביינאַכט האָט שלמה מיט זאַנוולען באַגלייט דעם מחותן מיטן חתן אַהיים. צוריקוועגס איז שלמה אַריין אין שטוב און זאַנוול איז געגאַנגען אין שטאַל אַריין היטן די „זמאַרע".

אין שטאַל איז געווען שטיל. די פערד זיינען געלעגן און גע־שלאָפן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן. אַ פאַרקאָפּטשעטע לאַמטערנע האָט קוים באַלויכטן די שטאַל, געוואָרפן אַ טונקעלן שיין אויף די פערד, און זייערע בייכער, ווי בלאָז־זעק, האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט.

עטוואָס אַ מידער האָט זיך זאַנוול אַנידערגעזעצט אויף אַ בונד שטרוי און זיך פאַרטראַכט. צומיינסטן איז אים געלעגן אין קאָפּ משה דער מחותן, עפּעס אַזאַ שוואַרצע הויך מיט אַזאַ קליין קעפּל, פונקט ווי מען שטעלט אַרויף אַ פייגעלע מיט צעשפּרייטע פליגל אויף אַ הויכן בוים אָן צווייגן. ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפן שטרוי און אים איז מיט אַ מאָל איינגעפאַלן, אַז דאָס איז ער אַ חתן געוואָרן, נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון די תנאים... אָט זעט ער ווי רחל שלאָפט. די האָר צעשאָטן... אָט איז אליהו „ווילנער" מיט די לאַנגע וואָנסן און אָט איז זיין קאָכאַנקע, קאָכאַנקע, קאָ־כאַנ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

האַלבע נאַכט. די טיר האָט זיך געעפנט, אַ נאַקעטע שיקסע אין אַ ווייס העמד איז אַריינגעקומען. אַרום האַלז זיינען געהאָנגען קאָלירטע סטענגעס, די האָר צעשאָטן. זי איז צו צום פערד, אויף גיך זיך אַרויפ־געכאַפּט און עס אָנגעהויבן יאָגן. ס'פערד האָט געשפּרונגען. דאָס ווייסע העמד האָט זיך געהויבן, געבלאָזן ווי אַ קאַראַזעלע און די קאָלירטע סטענגעס האָבן זיך געוואָרפן ווי שלאַנגען אַרום איר האַלז. מיט דער שנעלקייט פון אַ קונצנמאַכער האָט זי איינגעפלאָכטן טטענגעס אין דעם פערדס גזשיווע, אויסגעפלאָכטן צעפּלעך אין עק און זיך צעזינגען אויף אַזאַ קוויטשיק שיקסע־קול אָט יענע הייליקע ניגונים, וואָס מען זינגט ביי אַ פּראָצעסיע.

זאַנוול איז געשטאַנען און געציטערט פון שרעק. ער האָט געזען ווי דאָס פערד שפּרינגט, וואַרפט זיך, די שוים פאַרן פּיסק. ער קוקט— די נקבה האָט זיך מיטן פּנים אויסגעדרייט צום פערדס עק און ווינקט צו אים, שמייכלט און אירע אויגן שטעכן אים דורך ביז צו דער זיבעטער ריפּ, ס'בלוט פרירט אין די אָדערן. ער האָט געוואָלט שרייען — ער קאָן נישט ; ער האָט געוואָלט אויסשטרעקן די האַנט — פאַרשטיינערט.

אָט איז זי אַראָפּ פון פערד, גענומען גיין צו אים. זאַנוול האָ־

אַ טראַכט געטאָן: נו, אַ בראָך שוין צו מיר. די בחורטע האָט מיך שוין אין אירע לאַפּקעס.

ער האָט זי געפילט לעבן זיך. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט. ער האָט פעסט איינגעקוועטשט דעם „קלין“ אין דער האַנט, אים גענומען אַריינקלאַפּן דער „זמאָרע“ אין העמד אַריין און... נישטאָ קיין „זמאָרע“. ער ליגט אויף אַ בונט שטרוי אין שטאַל.

— אַ, וואָס אַ מכשפה קאָן! — האָט זאַנוול געטראַכט אַן אָפּ־געגאָסענער מיט שווייס — זי האָט דאָך מיך איינגעשלעפערט! גיי זײַ אַ בריה!

4

זאַנוול איז געזעסן ביי רחלען אין דער בודע.

— זאַנוול, וואָס ביסטו אַזוי פאַרמרה־שחורהט? וואָס איז? גיי כ׳האָב מורא פאַר דיר...

זאַנוול איז רויט געוואָרן און זיך צעשמייכלט:

— גאָרנישט, רחטשע!

— שעם זיך! קומסט צו מיר אַזאַ אומעטיקער! דו! כ׳האָב דיך פיינט! — און זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים און זיך אַרומ־געוויקלט מיט אירע הענט אַרום זיין האַלז.

זאַנוול האָט זי אַרומגעכאַפּט.

רחל האָט זיך ווי אַ פיש גענומען וואַרפן און צאַפּלען אין זאַנוולס הענט און אַלץ טיפער זיך געגורקעוועט אין זיין ברוסט.

— האָב איך היינט געלייענט אַ מעשה, — האָט רחל צו אים שפּעטער געזאָגט, קוקנדיק אויף זאַנוולען דורכן שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ שטריק, — איז זי שיין!

— נו, לאָמיר טאַקע הערן! — האָט זאַנוול מיט א שמייכל זיך געבעטן.

— ווײל איך נישט! כ'וועל שוין דיר גאָרנישט דערצײלן, גאָר-נישט, הערסט!

רחל האָט זיך אויסגעדרייט, אַריבערגעוואָרפן אַ האַלבן קאָפּ האָר איבערן פּנים און געקוקט וואָס פאַר אַן אײנדרוק דאָס וועט מאַכן אויף זאַנוולען.

— וועסט שוין גאָ-ר דערצײלן! — האָט זאַנוול זיך צעלאַכט.

— נישט ביי מאָ-אָטיען! —האָט רחל געענטפערט מיט אַ קאַפּריז פון אַ קליין מיידעלע און איז נענטער צו צו זאַנוולען — ווייסט גאָר וואָס? לאָמיר ווערן ברוגז! גוט?

זאַנוול איז אויפגעשפּרונגען אַ צערייצטער, געכאַפּט רחלען אויף די הענט און זי גענומען וויגן מיט אַ געוואַלדיקער שנעלקייט, שעפּ-טשענדיק: וועסט דערצײלן? וועסט. . .

— כ'וועל דערצײלן, כ'וועל, זאַנוולשע קרוין, לאָז מיך אָפּ! — האָט זיך רחל צעשריגן.

זאַנוול האָט זי אַראָפּגעלאָזן פון זיינע אָרעמס.

— ביסט אַ ווילדער! — האָט רחל געזאָגט און זיך אַוועקגע-זעצט אויף אַ בונד שטרוי, האָט אים געוויזן מיט דער האַנט אַ פּלאַץ נעבן זיך: — זעץ דיך!

זי האָט אַרויפגעלייגט זאַנוולס קאָפּ אויף איר שויס און גענו-מען דערצײלן אַ מעשה פון אַ פאַרבלאָנדזשעטן פּרינץ, וואָס איז געריטן וואַלד-איין, וואַלד-אויס, געזוכט זיין געליבטע. . . דער פּרינץ האָט דערהערט פון דער ווייטנס אַ פרויען-שטימע, האָט אונטערגע-שפּאָרעט זיין פערד און איז צוגעקומען:

— שיין מיידל, וואָס וויינסטו? — האָט זי דער פּרינץ געפרעגט.

— ווי זאָל איך נישט וויינען, — האָט דאָס מיידל געענטפערט,— אַז כ'האָב מיין חתן פאַרלוירן. . .

— וויין נישט, שיין מיידל! איך בין דיין חתן! קום מיט מיר!

און ער האָט זי איינגעוויקלט אין זיין ווייסן פּלאַשטש, אַרויפ-געזעצט אויפן שוואַרצן פערד און פאַרשוווּנדן וואַלד-איין, וואַלד-אויס.

— —

— —

רחל איז אַנטשוויגן געוואָרן.

זאַנוול איז געלעגן אַ צעטראָגענער. ער האָט געפילט, אַז אַלץ ביי אים הויבט זיך, שפּאַרט זיך אין האַלז אַריין, ווערגט אים — —

— רחל ווייסט נישט, אַז ער איז אַ גנב, — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן. — ער מוז איר באַלד זאָגן!

ער האָט איינגעקוועטשט די פויסטן און זיך אויפגעשטעלט:

— רחל! — האָט זאַנוול געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול, — דו ווייסט, אַז איך בין אַ גנב, אַ פערד־גנב!?

— דו ביסט דאָך אַ שטאַרקער! — האָט רחל אויסגעשריגן, זיך טוליענדיק צו אים אַ דערשראָקענע. — מען דערציילט, אַז דו לייגסט אַוועק אַ דריי־יעריקן אָקס מיט איין קלאַפּ צווישן די הערנער! דו ביסט נישט קיין גנב! אַ גנב דערקען איך באַלד. ער האָט אַזעלכע קאַלטע, שאַרפע אויגן. און דו האָסט דאָך אַזעלכע גוטע אויגן!.. — און זי האָט זיך גענומען בעטן: — נעם מיך נאָך אַמאָל אויף דער האַנט. וויג מיך... אָט אַזוי! שטאַרקער! שטאַרקער!..

זאַנוול האָט זיך אין אַלעם פאַרגעסן. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט רחלען אויף זיינע הענט, זי געוויגט. און רחל האָט זיך געטוליעט אַלץ שטאַרקער צו אים, געזוכט אַ פּלאַץ ווו זי זאָל קאָנען מיט לייב און לעבן אַריין אין זאַנוולען.

שפּעט ביי נאַכט האָט זאַנוול רחלען אַהיימגעפירט. ער האָט איר געוואָלט דערציילן וועגן זיינע פּלענער, נישט געפונען קיין ווער־טער און געבליבן שטיל.

— פאַר וואָס דערציילסטו מיר גאָר נישט? — האָט רחל אים ברוגזלעך געפרעגט.

— גלויב מיר, רחל, כ׳וואָלט דיר אַלץ דערציילט! אַז כ׳בין אַליין און קלער, קומט אַלץ אויס אַזוי שיין, פונקט ווי דו דערציילסט! און אַז כ׳וויל דיר איבערדערציילן, קלעפּט זיך די צונג צום גומען.

רחל האָט פעסטער געדריקט זיין האַנט און געשמייכלט.

— אָט מאָרגן, — האָט זאַנוול אָנגעהויבן, — גיי איך אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט, וואָס וועט מיר ברענגען עטלעכע הונדערט רובל.

— וואָס, אַ שטייגער?

— אָט דו ווייסט דאָך, אַז צייט ס׳האָט אויסגעבראָכן די יאַפּאַ־נישע מלחמה האָט מען פאַרמאַכט דעם צאַלאַנד. „פאָניע“ לאָזט נישט

אַריינפֿירן נאָך פרייסן קיין פערד. ער שרעקט זיך אַפּנים עס זאָל אים נישט אויספעלן. נעכטן קומט צו מיר משה „קוניאַרזש“ און שלאָגט מיר אָן כ'זאָל „אַריבערשוואַרצן“ אַ פּאַרטיע פון פופציק פערד איבער דער גרענעץ.

— און האָסט גאָר נישט מורא? מען קאָן דאָך שיסן?

— ווער קלערט וועגן שיסן, מען שיסט נישט! און אַז ס'מאַכט זיך שלעכט, שיסט מען צוריק!

— און וועגן רחלען טראַכסטו גאָרנישט?

זאַנוול איז צעמישט געוואָרן, געוואָלט עפּעס זאָגן, זיך פאַררויטלט און זי גענומען קושן.

רחל איז געגאַנגען אַ גליקלעכע און געגלעט זאַנוולס האַנט.

אונטערן שטאָט זייגער זיי זיך צעגאַנגען איז פאַרשיידענע זייטן, אַז מענטשן זאָלן זיי נישט באַגעגענען.

6

פרימאָרגן.

תרצה האָט אָפּגעקאָכט אַ שטשאַוו, צוגעשלאָגן מיט אייער, אָפּגעזאָטן אַ טאָפּ קאַרטאָפל, צעשטעלט אויפן טיש אָפּצוקילן, האָט זיך אַביסל צוגעזעצט און זיך פאַרטראַכט:

— שלמה דאַרף באַלד אַריין פון דאַווענען, און דאַכט זיך ס'איז שוין צייט זאַנוולען צו וועקן. גאַנצע נעכט שלעפּט זיך דאָס אַרום. וווּ? — דער שוואַרץ יאָר ווייס!

תרצה האָט באַטראַכט זאַנוולען, וועלכער איז געשלאָפן לעבן דער טיר, מיט דער קוטשמע האָר צעוואָרפן איבערן ווייסן שטערן.

— קיין עין-הרע, אויסגעהאָדעוועט אַ יינג! דאָס קאָן דאָך מויערן ברעכן! אַן אַנדער מאַמע וואָלט דאָך פון אַזאַ זון געשעפּט נחת! און איך? — הייבט, די שעה זאָל נישט באַשעהען, און מען כאַפּט

אים... — האָט תּרצה אָפּגעזיפצט — אַ קליייניקייט, פּופּציק פערד אַריבערפירן איבער דער גרענעץ! און ווער איז שולדיק, אַז נישט דער שיינער טאַטע? כ׳האָב קנאַפּ געוואַלדעוועט, געשריגן: „שלמה, גענוג איין פערד־הענדלער אין דער משפּחה! גיב דעם יינגל פּאַר אַ בעל־מלאכה". נו, מער האָט מיר נישט געפעלט! ער האָט דאָס מיך אָפּגע־מאָסטן מיט זיין גנביש אויג און מיר געמאַכט אַ מי־שברך, אַז דער מאַמעס מילך איז מיר צו חלום געקומען!

תּרצה האָט אַריינגעשנייצט אין פאַרטוך און ווייטער געטראַכט:

— כ׳האָב קיינמאָל קיין נחת נישט געהאַט פון מיינע קינדער. פון צוועלף געבליבן דריי. זאַנוול איז פון תּמיד אָן געווען אַ מזיק. קינדער פלעגן זיך נישט ווערן שפּילן מיט אים—ער פלעגט זיי שלאָגן מכּות־רצח, דעם רבּין אויסגעשעדיקט. די שכנות האָבן באַלד געזאָגט, אַז קיין גוטס וועט פון אים נישט אַרויס. מאָל דיר, אַ קינד ווערט געבוירן מיט אַ הייבל און מיט אַ ווילדן קוויטש! ווו איז דאָס גע־הערט געוואָרן? און קנאַפּ פאַרשוואַרצט מיר שרה דעם קאָפּ? טליקעט זיך אַרום... און יעדן טאָג הענגט אויף דער שול אַ נייער פּאַסקוויל. אַודאי וואָלט מען זי געמעגט חתונה מאַכן פריער נאָך פּאַר חנהן, כאָטש זי איז יינגער... הלוואַי זאָל איך, רבונו־של־עולם, האָבן נחת פון חנהן... קריגט, דאַכט זיך, אַ ליטישן יינג...

זאַנוול האָט זיך איבערגעטרייסלט, געעפנט ברייט זיינע בלויע אויגן, פאַרלייגט זיינע הענט אונטערן קאָפּ, זיך איבערגעצויגן און זיך פאַנאַנדערגעגענעצט:

— גרויסער טאָג!

ער איז גיך אויפגעשפּרונגען, זיך איינגעוואַשן, אָנגעטאָן זיינע ליאַקירטע שטיוול, פאַרקעמט זיך אַ „פּאָלקע", גענומען די הענט אַרום די זייטן, געכאַפּט אַ טענצל און זיך צעשריגן:

— מאַטקאָ, פּאָדאַוואַי!

— ביסט דאָך ערגער פון אַ גוי! — האָט תּרצה געזאָגט, — אַן ערל, אַז ער הויבט זיך אויף, איז דאָס ערשטע „פּאַטשערזש". און דו?

— נישט גערעדט, מאַמע! — האָט זאַנוול געענטפערט, אַרומגע־כאַפּט די באַרוועסע תּרצה און גענומען טאַנצן מיט איר איבערגעוואַלט.

— לאָז אָפּ, דו שייגעץ איינער! סם וועל איך דיר געבן!

זאַנוול האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, געמאַכט אַ שנאַפּס און זיך געזעצט איבער אַ שיסל שטשאַוו מיט קאַרטאָפל.

שלמה איז אַריינגעקומען מיטן טלית־זאַק אונטער דעם אָרעם, געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר תּרצה האָט אים איבערגעהאַקט די רייד:

— טאַטע פאָטער! אַ שיינעם תּכלית האָסטו געמאַכט פון דיין גן-עדן־פּירער! אויף מיינע שונאימס קעפּ געזאָגט! אַ יינג הויבט זיך אויף ווי אַ בהמה, זאָגט קיין יידיש וואָרט נישט און כמאַליעט אַריין אַ שיסל קאַרטאָפל מיט שטשאַוו! האָסט נישט געפאָלגט, שלמה, טאָ נאַ!

שלמה האָט פאַרקוועטשט די ליפּן און געוואָרן בלאַס ווי קרייד:

— ווער שוין פאַרשטומט, דו אַלטער קאָך־לעפל! ווער פרעגט דיך?

זאַנוול האָט געקייט און געשמייכלט:

— אַ גנב דאַרף נישט דאַווענען!

שלמה האָט נישט געענטפערט. ער איז געגאַנגען אויף און אָפּ איבער דער שטוב. ער האָט געפילט, אַז תּרצה איז גערעכט, נאָר צוגעבן האָט ער נישט געוואָלט. שלמה האָט זאַנוולען זייער ליב געהאַט און פיל זאַכן מוחל געווען.

— ער וועט עלטער ווערן, — האָט שלמה זיך געטראַכט, — וועט ער אַנדערש ווערן. שלמה איז אין דער יוגנט אויך נישט בעסער געווען. דערפאַר איז זאַנוול אַ גבור און דערצו אַ ריזיקאַנט, צוויי זאַכן, וועלכע אַ פערד־גנב דאַרף באַזיצן און פאַר וועלכע פערד-גנבים האָבן גרויס דרך־ארץ.

שלמה האָט געוווּסט, אַז צייט זאַנוול איז אַריין אין „געשעפט“, קוקט מען אויף אים אינגאַנצן אַנדערש.

— כ׳האָב זיך היינט געזען מיט משה „קוניאַרזש“, — האָט שלמה איבערגעריסן די שטילקייט.

— נו?

— ער וועט באַלד זיין. ווי איך פאַרשטיי פון זיינע רייד, וויל ער אָפּרייסן אַ פּאָר רובל. ער טענהט, אַז ער קאָן קריגן ביליקער.

— ביליקער? אַ רוח אין זיין גראָבן „קאָלדן“ אַריין! הערסטו טאַטע, אַז ס׳וועט פעלן אַ גראָשן, ריר איך זיך נישט פון אָרט! אַזאַ ביטרער „פּוענץ“! כ׳וועל אים נאָך אַמאָל דעם „קאָלדן“ איינפּרעסן!

— נו, גענוג, גענוג! הער אויף צו שרייען, ער גייט! — האָט שלמה אַ זאָג געטאָן און געגאַנגען צו דער טיר.

אַ דיקער הויכער ייד אין אַ ריפּסענעם כאַלאַט איז אַריינגעקומען.

— גוט־מאָרגן!

— גוט־יאָר, ר׳ משה! — האָט שלמה געענטפערט און אים גע־שטעלט אַ שטול, — זעצט זיך!

משה האָט זיך פּאַמעלעך אַוועקגעזעצט מיט אַ קרעכץ, אָפּגע־פּראַכט, אַרויסגענומען אַ פּעקל ציגאַרן און מכבד געווען דעם עולם.

— נו, זאַנוול, — האָט משה אָפּגעהוסט, — ביסט גרייט צו פאָרן היינט ביינאַכט?

— אויב מיר וועלן נאָר דורכקומען, — האָט זאַנוול געענטפערט, — בין איך צו יעדער צייט גרייט.

— וואָס הייסט? דאַכט זיך, כ׳בין שוין דורכגעקומען מיטן טאַטן.

— וואָס טויגן די אַלע דבורים, ר׳ משה? אויב איך וועל נישט זען צוויי הונדערט קערבלעך אויפן טיש, ריר איך זיך נישט פון אָרט? איר טענהט, איר קאָנט קריגן ביליקער? מיטן בעסטן פאַרגעניגן! כ׳האָב צו אייך גאָרנישט!

— עה, זאַנוול, האָסט דאָך עפּעס צופיל פעפער אין דער נאָז! אַפּנים, די געשעפטן גייען דיר צו גוט, אַז דו וואַרפסט זיך אַזוי מיט הונדערט און פופציק רובל? זע, ס׳מוז דאָך אַלץ זיין מיט אַ שכל! די גאַנצע חתונה וועט נעמען קנאַפּער פאַר אַ שטונדע, און פאַר אַ שטונדע הונדערט און פופציק רובל איז, דאַכט זיך, גאַנץ שיין! ראָטשילד אַליין וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט! גיי שוין, גיי, זאַנוול, מאַך זיך נישט באַריש! זעסט, ווען כ׳וואָלט געווען זיכער, אַז די פערד זאָלן דורכגיין, — נו, איז נאָך אַ פופציקער! אָבער, גזלן, וואָס טו איך, די שעה זאָל נישט באַשעהען, און מען נעמט איבער אַלע פערד? האַ? ווילסט זיין אַ שותף צום שאָדן? שווייגסט? דאָס איז נישט מעשה סוחר, זאַנוול!

זאַנוול איז געזעסן אַן אָנגעבלאָזענער און האָט גאָרנישט גע־ענטפערט. ער האָט געוווסט, אַז משה וועט אים פאַררייַדן. דאָס איז אַ כיטרער פוקס. כמעט אַלע פערד זיינען מיינע. משה האָט זיי אָנגע־קריגן בחצי־חנם. און יעצט וויל ער נאָך אָפּרייסן פופציק רובל? ניין!

זאַנוול האָט זיך אויפגעשטעלט:

— ר׳ משה, בחנם וואָס איר מאַכט קאַליע רייד, ס׳וועט העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס, ווייניקער ווי צוויי הונדערט רובל נעם איך נישט!

משה האָט געקוקט זאַנוולען אין די אויגן און געשמייכלט:

— עה, זאַנוול, גייסט דאָך גאָר עפּעס פון די כלים אַרויס!

— נו, שלמה, מיר וועלן שוין דורכקומען. ברענגט אַריין שנאַפּס.

תּרצה האָט דערלאַנגט בראָנפן און עפּעס צו פאַרבייסן.

משה האָט אַרויסגענומען מיט אַ קרעכץ אַ דיקן טייסטער, אויסגעציילט צוויי הונדערט רובל און זיי געגעבן שלמהן.

מען האָט געטרונקען לחיים, זיך געווונטשן, אַז דער השם יתברך זאָל העלפן בשלום דורכצוקומען און מען איז זיך צעגאַנגען.

9

פאַרנאַכט איז זאַנוול רויק אַריין צו משה „קוניאַרזש״ אין הויף, קלאַפּנדיק מיט זיין שפּיץ-רוט אין די ליאַקירטע כאַליאַוועס.

די פערד זיינען שוין אַלע געווען אונטערן שטאָט אין וועלדל, נאָר זיין גניאַדער אָגער איז געשטאַנען אַ געזאָטלטער אין מיטן הויף און געפּאָכעט מיט זיין לאַנגן עק. דער פּיסק איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסע שוים. יעדע ווײַלע האָט דאָס פערד אַ וואָרף געטאָן זיין שטאָלצן קאָפּ מיט דער לאַנגער גזשיווע, געקלאַפּט מיט די פאָדערשטע קאָפּיטעס, אַז שטיקער ערד פלעגן זיך צעשיטן אין אַלע זייטן.

זאַנוול איז צו צום פערד מיט אַ מאָדנעם פייף און דאָס גע־בומען גלעטן איבערן גלאַנציקן האַלז. דאָס פערד האָט אַ פּנים פאַר־שטאַנען דעם פייף, האָט אים אָנגעקוקט מיטן רעכטן אויג און האָט זיך פאַנאַנדערגעהירזשעט.

ביי דעם אָפענעם פענסטער איז געזעסן אַ בלאָנד מיידל. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ בוך און מיט דער צווייטער האָט זי

ליכט געריבן קליינע שמעקעדיקע בלעטלעך פון אַ מירטאַ-בלום, וואָס איז געשטאַנען אויפן פענסטער. דאָס איז געווען משהס יינגסטע טאָכטער. דאָס מיידל, דערזעענדיק זאַנוולען, האָט אויפגעהערט לעזן דעם בוך און גענומען קוקן אויף אים. זאנוול האָט באמערקט איר בליק, זיך געשטעלט אין אַ פּאָזע און מעשה אַקטיאָר איר געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. דאָס מיידל האָט זיך פאַרשעמט, געלאָזט ליגן דעם בוך און אַוועק מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— אַ יחסנטע! — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן, — משהס טאָכ-טער! אַ כפּרה מעג זי גיין מיט איר געשוואָלענעם טאַטן פאַר רחלס מינדסטן נאָגל!

באַלד איז משה א־ויסגעקומען, אים אַריינגערופן צו זיך, מכבד געווען מיט אַ גוט גלעזל וויין. זאַנוול האָט געשפּרייזט שטייף איבער די פּליושענע דיוואַנעס, אַרויסגערוקט זיך אַ פאַטער-שטול, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַררויכערט אַ ציגאַר. עס האָט אים זייער הנאה געטאָן, וואָס משה לעקט און חנפהט אים.

זאַנוול האָט זיך געזעגנט מיט משהן, אַרויף אויפן פערד, זיך צעפּייפט אויף זיין שטייגער, גלעטנדיק דעם פערדס האַלז, און איז אַרויס דורך אַ הינטערשטן טויער. ער האָט יעצט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן די פערד. ער האָט רחלען צוגעזאָגט דורכצורייטן דעם טראַקט לעבן די גערטנער. לאָז זי זען ווי איר זאַנוול זעט אויס אויפן פערד. ער וועט זי אַרויפנעמען ווי יענער פרינץ, גוט צוטוליען צו זיך און מיט איר אַוועקפאַטשן. . .

אויפן שאָסיי האָט זאַנוול אונטערגעשפּאָרעט זיין פערד. דאָס פערד האָט אַ צי געטאָן דעם פאָדערשטן טייל פון זיין קערפּער, זיך עטוואָס אויסגעצויגן און זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבערן שאָסיי לייכט ווי אַ פויגל.

רחל איז געשטאַנען לעבן טראַקט און געוואַרט אויף זאַנוולען.

זי האָט דערזען ווי אַ שיין צוגאָווע פערד טראָגט זיך אויפן שאָסיי, אַ הויכער רייטער זיצט גלייך ווי אַ ווירע — האָט זי אַ ציטער געטאָן — „זאַנוול פאָרט! . .“

זאַנוול איז צוגעריטן נאָנט צו רחלען. דאָס פערד האָט זיך גע-נומען דרייען אַרום און אַרום. רחל האָט עס אָנגעכאַפּט פאַרן צוים:

— ווי שיין דו ביסט, זאַנוול, אויפֿן פערד! ווען כ׳וואָלט זיך נישט געשעמט, אַז אַ באַקאַנטער זאָל אונז טרעפֿן, וואָלט איך אַרויף צו דיר. שפּרינג אַראָפּ, כ׳וועל דיך אַ קוש טאָן, — האָט רחל געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

זאַנוול האָט זיך פֿאַררויטלט, אַראָפּגעשפּרונגען און געהאַלדזט רחלען.

דאָס פערד איז געבליבן שטיין, אויפֿגעשטעלט די אויערן, צעעפֿנט ברייטער זיין קלוג אויג און געקוקט אויף דעם פּאָרל.

— ביסט זיכער, אַז מען וועט דיך נישט כאַפּן, זאַנוול? און אַז יאָ? וואָס וועל איך טאָן? כ׳וועל דיך שוין קיינמאָל נישט זען? קיינמאָל?...

— מיך וועט קיינער נישט כאַפּן! ש־עק זיך נישט, רחלשע! מאָרגן וועלן מיר זיך זען.

— נו, טאָ נעם מיך נאָך אַ מאָל אַרום! אַזוי! שטאַרקער!..

זאַנוול איז שוין געזעסן אויף דעם פערד, געקוקט מיט זיינע ליבע קינדישע אויגן אויף רחלען, געדריקט איר האַנט און געשמייכלט.

רחל האָט געגלעט זיין פערד, געהייסן אים פֿאָרן גיך, זייער גיך.

זאַנוול האָט זיך עטוואָס אויסגעבויגן, אונטערגעשפּאָרעט דאָס פערד. דאָס פערד האָט זיך מיט אַמאָל אַ צי געטאָן, געוואָרן לענגער און איבער דעם שאָסיי האָבן זיך גענומען הייבן וואָלקנס שטויב.

רחל איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט פֿאַרזונקען אין רעיונות און נאָכגעקוקט זאַנוולען.

8

אַז זאַנוול איז צוגעקומען צום וועלדל, האָט ער פֿונדערווייטנס דערזען זיין פֿאָטער מיט צוויי יינגען. ער איז גיך אַראָפּ, גענומען בינדן די פערד: אַ פערדס פּיסק צום צווייטנס עק, און אַזוי איינס הינטער אַנדערן; זיך נאָכדעם געזעגנט מיטן פֿאָטער און איז פֿאַמעלעך

אַרויסגעריטן דורך הינטערוועגלעך פון וועלדל. די צוויי יינגען זיינען אים נאָכגעריטן.

דעם גאַנצן וועג האָט זאַנוול געוואָלט טראַכטן וועגן דער גרע־נעץ, נאָר יעדעס מאָל איז אים אין דערמיט אַריין רחל.

— און וואָס וועט טאַקע זיין, אַז מען וועט אים היינט ביינאַכט שיסן? — האָט זאַנוולען דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין מח.

ער האָט זיך צעשמייכלט, אַרויסגענומען פון כאַליעווע אַ פּלאַ־טשיק פּלעשל שנאַפּס און מיט עטלעכע זופּ פאַרטריבן דעם געדאַנק.

אָט זיינען זיי שוין געווען אויף דעם ברעג פון דער „זשאָלדעוועקע".

— האַלט! — האָט זאַנוול שטיל געזאָגט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— דאָ וועלן מיר וואַרטן ביז ס'וועט גוט פינסטער ווערן! איצט, חברה, נעמט די „בלאָזי" מיט בראָנפן און רייבט איין די פערד די קעפּ, זיי זאָלן נישט הירזשען. אַלץ זאָל געטאָן ווערן שאַ־שטיל, נישט קיין איבעריקן פּיפּס, איר הערט?

די פערד זיינען באַלד געוואָרן רויקער, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַ־נען די געפאַר, זיך געגומען רוקן איינס צום צווייטן מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ און זיינען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידטע. זאַנוול האָט באַטראַכט די צוויי פּגעדריקטע פּאַרטיע מיט די אַראָפּגעלאָזטע דרעמל־דיקע קעפּ און עפּעס אַ רחמנות־געפיל האָט אים אַרומגענומען.

אַרום איז געווען שטיל.

ווען־נישט־ווען האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל, מיטברענגענדיק דעם פייכטן, שאַרפן ריח פון יאַלאָוויץ און פאַרטיקע פּלאָמבירן.

די „זשאָלדעוועקע" איז זיך גערונען רויק, פּאַמעלעך. ס'האָבן זיך געהויבן קליינע דונקל־פּיאָלעטענע וואַלן, איינגעשלונגען איינע די צווייטע.

זאַנוול איז געלעגן אויף דעם בויך און געקוקט ווי עס וואַקסן פון וואַסער אַרויס דונקל־בלויע בערג, צעוואַקסן זיך אין הימל אַריין. אַ רויטלעכער פּאַס האָט זיי דורכגעשניטן און די בערג זיינען גע־בליבן הענגען צווישן הימל און וואַסער.

זאַנוול האָט דערפילט ווי עפּעס צעגיסט זיך איבער אַלע זיינע גלידער און ער איז געוואָרן לעבעדיקער, ווילדער, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די דונקל־פּיאָלעטענע וואָלן רופן אים, און ער האָט גרויס חשק געהאַט אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די קליידער און כאַפּן אַ שווים.

— חברה, מיר וועלן גאָר כאַפּן אַ שווים! — האָט זאַנוול זיך געווענדעט צו די צוויי יינגען.

זיי האָבן אויפגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זיך איבערגעקוקט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, און געהייסן האָט עס: „אַז דער האָבער שטעכט, קריכט מען אויף גלייכע ווענט“.

זאַנוול האָט אַ שפּיי געטאָן גלייך אין וואַסער אַריין, אַ ברום געטאָן „פּלאָקן־שיסערס!“ און גענומען שנעל אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער.

און דאָס שטילע וואַסער האָט מיט אַמאָל אַ קרעכץ געטאָן אונטער זאַנוולס קלאַפּטער. ער האָט דורכגעשניטן עטלעכע קרייזן און איז אַרויס.

— שוטים, וואָס ווייסט איר וואָס גוט איז! — האָט זיך זאַנוול געווענדעט צו די יינגען, אָנכאַפּנדיק זיך ביי אַ דיקע צווייג פון אַן אַלטן בוים, וואָס איז געוואַקסן ביים ברעג, און זיך גענומען ציען.

ס'איז געוואָרן אַלץ פינסטערער און פינסטערער.

די פּאַרטיע פערד איז געשטאַנען רויק, ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. מען האָט אָפּגעגאָסן די פערד מיט קאַלט וואַסער און זיי זיינען לעבעדיקער געוואָרן.

די פּאַרטיע האָט זיך שטיל גערירט פון אָרט.

שטיל. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די קאָפּיטעס. ווען־נישט־ווען האָט זיך צעהירזשעט אַ פערד.

פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ רויט פייערל. דאָס איז געווען די „קייט“: אַ הויכער ווייס־געפּאַרבטער קלאָץ מיט שוואַרצע פּאַסן און מיט אַ לאַנגע קייט אַראָפּ.

זאַנוול האָט פּאַרקערעוועט אין אַ זייטיק ווענל, גענומען רייטן זייער פּאַמעלעך. ער האָט געהאַלטן אין איין גלעטן זיין אָגער און פון מאָל צו מאָל אים מכבד געווען מיט אַ קלעצל צוקער.

טריט — — —

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווײַלע. עס איז ווידער שטיל געוואָרן און מען האָט זיך גערירט פון אָרט.

זאַנוול האָט זיך ארומגעקוקט — נאָך אַ פופציק טריט און די פערד זײַנען אין פרײַסן, מען האָט זיך ווידער פאַרקערעוועט אין אַ קלײַן זאַמדיק וועגל און גענומען טרײַבן די פערד דורך שטעכעדיקע אַגרעס־קוסטן.

פון דערווײַטנס זײַנען אַנטקעגנגעקומען צוויי זעלנער.

זאַנוול האָט בשעת מעשה אַ ציטער געטאָן, נישט לאַנג געקלערט און געהייסן יאָגן די פערד וואָס כח נאָר. די פערד האָבן זיך צעטראָגן. די זעלנער האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן. די ייִנגען זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען און צוריקגעלאָפן.

זאַנוול איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט:

— הינטישע לעבערס! די כאָליערע וועט אײַך שוין נעמען! — און איז אַנטקעגן געפאָרן די זעלנער.

די זעלנער האָבן אים אָפּגעשטעלט, גענומען אָפּבינדן די פערד. זאַנוול האָט גענומען טענהן מיט די זעלנער, זיי געוואָלט אונטערקויפן — ס'איז נישט געגאַנגען! אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זײַן גאַנץ לײַב. ער האָט אַ קריץ געטאָן מיט די ציין און וואָס כח נאָר אונטערגעשפּאָרעט זײַן אָגער.

דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן, אַנידערגעשלײַדערט מיט די פאָדערשטע פיס איין זעלנער און זיך צעטראָגן ווי אַ פײַל פון בויגן. די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעריסן און איז נאָך.

דער צווייטער זעלנער איז צעמישט געוואָרן, גענומען נאָכשיסן, געהרגעט עטלעכע פערד, נאָר זאַנוול איז שוין געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ און געוויזן די זעלנער אַ לאַנגע נאָז.

אויף דער צווייטער זייט גרענעץ האָבן שוין צוויי דײַטשן אים אָפּגעוואַרט. איינער האָט אַוועקגעפירט די פּאַרטיע פערד און דער צווייטער האָט זאַנוולען אײַנגעלאַדן אויף אַ קופל ביר.

נישט ווייט פון שענק, האָט זאַנוול באַמערקט אויף דעם גראָז

קופקעלעך מענטשן. דאָס זיינען געזעסן „מולכערס״ — אָט יענע, וואָס פירן איבערגעניצטע קליידער דורך די גרענעץ. זיי האָבן אָפּגעוואַרט דעם בערלינער צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָנקומען פּונקט איינס בייַנאַכט. מיט דעם צוג קומען אָן די סוחרים פון אַלטוואַרג, עפּענען דאָ די סחורה און יעדערער פון די מולכערס טוט זיך אָן עטלעכע „שטיק״ און פּאָרט אַריין נאָך פּוילן.

עס איז געזעסן אַ קופּקעלע עלטערע יידן אין לאַנגע כאַלאַטן און זיך געשמועסט געלאַסן. זיי האָבן מקנא געווען „יעקע נאַר״ (אַזוי האָבן זיי גערופן דעם דייטש), ווי ער לעבט זיך רויק. און צום מייסטן האָבן זיי מקנא געווען דעם שענקער, וואָס האָט געהאַלטן די שענק ביי דעם טראַקט און געלייזט בייטאָג און ביינאַכט.

דאָס זיינען געווען צום מייסטן יורדים, שיינע חסידים, וועלכע האָבן שוין אַלץ פּרובירט, אַפילו מלמדות, נאָר עס איז נישט געגאַנגען, — האָבן זיי גענומען אריינפּאָרן נאָך פּרייסן, אָנטאָן יעדערער צו עטלעכע רעק, צו עטלעכע פּאָר הויזן, דורכפירן די גרענעץ און זיך מאַטערן.

ביי אַ צווייטע קופּקע זיינען געזעסן ווייבער אין שיימלען און געהאַלטן אין איין באַרעדן אָט יענע מיידלעך, וואָס זיינען געזעסן אַ ביסל ווייטער אויסגעמישט מיט שיקסעס, שקצים און יינגען.

פון דעם פּלאַץ, ווו דאָס יונגוואַרג איז געזעסן, האָט זיך געטראָגן אַ הילכיק געלעכטער. די יינגען פּלעגן אויסציען אַ מויד אָדער אַ שיקסע אויף דעם גראָז און זיך נעמען וועטן, אַז זי טראָגט אונטער דעם קלייד גאָר נישט, כדי זי זאָל קאָנען אַלץ מער אָנטאָן. די מויד איז דערוייל געלעגן און געמאַכט קולות, ביז אַ יידענע האָט שוין נישט געקאָנט צוהערן, איז זי צו און זיי גענומען זידלען. האָט מען אָפּגעלאָזט די מויד, און עפּעס אַ יינג אַ חצוף איז אויפגעשפּרונגען, אַרומגעכאַפּט די יידענע און איר געוואָלט אַ קוש טאָן. די יידענע האָט גענומען שרייען און אַלע אַרום האָבן געפּלאַצט פון געלעכטער.

עס איז דורך אַ דייטש מיט אַ דיקן ציגאַר, זיך אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ווייַלע, אויסגעשפּיגן: „שמוציגע יודן!״ און געגאַנגען ווייטער.

זאַנוול איז אַריין אין שענק, אויסגעטרונקען עטלעכע קופּל ביר, פאַררויכערט אַ ציגאַר, זיך געזעגנט מיט דעם דייטש און אַרויס.

די סוחרים מיט די קופּקעס סחורה זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען, האָבן עס צעלייגט אין מיטן פעלד. די מולכערס האָבן פון זיך אַלץ אַראָפּגעוואָרפן, געשטאַנען אין די העמדער, אין די גאַטקס; די ווייבער אָן די בלוזקעס און אין די האַלקעס, און זיך געשטופּט, געריסן צו די סוחרים, און ווער עס איז געווען שטאַרקער, האָט געכאַפּט מער. די ווייבער האָבן געשלאָגן די מיידן און די מיידן האָבן אַרונטערגעריסן די שייטלעך ביי די ווייבער. און אָט איז צו אַ האַלבנאַקעטער שייגעץ, שטיל אָפּגעבונדן דאָס בענדל פון דער האַלקע ביי אַ מיידל. דאָס מיידל האָט געטאָן אַ שטרעק אויס די האַנט, געוואָלט כאַפּן אַ לייבל — איז זי שטיין געבליבן אין אַ פּאָר קורצע לייוונטענע מייטקעס. די ייִנגען מיט די שקצים האָבן זי אַרומגערינגלט, געמאַכט אַ ראָד, זיך פאַנאַנדערגעטאַנצט און זי נישט געלאָזט אַרויס.

אָט האָט זיך דורכשפּאַצירט דער „יידישער" אָביעשטשיק מיט די ביקס אויף דעם אַקסל, זיך געוויצלט מיט די יידן, געגעבן זיי עצות.

באַלד איז אַרויס עפּעס אַ געזונטע מויד, גענומען דעם זעלנער אונטערן אָרעם און אַוועק מיט אים אין וועדל.

זאַנוול איז געשטאַנען פון דער ווייטנס, זיך צו אַלעם צוגעקוקט. ער האָט אַ שפּיי געטאָן, אויסגעשריגן „שטינקערס" אין דער נאַכט אַריין, און פאַרשוווּנדן אין אַ זייטיק געסל.

———————

אַ פּאַרטיע קאָנטראַבאַנדיסטן מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס איז זאַנוולען אַנטקעגן געקומען.

— אַי, זאַנוול! וואָס טוסטו דאָ? — האָט אַ געלער געזאָגט.

— כ'האָב געדאַרפט זען אַ דייטש! — האָט זאַנוול רויק געענטפערט און געוואָלט גיין ווייטער.

— דערצייל עס דער „באָבע יורע", זאַנוול. מיר ווייסן דאָך, — האָט זיך אַ קליינער, ברייטבייניקער ייִנג אַריינגעמישט.

— פּימפּערנאָטער! ווער פרעגט דיך? ס׳איז דיין באָבעס דאגה? די חברה האָבן זיך איבערגעקוקט.

— נו, טאַקע! — האָט זיך דער געלער געווענדעט צום קליינעם, — אַז אומעטום מוזט דו זיך אַריינמישן! ווען ער פאַרפאָרט דיר, וואָלט מיך עפּעס געהאַרט? אָסור! וועסט זיך נאָך אַמאָל דערשפּילן! און דו, זאַנוול, וואָס רעגסטו זיך באַלד אַזוי אויף? לאָז דיר דאַכטן אַ הונט בילט! פּיליכט וואָלסטו מיטגענומען אַ פּעקל זיידנס?

— געמאַכט! — האָט זאַנוול געענטפערט, — וויפל גיסטו?

— וואָס הייסט? קריגסט אַ צענערל!

— ניין, גוטער ברודער! — פּופצן!

דער געלער איז געשטאַנען אַ ביסל, געטראַכט:

— ס׳גייט!

די פּאַרטיע האָט זיך אָפּגעשטעלט, דער געלער איז ערגעץ אַוועק, געז׳ימט זיך עטלעכע מינוט און געבראַכט אַ גרויסן פּאַק זיידנס. זאַנוול האָט אַרויפגעמאַכט די פּאַסקעס איבער זיינע אַקסלען, האָט דעם פּאַק לייכט אַריבערגעוואָרפן איבער די אָרעמס און גענומען שפּריינן. נישט ווייט פון גרענעץ האָבן זיך די חברה צעטיילט אין צווייי פּאַרטיעס. דער געלער האָט געפירט. אַלע האָבן אויסגעטאָן די שטיוול, פאַרקאַטשעט די הויזן און זיך אָפּגעשטעלט. דער געלער איז אַליין אַוועק אין וועלדל געוואָר ווערן וואָס עס הערט זיך. ער איז באַלד געקומען צוריק מיט זעלנער, געטאָן אַ מאַך מיט דער האַנט און די פּאַרטיע איז אָן שטערונג דורך די גרענעץ. דורכן וואַלד האָט מען גענומען גיין איינציקווייז. דעם גאַנצן וועג האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט. ביי דעם קלענסטן שאָרך זיינען אַלע אַריין אין דער טיפער תבואה מיט די געפּעק, געלעגן אַ לענגערע ווייל ביז עס איז ווידער שטיל געוואָרן און געשפּרייזט ווייטער.

זאַנוול איז געגאַנגען אַ מידער. דער טאָג האָט אים עפּעס אויס־געמאַטערט און ער האָט געפילט ווי אַלע גלידער ברעכן אים. ער האָט עטלעכע מאָל געוואָלט קלערן וועגן רחלען, נאָר ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צונויפנעמען זיינע געדאַנקען.

אַרום דריי אַ זייגער ביינאַכט איז די חברה געקומען אין דעם לעצטן דאָרף, וואָס געפינט זיך אונטער דער שטאָט. זיי האָבן אַראָפּ־

געגומען די פעק און זיך געזעצט רוען אין א טאָל אויף דער לאָנקע. מיט אַמאָל האָבן זיי דערהערט ווי אַ רייטער קומט אָן. די חברה האָבן געכאַפּט די פעק און זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן. זאַנוול איז אַנטלאָפן אָן אַ היטל. ער איז געווען זייער אויפגערעגט, געשפּאַנט גיך, געפילט אַ שרעקלעכע מידקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ שיסעריי.

— מען יאָגט! — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן און געבליבן שטיין. ער האָט פאַר זיך דערזען דעם אַלטן בית־עולם. ער האָט זיך פלינק אַרויפגעכאַפּט אויפן פּאַרקאַן, אַריבערגעשפּרונגען לייכט ווי אַ קאַץ און געגומען גיין צווישן די מצבות קאַלטבלוטיק, רויק... ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ הויך בערגל, אונטערגעלייגט דעם פּאַק, זיך אַנידערגעוואָרפן און איז פעסט אַנטשלאָפן געוואָרן...

9

צייט זאַנוול האָט זיך באַקענט מיט רחלען האָט ער גענומען אַלץ מער און מער אויסמיידן זיינע פריערדיקע חברים, זיך גענומען מיט זיי זעלטן טרעפן. עטלעכע וואָכן דורכאַנאַנד פלעגט ער נישט אַריינשמעקן אין שענק אַריין. זיין בעסטער פאַרגעניגן איז געווען אין דער פרייער צייט, אַרויסצוגיין מיט „מאָרוועו" אויפן ברעג פון דער „רושיקע", זיך אויסציען אין דעם טיפן גראָז און טראַכטן. און מאָרוועו פלעגט זיך אויסציען, אויפשטעלן זיינע אויערן, עפענען עטוואָס זיינע מאַנדל־אויגן און קוקן און בורטשען. און אַז זאַנוול איז געווען גוט אויפגעלייגט האָט ער זיך גענומען קאַטשען איבערן גראָז. מאָרוועו פלעגט זיך אויפכאַפּן, זיך צוזעצן אויף די הינטערשטע פיס, אַ שפּרונג טאָן צו דעם בעל־הבית, אים אַרומכאַפּן מיט די לאַפּעס, לעקן, דרייען מיט דעם עק, און אַ געזונט, האַרציק געלעכטער האָט הילכיק אָפּגעקלונגען איבער דער לאָנקע...

און אַז זאַנוול איז בייז געוואָרן אויף דעם הונט, האָט ער אים

געכאַפּט פאַר די אויערן און אַריינגעשליידערט אין דער „רוש־קע״. דער הונט איז אויסגעשווימען עטלעכע קרייזן, געקוקט מיט זיינע מאַנדל־אויגן אויף דעם בעל הבית און איז אַרויסגעשפרונגען. ער האָט זיך אָפּגעטרייסלט און איז צו צו זאַנוולען. זאַנוול האָט פון דערווייטנס געקוקט אויף דעם הונטס נאַסן קערפּער און הנאה געהאַט.

נאָר פון צייט צו צייט האָט זאַנוולען אַרומגעכאַפּט אַ בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, נאָך דער שענק, און דעמאָלט האָט ער אין אַלעם פאַרגעסן. ער האָט דערפילט ווי עפּעס צעוואַקסט זיך ביי אים, די מוסקולן ווערן שטייפער, ציען זיך אָן, דאָס האַרץ שפּאַרט זיך פון קאַסטן אַרויס, און אין אַזעלכע מינוטן האָט ער אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און אַוועק אין דער שענק אַריין.

צומאָרגנס ווען זאַנוול איז אַהיימגעקומען פון פּרייסן, האָט ער דערפילט אַ שרעקלעכע בענקשאַפט נאָך זיינע חברים, עס האָט זיך אים געוואָלט דערציילן וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין דעם נעכטיקן טאָג און ער איז געווען זיכער, אַז נאָר זיי וועלן אים פאַרשטיין.

באַלד נאָכמיטאָג איז זאַנוול אַוועק אין שענק אַריין.

דורך דער גאַנצער לענג פון שענק, צו דער וואַנט צו, איז ווי אַלע מאָל געשטאַנען אַ צאָל־באַנק. אויף דער צאָל־באַנק האָבן זיך געפונען עטלעכע באַרלקעס בראָנפן, פעסלעך ביר. אויף אַ לאַנגער קופּערנער טאַץ מיט לעכלעך זיינען געשטאַנען גלעזלעך, קופּערנע קוואַטירלעך און קופלעס. דער פּולאַפּ איז געווען אונטערגעשפּאַרט מיט אַ דיקן פירעקיקן קלאָץ, אויף וועלכן עס זיינען געווען אויסגעשניצט דאַטן, יאָרן און נעמען פון פאַרשיידענע גנבים. אונטער דער צאָל־באַנק איז געזעסן אַ הויכע דיקע יידענע — בריינע קאָזאָק — און מיט הנאה זיך געבויערט די נאָז מיט אַ פינגער. ביי עטלעכע טישלעך זיינען געזעסן יינגען און געגעסן. ביי אַ ווינקל־טישל זיינען געזעסן דריי יינגען און געטרונקען. ביי איינעם פון זיי אויף דער שויס איז געזעסן אַ יונג געפּודערט מיידל און געראויכערט אַ פּאַפּיראָס. די שענק האָט געשמעקט מיט געבראָטנס.

— זעט נאַר, זעט! — האָט זיך ברײנע צעשריען — טפוי, טפוי! אַ שײנער מענטש! ס׳פּאַסט דיר שוין גאָרנישט אַרײנצוקומען אין שענק אַרײַן!?

פון אַלע טישלעך האָט זיך געהערט: זאַנוול! זאַנוול!

פון אַלע זײטן האָט מען אים אַרומגערינגלט, אים געגעבן שלום, זיך געװיצלט.

זאַנוול האָט זיך אַ צופרידענער אַװעקגעזעצט מיט דער חברה אַרום אַ גרויסן טיש.

— פּופּצן פלעשלעך לאַגער! — האָט זאַנוול אַ געשריי געטאָן. — נו, װאָס מאַכט איר עפּעס חברה? בנאמנות, איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך אײַך!

— אַז דו ביסט אַזאַ פריץ געװאָרן! מען זעט דיך נישט אויף דער ליכטיקער שײן! װאָס טוסטו גאַנצע טעג? — האָט זיך „גראַדול“, אַ הויכער, געשטופּלטער ייִנג, מיט צװײ שניט אין דער לינקער באַק, אָנגערופן.

— כ׳װײס? — האָט זאַנוול געענטפערט — מען פטרט די צײַט, כ׳װײס אַלײן נישט מיט װאָס.

— אָ, דאָס איז אמת, ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט און אַ װינק געטאָן צו דער חברה — „נאַש בראַט“ טאָר זיך נישט אַרײַנלאָזן אין צו װײַטע דרכים מיט אַ מויד! דאָס איז אַ געשעפט פאַר יאָלדן! ס׳געפעלט דיר אַ מויד, האָב חתונה, און אויב נישט — גיט מען איר אַ קװעטש און פטור! גלויב מיר זאַנוול, מאַנקע הערט דאָך דאָס נישט — האָט גראַדול װײטער גערעדט און אַ גראָבן װינק געטאָן מיט די אויגן — מען קאָן מיט איר לעבן אַ יאָר אָן אַ װײַב.

חברה האָבן זיך געשטיקט פון געלעכטער.

מאַנקע איז ברוגז געװאָרן:

— װי לאַנג קרענקסטו, דו געשטופּלטער הונט, װי כ׳װעל שוין מיט דיר נישט רעדן!

— אָבער װעגן װאָס האָסטו זיך אַזוי צערעדט? — האָט זיך זאַנוול געפרעגט בײַ גראַדולן.

— איך װעל דיר זאָגן—האָט מיט אַ שמײכל אָנגעהויבן משהלע, אַ ייִנג װי אַ ריז. — אַנומלט קומט דער „קעלביקער“ און דערצײלט,

אַז דו האָסט אים געשטערט. ער איז פאַרפאָרן שפּעט ביי נאַכט מיט אַ פור און געוואָלט ביי נתן דעם אָגראָדניק אַרויסנעמען עטלעכע קערץ מערן. ער גייט צו און בלייבט אַ פאַרציטערטער: דו גייסט אַרום איבערן פעלד, האַלסט אַ מויד אויף דער האַנט און שלעפּסט זי אײן ווי אַ פּיעסטענקע אַ קינד! ער איז שיער נישט צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער, נאָר ער האָט מורא געהאַט און זיך אָפּגעטראָגן.

זאַנוול איז בלאַס געוואָרן און זיך צעשמייכלט.

— עפּעס אַ שיין מיידל? — האָט אים מאַנקע געפרעגט, צוקומענדיק צו אים — שענער פון מיר? זאַנוול, געדענקסט, אַמאָל בין איך געווען דיינע. דו פלעגסט מיר קויפן לאַקירטע שיך! יאָ, יאָ...

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, אַרומגענומען מאַנקען און אַרויפגעזעצט זי צו זיך אויף דער שויס.

חברה האָבן צעעפנט די פלעשלעך, געטרונקען, דערציילט מעשיות.

גראַדול האָט זיך פאַרגנבעט אונטער מאַנקעס פּלייצע און איר אַריינגעגאָסן אַ ביסל ביר אין קאַרק אַריין.

מאַנקע האָט אַ צאַפּל געטאָן, גענומען זיך פּיעשטשען ווי אַ קליין קינד, געסטראַשעט, אַז זי וועט דערציילן פאַר זיין ווייב.

— וואָס, דו האָסט שוין אַ ווייב? וואָס איך הער? — האָט זיך זאַנוול אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— וואָס דען, ברודער, אַ הינטיש לעבן דערעסט! איינבעטן זיך אַ קוש ביי מאַנקען? דאָ קויף איר שיך, דאָ — אַ קאָרסעט, און אַז ס'קומט צו עפּעס וועט זי דיר ווייזן אַ פייג! מכות! האָב איך אַ ווייבעלע, ברודער, אַ צאַצקע! פון וואַרשע קומט זי, אַ קליינס, אַ שוואַרצס, ווי אַ מייזל, און נעמט עס קושן איז... ווער איך פאַרכאַפּט, און קאָכן קאָכט זי, ברודער, אַן אַנטיק! און וואָס דאַרף איך נאָך?

— דאַכט זיך אַ גליקלעכער מענטש — האָט זיך מאַנקע געווענדעט צו זאַנוולען — און פונדעסטוועגן מאַכט ער מיר דעם טויט!

חברה האָבן געשמייכלט.

גראַדול האָט אַ צי געטאָן מיט איין זופּ אַ קופל ביר און אַ קלאַפּ געטאָן זאַנוולען איבער דער פּלייצע:

— קום אַריבער, זאַנוול! „מיינע" וויל זיך מיט דיר באַקענען.

— ווּ האָסטו זי געגומען?

— ס'הייסט ווּ? כ'בין געווען אויף פּראַגער יריד, נו, באַקען איך זיך מיט אַ מיידל, איז זי מיר געפעלן געוואָרן, האָט מען גע־שטעלט אַ חופּה און פאַרטיק!

זאַנוול האָט באַשטעלט נאָך צען פלעשלעך.

אַ דאַרער יינג האָט אַרויסגעצויגן אַ האַרמאָניע, פאַרשאַרצט זיין קליין היטעלע, איינגעבויגן דעם קאָפּ און גענומען שפּילן אַ וואַלס.

מאַנקע איז אַראָפּ פון זאַנוולס שויס, מיט איין האַנט האָט זי צוגעהאַלטן איר קורץ קליידל און לייכט צוגעקלאַפּט צום טאַקט. פון אַ ווינקל האָט זיך באַלד באַוויזן אַ שייגעץ מיט אַ שיקסע און גע־נומען טאַנצן. דער שייגעץ איז געווען האַלב שכור, מיט פאַרלאָפענע אויגן און צעשויבערטע האָר. ער האָט פעסט אַרומגענומען די שיקסע, זי עטוואָס אויפגעהויבן און זיך מיט איר גענומען אַרומדרייען, אַרויס־לאָזנדיק כריפּענדע קולות.

מאַנקע האָט אָנגעכאַפּט זאַנוולען פאַר די הענט, אים אויפגע־שטעלט און זיך געלאָזט מיט אים איבער דער שענק. זאַנוול האָט מיט איר געטאַנצט. נאָר אין מיטן האָט ער חרטה געקריגן, זיך אויס־געדרייט, האָט עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַנט די שענק און זיך געזעצט.

דער יינג האָט גענומען שפּילן אַ מאַזורקע.

מאַנקע האָט געכאַפּט גראַדולן, זיך גענומען מיט אים דרייען גיך, שטאַרקער. איר לייכט קליידל האָט זיך אויפגעבלאָזן ווי אַ קאַראַזעלע. און יעדעס מאָל, ווען זי האָט זיך געדאַרפט צוזעצן און אַ קלאַפּ טאָן מיט איר אָבצאַס, האָט זי אַ דריי געטאָן מיט דעם פוס; אַז דאָס קליידל איז זיך צעפלויגן און די פיס האָבן רייצנד אַפער־געקוקט פון אונטער די געפּאַסטע זאָקן.

חברה האָבן געגאַפט.

דער יינג האָט אויפגעהערט שפּילן, אָפּגעווישט דעם שוויס. האָט דערזופט זיין קופל ביר און גענומען שפּילן פון „שמענדריק".

אַלע האָבן מיטגעזונגען:

האָצמאַך איז אַ בלינדער,
ווּ זיינען זיינע קינדער?

מאַנקע איז צו צו זאַנוולען, זיך געזעצט אויף זיין שויס און מיטגעזונגען. איר פּנים האָט געפלאַמט, די נאָז-פליגל האָבן זיך געהויבן ווי ביי אַ יונגן זשרעבאַקל. זאַנוול האָט אויף איר געקוקט, הנאה געהאַט און זי שטאַרק אַרומגענומען.

די חברה האָבן זיך אַלץ העכער און העכער צעזונגען. בישט וויט איז געלעגן דער שכורער שייגעץ און זיך געריסן אויף זיין הייזעריק קול. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מענטשן זיצן, האַלטן אייזערנע טעפּ און קראַצן מיט טעמפּע מעסערס.

מאַנקע האָט אָנגעשפּאַרט איר קעפּל אויף זאַנוולס ברוסט:

— זאַנוול, קום צו מיר היינט ביינאַכט! וועסט קומען? געדענקסט, פּלעגסט זאָגן, אַז דו האָסט מיך ליב. גיי, ביסט אַ שלעכטער! דו האָסט שוין אַן אַנדער מיידל. זאַנוול, ווער איז שענער? ווער, מאַנקע? כאַ, כאַ!

זאַנוול איז צעמישט געוואָרן, און געפילט, אַז ער ווערט בלאַס. ער האָט מאַנקען אויפגעהויבן אויף די הענט און זי אוועקגעזעצט אויף אַ ליידיקן שטול. אים האָט זיך געדאַכט, אַז רחל שטייט אין ווינקל אַ בלאַסע, אַ פאַרוויינטע און קוקט אויף אים, קוקט ווי ער האַלט מאַנקען. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, זיך אויפגעשטעלט, געטאָן גראַדולן אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע און אַרויס מיט אים אויף דער גאַס.

אַ לענגערע צייט איז זאַנוול געגאַנגען און געשוויגן. ער האָט זיך דערפילט עפּעס ווי דערשלאָגן. עס האָט אים זייער געקרענקט, וואָס די חברה ווייסן, אַז ער האָט אַ מיידל, און צומיינסטן האָט אים געאַרט, וואָס ער האָט געהאַלטן מאַנקען די גאַנצע צייט אויף דער שויס. עס האָט זיך אים איצט געוואָלט זיין איינער אַליין מיט מאַרוועך, זיך אויסציען אונטערן עפּל-בוים, פאַרמאַכן די אויגן און רויק טראַכטן.

— וואָס ביסטו עפּעס אַזוי פאַרחושט? — האָט גראַדול אים געפרעגט.

— כ'ווייס... עפּעס פאַסקודנע אין מויל, און דערצו טוט מיר דער קאָפּ ווי...

— עה, זאַנוול, ביסט דאָך ערגער פון אַ יידענע! און אַז מען טרינקט שוין אויס אַ פינף פלעשלעך, טאָ וואָס? זעסט, מיך הויבט

עס נישט אָן צו אַרן! איך גיי מיר און קלער פון מאַנקען. ווייסט, די מויד ווערט שענער פון טאָג צו טאָג! און זי קריגט דאָך די פגירה פאַר דיר!

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר, וואָס איז מיט דיר? האָסט דאָך ערשט חתונה געהאַט און קלערסט שיין וועגן מאַנקען?

— ביסט אַ יאָלד, זאַנוול! אַ ווייב איז אַ ווייב! כ'האָב זי דאָך תמיד! און מאַנקע איז עפּעס אַנדערש! שרעק זיך נישט, ס'וועט פאַרן ווייב אויך בלייבן, כ'בין ברוך השם אַ געזונט יינגל!

זאַנוול האָט נישט געענטפערט. ער האָט געפילט ווי אַלץ אין אים נעמט זיך הויבן...

— אָט דאָ וווין איך — האָט זיך גראַדול אָנגערופן, ווייזנדיק אויף אַ קליין הייזל.

גראַדול האָט ברייט געעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט זאַנוולען.

— ביילע, אָט דאָס איז מיין חבר, זאַנוול, וועגן וועלכן כ'האָב דיר דערציילט.

ביילע, אַ קליין שוואַרץ־חנעוודיק ווייבל אין אַ גאַבערדלע מיט טערקישע בלימלעך, מיט אַ לאַנגן צאָפּ אַראָפּ ווי ביי אַ יונג מיידל, איז רויט געוואָרן, אַ שמייכל געטאָן און זאַנוולען דערלאַנגט אַ קליין וואַרעם הענטל.

— נו, זאַנוול, ווי געפעלט דיר עפּעס מיין ווייבל? — האָט גראַדול געזאָגט, אָנגענומען ביילען פון הינטן און זי אויסגעדרייט מיט דעם פּנים צו זאַנוולען.

זאַנוול איז געוואָרן צעמישט, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן און זיך קינדיש צעשמייכלט.

— נו, ביילע, יעצט גיב עפּעס אין מויל אַריין! עפּעס גוטס, צוליב אונזער גאַסט!

— געוויס, געוויס! אַנטשולדיקט זאַנוול, כ'קום באַלד אַריין! — האָט ביילע געזאָגט מיט אַ שמייכל און איז אַריינגעשפּרונגען אין צווייטן צימער.

— נו, זאַנוול, דעם אמת זאָג, זי געפעלט דיר? אַ שעלמאַ, האָ?

— מעגסטו זיך נישט באַגראָבן, זאָג? אַז מען האָט אַזאַ ווייל זייבל, זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט מאַנקען. שעם זיך, דו „בעל־תכלית" איינער!

— שריי נישט אַזוי, זי קאָן נאָך הערן — האָט זיך גראַדול אָפּ־גערופן, און זיין געשטופּלט פּנים האָט געשיינט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ביילע אַריין אויסגעפּוצט אין אַ שוואַרץ לייכט קלייד, אַ ווייס זיידענע בלוזקע מיט שוואַרצע פּאַסעקלעך. זי האָט געטראָגן אַ טעלער מיט אויבס, ווײַן, איינגעמאַכטס.

— וואָס זאָגסטו נישט ווי זי האָט זיך דאָס אויסגעפּוצט? פאַרן אייגענעם מאַן איז גאָרנישט, קומט נאָר אַ פרעמדער מאַנסביל, פּוצט מען זיך שוין!

ביילע האָט געקוקט אויף זאַנוולען און אַ פאַררויטלטע גע־שמייכלט.

— נעם עפּעס, זאַנוול! זײַ ווי ביי זיך אין דערהיים! — האָט גראַדול געזאָגט אַ שיינענדיקער.

ביילע איז געזעסן, פאַרלייגט איין פוס אויף דעם צווייטן, און גערעדט, דערציילט מעשיות פון וואַרשע. און זי האָט גערעדט אַזוי גלאַטיק, אַזוי שיין! זאַנוול האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון איר, זיך צוגעהערט ווי זי דערציילט. איר שטימע האָט אים געקלונגען עפּעס אַזוי אָנגענעם. ווען זי האָט אַ שמייכל געטאָן, האָט ער באַמערקט, אַז עס פעלט איר פון פאָרנט אַ קליין ציינדל און ער האָט אויסגעפונען, אַז אַזוי איז זי נאָך שענער, בחנעוודיקער... און זי האָט גערעדט מיט די „רייש", געזאָגט „יאָך", געשלונגען האַלבע ווערטער, געשמייכלט, און דאָס האָט זאַנוולען פאַרשכורט.

גראַדול האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער קאַנאַפּע, געהערט ווי זיין ווייבל רעדט. ער האָט געטראַכט, אַז אויב זי זאָל זיך נאָר טויגן, קאָן זי ווערן די „מאַטקאַ" פון אַלע גנבים, און דעמאָלט האָט ער אָפּ־געזאָרגט. ער האָט פאַר גרויס שמחה עפּעס אונטערגעזונגען און איז אַזוי אַנטשלאָפן געוואָרן. באַלד האָט ער זיך געלאָזט הערן איבער דעם גאַנצן צימער. ער האָט פאַרריסן זיין פוס אין דער הייך ווי אַ קראָקווע און גענומען שנאָרכן.

ביילע און זאַנוול האָבן זיך צעלאַכט.

זאַנוול האָט געוואָלט עטלעכע מאָל אַוועקגיין, נאָר ביילע האָט אים אַלץ געבעטן ער זאָל נאָך בלייבן. זאַנוול איז אונטערגעזעסן אַ ביסל און ביים אַוועקגיין האָט אים ביילע לאַנג געדריקט די האַנט. זי האָט אים געקוקט מיט איר ליבלעכן שמייכל אין די אויגן און פאַרלאַנגט פון אים אַ באַשטימטן טאָג ווען ער וועט קומען.

אַז זאַנוול איז ארויס, האָט ער לייכטער אָפּגעאָטעמט און אַ טראַכט געטאָן:

— אַ וווּיל ווייבל, אויף מיין וואָרט!

באַלד אָבער איז ער ווי צעמישט געוואָרן און אָפּגעויפצט, ווי אַ שווערע משא וואָלט זיך מיט אַ מאָל אַרויפגעלייגט אויף זיין האַרץ.

— „סאַכאַר מאָ-ראָ-אָזשני!“ — האָט זיך צעזונגען אַ הויכער קאַ-צאַפּ אין אַ בלוי העמדל, סאַמע אונטער זאַנוולס נאָז, טראָגנדיק אַ באַרלקע אויפן קאָפּ.

— וועלכער שוואַרץ יאָר האָט געבראַכט דעם קאַצאַפּ אַהער? — האָט זאַנוול בייז אַרויסגערעדט.

משה „קוניאַרזש“ האָט זיך געשלעפּט איבער דער גאַס, געפּראַכט ווי אַ געפּאַשעטע גאַנז.

— ווי דאָס באַקט זיך! ווי דאָס שלעפּט קוים דעם קאָלדן! — האָט זאַנוול צו זיך גערעדט — ווען איך כאַפּ דעם בחור אין אַ ווינקל, וואָלט איך אים אָנגענומען פאַר די אויערן, צוגעזעצט מיין קני צו זיין פּעטן פּוענץ און אַ ביסל איינגעפּרעסט, דינער געמאַכט.

— אויף וואָס פאַר אַ וועלט ביסטו? — האָט זיך שלמה צעשריגן, זעענדיק ווי זיין זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן דער גאַס און גענומען רעדן צו זיך אַליין.

זאַנוול האָט זיך אַרומגעקוקט, דערזען דעם פאָטער און זיך צע-שמייכלט:

— אַ כאָליערע! די חברה האָבן מיך געכאַפּט, נו, האָט מען אַ ביסל אויסגעטרונקען!

— שפּאַרט מען זיך צו! מען וועט דאָך מיינען, אַז דו ביסט משוגע געוואָרן!

זאַנוול איז אַריין אין שטוב, אָנגעזאָגט מען זאָל אים אַרום אַכט אַ זייגער אויפוועקן, אַרויסגענומען אַ קישן מיט אַ קאָלדרע,

מיטגענומען מאָרוועז און זיך אויסגעצויגן אונטערן עפּל־בוים. ער איז גיך איינגעשלאָפן. דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן צוקאָפּנס, אַרויס־געשטעקט די צונג און געדרעמלט.

10

דער טאָג, ווען רחל פלעגט זיך דאַרפן זען מיט זאַוולען, האָט ביי איר אויסגעקוקט ווי אַ יאָר. זי האָט זיך תמיד אויפגעכאַפּט מיט דעם געדאַנק, אַז היינט זעט זי זיך מיט אים. אירע אַלע באַוועגונגען זיינען יענעם טאָג אויסגעקומען געשיקטער, יעדע זאַך האָט זי געטאָן אין איילעניש, גלייך ווי זי וואָלט געוואָלט דעם טאָג וואָס גיכער דורכשטופּן. אין פעלד איז רחל אַרומגעלאָפן ווי אַ צעטראָגענע, גע־האַלטן אין איין איילן זיך, יאָגן די שיקסעס. זי האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרקליבן אין דער בודע, זיך צוגעשפּאַרט, באַלד זיך איבערגע־וואָרפן, צוריק אַרויס, און מיט אַ שעה פריער האָט זי יענעם טאָג אַהיימגעלאָזט די שיקסעס.

אַהיימקומענדיק, פלעגט רחל אַראָפּנעמען די מעשענע מידניצע און זי אָנגיסן מיט קאַלט וואַסער. אַרויסנעמען אַ שמעקעדיק שטיקל זייף און זיך איינוואַשן. מיט אַ ווילדער הנאה האָט זי זיך איינגעהערט, ווי די מידלינעס האָבן געקנאַקט, זיך געשפּאַרט דורך די צעשפּנטע פינגער. ווי די ווייסע מידלינעס צעלויפן זיך און מחנות רעגנבויגן־בלעזלעך באַווייזן זיך דאָ און דאָרט. זי האָט באַטראַכט אין שפּיגל איר ווייס לייב, ווי פריש דאָס איז, און עס גענומען איינרייבן מיט קאַלט וואַסער און זייף. דאָס לייב איז פון דעם קאַלטן וואַסער פרישער, שטייפער געוואָרן און פון יעדן קאַלטן רייב האָט זי געפילט, ווי דאָס לייב ציט זיך אָן, פונקט ווי אַ סטרונע.

פאַרנאַכט. רחל האָט זיך אָנגעטאָן אַ לייכט ציצן קליידל, אַ ציצענע בלוזקע מיט אייגעלעך אין מיט אַן אַריבערגעלייגטן קאָלנער, אַרומגעשנירלט אַרום האַלז אַ רויט בייטשל קרעלן, געשטאַנען אַ ווײַלע אין שפּיגל, זיך שטיל צעזונגען און אַרויס.

זי איז גיך אַוועק אין פעלד אַריין.

גייענדיק האָט רחל געריסן ווייס־בלוילעכן „כאַבער" און געפלאָכטן אַ קראַנץ. זי איז זיך עטלעכע מאָל דורכגעגאַנגען ביז צום וועלדל, געטראַכט וואָס צו ריידן מיט זאַנוולען, ווי ער איז דורך די גרענעץ. זאַנוול האָט שוין געדאַרפט זײַן. רחל האָט אָנגעהויבן ווערן אומגעדולדיק. זי האָט געוווסט דעם וועג, דורך וועלכן ער קומט אָן, איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט דעם קראַנץ כאַבער אויפן קאָפּ, די אויגן ברייט צעעפנט און געקוקט, געזוכט אין אַלע זייטן. עס האָט זיך באַוויזן אַ שאָטן און באַלד איז אַרויסגעשוומען אַ הויכע פיגור.

— זאַנוול! זאַנוול! — האָט זיך רחל געפרייט און גענומען שפּאַנען אַנטקעגן.

די פיגור איז נאָך געגאַנגען עטלעכע טריט, זיך אַרײַנגעדרייט אין אַ זײַטיק געסל און איז פאַרשוווּנדן.

עס איז דורך אַ שעה, רחל איז געוואָרן נערוועזער און אַלץ אין איר האָט גענומען קאָכן. זי איז אַריין אין דער בודע און זיך צעוויינט.

— ער וועט שוין קיינמאָל נישט קומען, קיינמאָל — האָט רחל מיט זיך גערעדט. — און אויב ער וועט קומען וועל איך אים הייסן גיין, יאָ! וואָס ווייס אַ פערד־גנב פון ליבע? איך ליג יעצט דאָ, דאָס האַרץ ווערט מיר צעריסן אויף שטיקער, וואַרט אויף אים, און ער קריכט געוויס יעצט אין אַ שטאַל אַריין און נעמט אַרויס אַ פּאָר פערד. ברררר... גוט אויף מיר! גוט אַזוי!

— און טאָמער האָט מען אים נעכטן געשאָסן? — איז איר דורך אַ געדאַנק — ער איז דאָך אַוועק מיט אַ פּאַרטיע פערד איבער דער גרענעץ, און ביי דער גרענעץ שטייען דאָך אַזויפיל זעלנער מיט אָנגעלאָדענע ביקסן! יאָ, מען האָט אים געוויס דערשאָסן, אַנדערש וואָלט ער געקומען!

רחל האָט זיך אַנידערגעוואָרפן מיט דעם פּנים צום גראָז און האָט זיך צעכליפּעט.

פאַר איר האָבן זיך געהויבן געדיכטע וואָלקנס שטויב. פון די וואָלקנס איז זאַנוול אַרויסגעשווומען אויף אַ שוואַרץ פערד, די פּאַר־טיע נאָך. עס זיינען אָנגעקומען זעלנער. עס האָט זיך געהערט אַ שיסעריי. זאַנוול איז אַראָפּ פון פערד, געבליבן ליגן אין אַ טייך בלוט. די פערד זיינען דורכגעשפרונגען, א׳ם צעטראָטן און אין דער לופט האָט געקלונגען:

— רחל, רחל! מיין רחטשע! — — — — — — — — — — — — — —

— —

יג

זאַנוול האָט אין שלאָף געוווסט, אַז ער פאַרשפּעטיקט, געוואָלט זיך עטלעכע מאָל אויפכאַפּן, נאָר ער האָט נישט געקאָנט. צום סוף איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי, ווי אַן אָפּגעבריטער, און זיך אַרומגעקוקט. עס איז שוין געווען גוט פינסטער, נאָר דער טונקל־בלויער הימל מיט די מחנות שטערן האָבן איבערגעוואַלט דורכגעריסן דאָס פינסטערניש און באַלויכטן אַלץ אַרום.

זאַנוול האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם זייגער:

— אַ כאָליערע, אַנדערטהאַלבן שעה פאַרשפּעטיקט! דאַכט זיך אָנגעזאָגט דעם „אַלטן“ ער זאָל אויפוועקן... און ווער ווייסט צי כ׳וועל זי יעצט טרעפן? זי וועט זיך געוויס טראַכטן: גיי האָב צו טאָן מיט אַ גנב!

זאַנוול האָט גענומען קריצן מיט די ציין, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און האָט האַסטיק גענומען שפּריצן צו דעם ברונעם, וואָס איז געשטאַנען אין עק הויף. ער האָט אָנגעשעפּט מיט דעם „זשוראַוו“

אַן עמער וואַסער, זיך אָנגעטרונקען, איינגעוואַשן און גענומען שפּאַנען מיט אַלע כּחות אין פעלד אַריין.

דעם גאַנצן וועג איז זאַנוול כּמעט געלאָפן, גאָר נישט געטראַכט. ער האָט נאָר געשפּירט ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אים. ווען ער איז צוגעקומען צו דעם אָרט, וווּ זיי האָבן זיך געדאַרפט טרעפן און האָט קיינעם נישט געזען, האָט זאַנוול מיט אַמאָל דערשפּירט ווי עפּעס רייסט זיך ביי אים אָפּ און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט באַטראַכט דאָס פעלד אַרום און אַרום. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט דאָרט לעבן בערגל זיצט עמעצער. אַ פּאַרציטערטער איז ער צוגעגאַנגען — אַ פּיען איז געלעגן. מיט פאַרקוועטשטע פויסטן האָט זיך זאַנוול אַוועקגעזעצט אויף דעם פּיען און גענומען טראַכטן. ער האָט אָבער מער ווי עטלעכע קללות אויף דעם „אַלטן“ נישט געקאָנט צוטראַכטן. ער האָט אויפגעהויבן אַ דיקע צווייג און זי גענומען ברעכן אין שפּענער. און פּלוצלינג האָט ער באַמערקט מאָרווען.

— פון וואַנען נעמט זי זיך דאָ? דאַכט זיך דעם גאַנצן וועג האָב איך זי נישט געזען. און ווער דאַרף זי דאָ?

זאַנוול האָט אָנגעכאַפּט מאָרוועו פאַר די אויערן, זי גענומען טרייסלען, שטויסן מיטן פוס.

מאָרוואָ האָט זיך צוגעזעצט, איינגעקאָרטשעט, געקוקט אַ פאַרוואונדערטער אויף דעם בעל־הבית, און זיינע מאַנדל־אויגן האָבן געטענהט: פאַרוואָס? זאַנוול האָט פאַרשטאַנען דעם הונטס שאלה און מיט רחמנות אים גענומען האַלזן, זיך מיט אים אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז אויף דעם גראָז. אַזוי איז ער געלעגן עטלעכע מינוט. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין רחלען און דאָס האַרץ האָט אים ווידער פאַרקלעמט. ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און זיך געשלעפּט איבער דעם פעלד. פאַרבייגייענדיק די בודע, האָט זאַנוול אַריינגעקוקט און האָט אַ צאַפּל געטאָן: עמעצער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דעם גראָז.

— רחל!

רחל האָט זיך אַ האַסטיקן דריי געטאָן, דערזען זאַנוולען און האָט זיך צוריק געלייגט ווי פריער.

זאַנוול איז עטוואָס צעמישט געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, און זי גענומען וועקן.

— רחל, ביסט ברוגז? זיי נישט ברוגז, אַז אויף מיין וואָרט, כ׳בין נישט שולדיק, כ׳האָב אָנגעזאָגט מען זאָל מיך אויפוועקן מיט אַ שעה פריער, נו, האָט מען מיך אינגאַנצן נישט אויפגעוועקט! גלויבסט נישט? כ׳בעט דיך, רחל! ביטע!

רחל האָט זיך אויסגעדרייט, געקוקט אויף אים האַלב ברוגז:

— און פאַרוואָס האָב איך נישט פאַרשפּעטיקט, געקומען נאָך מיט אַ שטיק צייט פריער?

זאַנוול האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי אַ ייִנגל וואָס מען כאַפּט ביי אַ ליגן.

— אָבער איך ווייס פאַרוואָס — האָט רחל דרייסטער געזאָגט, — ראָס איז דערפאַר, ווייל דו קלערסט גאָרנישט וועגן מיר! האָסט תמיד אין זינען דיינע פערד און ווער ווייסט וואָס? זעסט, פון דערפרי אָן ביז יעצט קלער איך אַלץ פון דיר, כ׳וואַרט אַלץ, אַז די נאַכט זאָל קומען — — און יעצט, אַז דו ביסט נישט געקומען, וואָס איך האָב אַלץ נישט איבערגעטראַכט, גאָט מיינער! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט דיך געהרגעט. כ׳ווייס וואָס? — — —

זאַנוול האָט געפילט ווי עס ווערט אים לייכטער אויף דעם האַרץ. עס האָט זיך אים געוואָלט אַלץ איר זאָגן, דערציילן וועגן מאַנקען, וועגן ביילען... באַלד האָט ער זיך אָבער געטראָפן מיט רחלס שוואַרצע אויגן, איז צעטומלט געוואָרן און די צונג האָט זיך אים צוגעשמידט צו דעם גומען.

רחל האָט באַמערקט, אַז זאַנוול איז אין אַ פאַרלעגנהייט, האָט זי זיך צוגערוקט צו אים, און ווי אַ מאַמע האָט זי אים געגראָזשעט מיט אַ פינגער:

— הייסט עס, זאָגסטו מיר צו, אַז...

— אויף מיין וואָרט — האָט איר זאַנוול איבערגעשלאָגן — כ׳בין נישט שולדיק! אַז זיי האָבן מיך נישט אויפגעוועקט — — — גלויב מיר, רחל, איך וועל שוין פאַרזאָגן אַ צענטן זיך נישט צו לייגן שלאָפן!

— כאַ, כאַ, כאַ! — האָט זיך רחל צעלאַכט, זיך אַרויפגעזעצט זאַנוולען אויף דער שויס און אים אָנגענומען פאַר דער גאָמבע: — כ׳האָב געמיינט, דו וועסט שוין נישט קומען, כ׳וועל שוין קיינמאָל נישט זיצן מיט דיר, אָט אַזוי! נו, דערצייל מיר עפּעס! וויאַזוי האָסטו

דורכגעפֿירט די פֿערד? דו ווייסט גאָרנישט, ווי שיין דו ביסט געווען, זיצנדיק אויפֿן שוואַרצן אָגער. ס׳האָט דיר נאָר געפֿעלט אַ ווייסער פֿלאַשטש! האָסט מיך עפּעס ליב, זאַנוול? זאָג! — — —

זאַנוול איז געלעגן ווי פֿאַרשכּורט פֿון פֿרייד. ער האָט איר דערציילט ווי אַזוי ער איז דורך די גרענעץ. זי איז געלעגן אויף זיין שויס ווי אַ קליין קעצעלע, זיך איינגעטוליעט אין זיין ברייטער ברוסט און זיך צוגעהערט. זי האָט אַראָפּגענומען דעם קראַנץ בלומען פֿון איר קאָפּ, אים אָנגעטאָן זאַנוולען און זיך נאָך שטאַרקער געטוליעט.

פֿאַר אירע אויגן האָט זיך געוועבט אַ גרויסער געדיכטער וואַלד. זי איז געזעסן אונטער אַן אַלטן דעמב, די האָר צעשאָטן און געפֿלאָכטן אַ קראַנץ. עס האָט זיך באַוויזן אַ פֿאַרבלאָנזשעטער וואַלד־פּרינץ אויף אַ שוואַרץ פֿערד. ער האָט זיך דריי מאָל פֿאַר איר געבויגן און געבעטן דעם קראַנץ. זי האָט דעם פּרינץ אָנגעטאָן דעם קראַנץ אויף זיינע בלאָנדע לאָקן. דער פּרינץ האָט זי איינגעוויקלט אין זיין ווייסן פֿלאַשטש און דאָס פֿערד האָט זיך געטראָגן וואַלד־איין, וואַלד־אויס

— — — — — — — — — — — — — — —

שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך רחל אויפֿגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט און אַ פֿאַרשכּורטע אַרויס פֿון דער בודע. עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש. רחל איז געשטאַנען אַן איבערגעשראָקענע, מיט ווייט צעעפֿנטע הענט. אַנטקעגן איר איז געשטאַנען מאַרווע, עטוואָס אויסגעצויגן, מיט אויפֿגעשטעלטע אויערן און געבורטשעט.

— „אַ טי פּשאַ קרעוו!“ — האָט זאַנוול אַ געשריי געטאָן און גענומען רייסן דעם הונט פֿאַר די אויערן. — האָסט זיך איבערגעשראָקן? דאָס איז דאָך מיין הונט!

רחל האָט באַטראַכט דעם שוואַרצן קודלאַטן הונט און ער איז איר געפֿעלן געוואָרן.

זיי זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט איבערן גראָז און געשוויגן.

— רחל, דו ווייסט, מיין שוועסטער האָט אין קורצן חתונה?

— אַזוי? און טאַקע מיט דעם בעל־עגלה? ווי הייסט ער?

— יאָ. מיט בערקען!

— זאַנוול, וואָלסט געוואָלט כ׳זאָל זיין אויף דער חתונה? — האָט רחל געזאָגט, זיך אָפּגעשטעלט און אים געקוקט גלייך אין די אויגן.

— צי איך וואָלט געוואָלט... אָבער, כ׳ווייס?... וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

— אַז מיך אַרט נישט, וואָס אַרט עס דיך, נאַרעלע! טאָ הער, זאַנוול, פאַר דער חתונה, לאָז דיין שוועסטער קומען און בעטן מיך מיט דער אַלטער דינסט. די אַלטע וועט שוין פועלן ביים טאַטן כ׳זאָל ביין, הערסט, וועל איך מיר מאַכן אַ באַלאָווע קלייד! איינס אין פוילן! דו וועסט זען ווי דיין רחל וועט אויסזען אין אַ ווייס זיידן קלייד ביז צום טריט. און אין קאָפּ וועל איך מיר אַריינזעצן אַ ווייסע רויז, וועל איך זיין שיין! נאָר געדענק — האָט רחל ערנסטער געזאָגט און צו־געשטעלט אַ פינגער צו דער נאָז — אויף דער חתונה מאַך זיך, אַז דו קענסט מיך נישט! פאַרוואָס שווייגסטו? גיי, איך האָב דיך פיינט!

זאַנוול האָט זי געכאַפּט אין זיינע אָרעמס און באַדעקט איר פּנים מיט קושן.

12

שוין עטלעכע טעג ווי ביי שלמהן האָט די טיר נישט גערוט. מען האָט געהאַלטן אין איין קומען און אַוועקגיין. שלמה איז אַפילו דערפון נישט איבעריק צופרידן געווען, דען ביי יעדן עפן פון דער טיר, האָט ער אויך געמוזט עפענען דעם בייטל, נאָר ער האָט זיך נישט שטאַרק גענומען צום האַרצן. אַ קלייניקייט, חתונה מאַכן דאָס ערשטע קינד! און ווען מאַכט זיך נאָך אַזאַ שמחה?

שלמה איז אַריינגעקראָכן אין זיין שבתדיקער קאַפּאָטע, געזעסן גאַנצע טעג אין שטוב און געזען, אַז אַלץ זאָל זיין בהרחבה.

אין מיטן שטוב איז געשטאַנען חנה אין אַ ווייסע האַלקע מיט אַ לויזע בלוזקע און האָט אַריינגעלייגט אין אַ גרויסן שטרויענעם קויש איר אויסשטייער. זי האָט צעוואָרפן אַ העמד מיט אַן אויסגע־האָפטענעם קאַרטשיק, זיך פאַרטראַכט, עס צונויפגעלייגט, געפּאַקט ווייטער און אַ גליקלעכע געשלונגען דעם ריח פון פריש געבעקס.

תּרצה מיט שרהן זיינען געשטאַנען אין קיך און בלוזקעס און געציילט דאָס געבעקס, וואָס דער בעקער האָט נאָר וואָס געבראַכט.

פון מאָל צו מאָל איז תּרצה אַריין צו שלמהן, פאַרוואָרפן איר פאַרטוך אויף דער נאַקעטער ברוסט:

— שלמה?

— וואָס איז?

— און וואָס הערט זיך מכּח פיש?

— דאגה נישט, תּרצה! מיר וועלן האָבן איינמאָל פיש! לעבעדיקע, צאַפּלדיקע! פינף שקצים זיינען נאָר וואָס אַרויס צו דער „זשאָל-דעווקע".

תּרצה האָט אַ שטופּ געטאָן שלמהן מיטן עלנבויגן און אים געוויזן אויף חנהן, וואָס איז געשטאַנען אַ צעפלאַמטע און באַטראַכט איר בלוי-זיידן קלייד.

— ווי לאַנג איז ווי איך בין אַזוי געשטאַנען? — האָט תּרצה אָפּגעזיפצט — שלמה, נו, אויף אַ טשיקאַוועס, געדענקסט פאַרע חופּה-קלייד איך האָב געטראָגן?

— פרעג מיך עפּעס בעסערס! — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ שמייכל.

די טיר האָט זיך געעפנט און ישראל לערער, אַ דאַר מענטשל אין ברילן, האַלב-קורץ געקליידט איז אַריין. מיט איין האַנט האָט ער פאַרריכט זיין גומענעם קאָלנער, וועלכער האָט זיך אים אַרויסגערוקט, און מיט דער צווייטער האָט ער אַראָפּגענומען דאָס היטל און זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן.

— ברוך הבא, אַ ייִד! — האָט שלמה געזאָגט, אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער אים אַרויסגערוקט אַ שטול.

— ברוך נמצא! — האָט דער לערער געענטפערט מיט אַ שמייכל — הייסט עס, אַז חנה, מיין תּלמידה, האָט שוין חתונה! די וועלט רוקט זיך!

חנה האָט געשטעלט בראָנפן מיט לעקעך.

ישראל האָט געטרונקען לחיים צו שלמהן, „צום וואָהלזיין" צו חנהן און זיין דאַרע נאָז האָט זיך פאַררויטלט. ער האָט אַרויסגענומען

פון גוזעם אַ פעדער מיט טינט און חנה האָט אים דיקטירט די נעמען, צו וועמען מען האָט געדאַרפט שיקן חתונה־קאַרטן.

שלמה האָט געקוקט ווי ישראלס האַנט פליט איבער די קאָנווערטן, ווי זי דרייט זיך, צוקט און מאַכט אַזעלכע שיינע בוכשטאַבן. עס האָט אים געוווּנדערט, פאַרוואָס אַזאַ געלערנטער ווי ישראל זאָל זיך אַזוי מאַטערן, גיין לערנען קינדער פון שטוב צו שטוב פאַר אַ רובל אַ חודש.

און אַז ישראל איז אַביסל מיד געוואָרן, האָט ער גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר, אָפּגעווישט די פעדער, געמאַכט נאָך אַ שנעפּסל און גע־נומען דערציילן שלמהן וועלט־זאַכן. ער איז קלאָר געווען אין אַלע קסרים, געוווּסט געניי ווי אייגער איז שטאַרק און אַז ער פלעגט ריידן וועגן אַ מלחמה – איז דורך אַ גרויל דורכן לייב.

שלמה האָט פאַרריסן דעם קאָפּ, זיך צוגעהערט מיט אַן אָפן מויל און תמיד פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער טערקישער מלחמה. ער האָט געוווּסט אויף אַ פריער וואָס ישראל וועט אים דערציילן, נאָר גאָרנישט, ער האָט ליב געהאַט צו הערן ווי ישראל רעדט.

חנה איז געזעסן די גאַנצע צייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ישראל איז אַמאָל געווען איר לערער, פלעגט ער זי אַרומנעמען און קושן. און איינמאָל ווען ער האָט זי געהאַלטן אויף זיין שויס איז אַנגעקומען ישראלס ווייב מיט אַ קינד אויף דער האַנט – פון דעמאָלט אָן האָט זי אויפגעהערט לערנען ביי אים און טאַקע מער ווי דאַוונען האָט זי זיך נישט אויסגעלערנט.

דער שמש מיט עטלעכע „בעטערקעס” זיינען אַריינגעקומען נאָך די חתונה־קאַרטן.

אַז שלמה איז מיט זיי אַרויס פון שטוב, איז ישראל געוואָרן לעבעדיקער. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ שטיף געטאָן מיט חנהן און איר געשטעלט אַזעלכע פראַגן, אַז ס'איז איר פון חרפה פינסטער געוואָרן אין די אויגן.

ישראל האָט געענדיקט זיין אַרבעט, צוגענומען אַ פּאַפּירענעם רובל און געמאַכט אַ שנאַפּס. חנה האָט אים איינגעפּאַקט אַ טיט מיט לעקעך פאַר די קינדער און אים געבעטן אויף דער חתונה.

– געוויס, געוויס, ווי דען! האָט ער געשמייכלט און איז אריין אין קיך מיט אַ וויץ. תּרצה מיט שרהן האָבן זיך געבויגן פון געלעכטער.

אין דרויסן איז געשטאַנען זאַנוול מיט עטלעכע יינגען און געשטעלט אַ סאָפּע פון ברעטער, ווו דער עולם וועט עסן. די סאָפּע האָט זיך געצויגן איבער דעם גאַנצן הויף.

13

די כלה איז געזעסן ווי אַן אויסגעגאָסענע אויף אַן אויסגעבעטן פּאָטעל אין איר בלוי-זיידן חופּה-קלייד, באַפּוצט פון פאָרנט מיט שוטאַש-בלימלעך. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ גערלאַנדע פון מירטן-בלעטער. פון אונטער דער גערלאַנדע האָט זיך געשפּרייט אַ ווייסער, ברייטער טול און איז לייכט אַראָפּגעפאַלן איבער אירע פּלייצעס, ביז איבער דער טאַליע.

איבערן זאַל האָט זיך צעגאָסן אַ וואַלס.

מיידלעך האָבן זיך גענומען פּאָרן, זיך לייכט געטראָגן אין זייערע קאָלירטע, רוישנדע קליידער, געוווּנקען מיט אַלע גלידער, האַרציק געלאַכט.

און חברה יינגען האָבן אַרויסגעקוקט אויף די מיידלעך פון כּלי-זמרים-שטיבל און האָבן הנאה געהאַט.

מענדל „פּאָדראַיטשיקס" טעכטערל, אין וועמעס הויז די כלה איז איינגעשטאַנען, האָט פאַרבעטן אירע חברטאָרנס פון דער פּענסיע, פאַרקליבן זיך מיט זיי אויפן באַלקאָן און הנאה געהאַט ווי „פּראָסטאַקעס" פירן זיך אויף אַ חתונה.

דער זאַל איז געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער. עס זיינען צוגעקומען יונגערע און עלטערע פרויען.

תּרצע מיט צוויי מחותּנתטעס זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן זאַל מיט קלאָשן צוקערוואַרג און מכבּד געווען דעם עולם.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזןביילע, גראַדולס ווייב. זי האָט געטראָגן אַ גרין זיידן קלייד פון דער זייט צו קנעפּלען און געשמירט מיט צוויי שורות „פאַרגעס מיך נישט". דאָס קלייד איז

כמעט געווען אָן אַרבל, איבערגעצויגן מיט אַ שוואַרץ זיידענעם טול. אירע רונדע אַקסל מיט דעם האַלז זיינען געווען איבערגעהילט מיט אַ געשטריקטן הימל-קאָלירטן שאַל, וועלכער האָט זיך געדרוקט און געבויגן ווי אַ שלאַנג. אויף די הענט האָט זי געטראָגן לאַנגע ווייס-זיידענע האַנטשן. די שוואַרצע האָר געקעמט סעצעסיע און פון ביידע זייטן קאָפּ זיינען די דיקע צעפּ פאַרלייגט געווען אין קאָקטן. ביילע איז אַריין מיט אַ גערודער. זי איז ראַשיק דורך דעם זאַל, אַרויסרופנדיק מיט אירע געטאָקטע פּיסלעך אַ פאַרבאָרגענעם רייץ. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעקושט מיט דער כּלה און ווי נישט באַמערקנדיק קיינעמס בליקן אויף זיך, האָט זי זיך גענומען שפּילן מיט דעם דינעם גאָלדענעם קייטל, אויף וועלכן אַ פלאַקאָנטשיקל פּערפומען איז געהאָנגען.

— אודאי אַ וואַרשעווערן! — האָבן זיך די ווייבער איבערגעוואָרפן וועגן איר.

ביילע האָט באַמערקט זאַנוולען, האָט אַ שמייכל געטאָן און אים צוגערופן מיט אַ פינגער. זאַנוול האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן: יאָ אַריינגיין? נישט אַריינגיין? נאָר ער האָט לאַנג נישט גערפט טראַכטן: דאָס קליינע שוואַרץ-חנעוודיקע ווייבל האָט זיך געטראָגן צו אים מיט אַ גערויש.

— מזל טוב, זאַנוול! — האָט ביילע געזאָגט און אים דערלאַנגט איר קליין הענטל מיט דער ווייסער הענטשקע.

זאַנוול איז רויט געוואָרן, געהאַלטן איר האַנט און געדאַנקט.

— פאַר וואָס זעט מען אייך נישט, זאַנוול? ווי כ'זע, זענט איר אַ שטאַרקער וואָרטסמאַן! איר האָט דאָך, דאַכט זיך מיר, צוגעזאָגט אַריינקומען? זעט מען אייך נאָך!

זאַנוול האָט עפּעס גענומען שטאַמלען, זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען און זיך גאָך שטאַרקער פאַררויטלט. ביילע האָט אויף אים געקוקט און אַ פּנים הנאה געהאַט, ווי אַזאַ געזונטער בחור רויטלט זיך ווי אַ יונג מיידל.

— דאָס מאָל בין איך אייך מוחל, נאָר פון היינט אָן זאָלט איר מיר זיין אַ גוט יינגל, איר הערט? — האָט ביילע געזאָגט, זיך שעלמיש איינגעבויגן און אים אַ שטופּ געטאָן מיט איר קני. זאַנוול האָט דערפילט אַ כוואַליע בלוט אין פּנים.

— און יעצט, זאַנוול, וואַרפט אריין אין קאָן און מיר וועלן טאַנצן!

— אָבער, די ווייבער... וועלן דאָך... — האָט זאַנוול אָנגעהויבן שטאַמלען.

— ווייס איך וואָס? ! כ׳וועל זאָגן, אַז איך בין אייערס אַ מומע. גוט? — האָט זיך ביילע צעלאַכט און אַ בליץ געטאָן מיט אירע קוילן־אויגן.

זאַנוול האָט איינגעוואָרפן די כּלי־זמר אויף אַ טאַנץ, אַרומגענומען ביילען און זיך אַריינגעטראָגן צווישן די פּאָרלעך. עלטערע ווייבער האָבן אַ ביסל קרום געקוקט, נאָר עס איז דאָך אַ חתונה! אַלע האָבן געקוקט ווי ביילע שוועבט, טראָגט זיך לייכט ווי אַ יונגער פויגל, רירט קוים אָן די פּאָדלאָגע. זאַנוול האָט זי לייכט געהאַלטן, עטוואָס זיך איינגעבויגן און איז פאַרשכּורט געוואָרן פון איר שמעקעדיקן בוזים. ער האָט אָן אַלץ פאַרגעסן. ער האָט נאָר געפילט ווי ער טראָגט זיך עפּעס אין אַ כּשוף־טאַנץ, און די פערפומען האָבן אַלץ מער און מער אים געקלאַפּט אין פּנים, באַרוישט, און דאָס זיידענע קלייד האָט גערעדט, זיך געבויגן און געשיפּעט ווי אַ מחנה שלאַנגען. ביילע האָט אַ געשריי געטאָן צו די כּלי־זמרים: פאַדעספּאַן!

קיינער האָט נישט געטאַנצט. ביילע איז געשטאַנען אין איין עק, זאַנוול אין צווייטן. ביילע האָט אויפגעהויבן מיט דער רעכטער האַנט איר שלעפּ און די ליאַקירקעס מיט די שוואַרצע דורכזיכטיקע זאָקן האָבן זיך געהויבן פון אָרט. זי האָט גענומען שטיל מיט־זינגען, זיך פאַרמאָסטן צום טאַנץ, און דער הימל־בלויער שאַל האָט זיך גערוקט איבער דעם האַלז, געבלענדט די אויגן. זי האָט אַ הויב געטאָן אַ פוס, לייכט אַפּערגעוואָרפן די קורצע ווייסע האַלקע, גראַציעז אַ בויג געטאָן דעם עלאַסטישן קערפּער, פאַרשייט אויפגעצויגן די אַקסלען און זיך געטראָגן אַנטקעגן זאַנוולען, זיך געטראָגן אַנטקעגן אים מיט בליצן אין די שוואַרצע אויגן... אָט האָבן זיי זיך אַרומגענומען. זאַנוול האָט געפילט, ווי זי דריקט זיך אַלץ מער צו אים און זי פרעגט אים: פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען? ...

ווען זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט זאַנוול גענומען אָפּווישן זיין נאַסן שטערן און זיך גלייך געוואָלט אַריינשאַרן צו די כּלי־זמרים, נאָר באַלד האָט ער באַמערקט ווי רחל קוקט אים אָן.

רחל האָט געזען ווי זאַנוול האָט געטאַנצט מיט דעם שיינעם

ווייבל און דאָס האַרץ האָט איר פֿאַרקלעמט. זי האָט זיי די גאַנצע צייט נאָכגעקוקט און איר האָט זיך געדוכט, אַז זאַנוול איז פֿאַרליבט אין דעם ווייבל. רחל האָט באַמערקט, אַז דורך דעם גאַנצן טאַנץ האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פֿון איר, געהאַלטן זיינע ליפּן אַזוי נאָענט צו אירע שוואַרצע האָר, ווי ער וואָלט זי געוואָלט קושן. און זי איז דאָך אַזאַ שיינע! און ווי שיין זי טאַנצט! רחל איז געוואָרן מיט אַמאָל אומעטיק. עס האָט איר באַנג געטאָן צו וואָס זי איז געקומען און האָט געגומען זוכן אַ געלעגנהייט צו פֿאַרלאָזן דעם זאַל.

רחל האָט זיך געטראָפֿן מיט זאַנוולס בליק און עס איז איר אויף אַ ווײַלע לייכטער געוואָרן. באַלד אָבער האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן און איז נאָך טרויעריקער געוואָרן.

זאַנוול איז אַריין אין צווייטן צימער, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, אָפּערגעוואָרפֿן זיינע פֿיס און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. אים האָט זיך געוואָלט צוגיין צו רחלען, זאָגן איר, אַז ער איז נישט שולדיק, אַז ער וואָלט אויף דעם טאַנץ־זאַל אינגאַנצן נישט געקומען; ער איז געקומען זען ווי זי וועט אויסקוקן אין איר ווייס באַלאָווע קלייד...

— וואָס איז מיט אייך, זאַנוול? נעמט, פֿאַרזוכט!

זאַנוול האָט אַ צאַפּל געטאָן. לעבן אים איז געשטאַנען ביילע מיט אַ קליאַש צוקערוואַרג אין דער האַנט. זי האָט געלאַכט און אים געשטופּט מיט איר ליאַקירענעם שיכל.

ער האָט גענומען אַ שאָקאָלאַדקע.

ביילע האָט זיך געזעצט לעבן אים, אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף זיין שויס און גענומען אים עפּעס דערציילן.

וויז־אַ־ווי איז געשטאַנען רחל אַ בלאַסע, אין איר ווייס זיידן קלייד ביז צום טריט, די צוויי לאַנגע צעפּ אַראָפּגעלאָזט און האָט געקוקט אויף דעם פּאָרל.

זאַנוול איז בלאַס געוואָרן ווי קרייד.

— וואָס איז מיט אייך? ס'איז אייך נישט גוט געוואָרן? — האָט ביילע אים געפֿרעגט און האָט זיך אויסגעדרייט. זי האָט באַמערקט רחלען.

רחל האָט זיך באַגעגנט מיט ביילעס בליק און געשפּירט ווי עס ווערט איר קאַלט.

— דאָס לאַכט ער נאָך פון מיר, ווייזט יענער דאָס מיידל, וואָס ליבט אים! — האָט רחל אַ טראַכט געטאָן און געפילט בשעת מעשה ווי דאָס האַרץ פּלאַצט איר און אין די אויגן זיינען געשטאַנען טרערן. זי איז אַרויס אויפן באַלקאָן, זיך אויסגעווישט די אויגן און געבעטן גאָט עס זאָל שוין זיין נאָך דער חופּה.

זאַנוולען האָט עס געהויבן פון אָרט. עס האָט זיך אים געוואָלט באַליידיקן ביילען: „וואָס האָט זי זיך אָנגעטשעפּעט אָן מיר ?!“

— ווער איז יענץ מיידל ? — האָט ביילע געפרעגט אויף רחלען

— מיין שוועסטערס אַ באַקאַנטע, — האָט זאַנוול געענטפערט און איז רויט געוואָרן.

— וואָס קוקט זי אונז אַזוי נאָך ? זי איז אייפערזיכטיק ?

זאַנוול האָט נישט געענטפערט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און גענומען בייסן די נעגל.

ביילע איז אַריין אין טאַנץ־זאַל.

זאַנוול איז געזעסן און געפילט ווי עס זשומעט אים אין די אויערן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעשטעלט, צוגעקנעפּלט דעם ראָק, געוואָלט אַריינגיין צו רחלען, נאָר די פיס האָבן זיך פון אָרט נישט גערירט.

רחל האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, קיינער זאָל זי נישט באַמערקן, און האָט געוואַרט מיט אומגעדולד, מען זאָל וואָס גיכער גיין צו דער חופּה. זי האָט געשפּירט, אַז אויב עס וועט איר נאָך לאַנג אויסקומען צו פאַרבלייבן דאָ, וועט זי זיך צעוויינען.

מיט אַמאָל האָט זי דערזען ווי זעכצן מיידלעך טאַנצן אַ „ליאַנסער“. אַכט זיינען געשטאַנען אין איין זייט אַלס „הערן“ און אַכט אין דער אַנדערער זייט אַלס „דאַמען“. די מיידלעך האָבן גע־טאַנצט איינע אַנטקעגן די אַנדערע, געהויבן די הענט, דורכגעשווומען, געמאַכט אַ ראָד, געדרייט און געבויגן גראַציעז זייערע קערפּערס, זיך פאַנאַנדערגעטיילט און ווייטער געטאַנצט.

רחל איז געזעסן און איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף איר, ווייזן מיט די פינגער. זי האָט גענומען אויסמיידן זייערע בליקן און, ווי אויף צו להכעיס, האָט זי זיך יעדע ווייַלע באַגעגנט מיט

ביילעס פאַרשייטע אויגן און געשפּירט בשעת מעשה ווי עס גיט איר א שטאַרקן ברי.

— וואָס איז דער מער, רחל? וואָס זיינט איר אַזוי אומעטיק? — האָט זי שרה געפרעגט, איינגאַנצן אַ פאַרפלאָמטע פון טאַנצן.

רחל האָט געפילט, אַז אָט, אָט פּלאַצט זי אַרויס מיט אַ געוויין. זי האָט געטאָן אַ טרייסל מיטן קאָפּ, אַ ביס געטאָן זיך אין דער אונטערשטער ליפּ און געענטפערט מיט אַ לייכטן געמאַכטן שמייכל:

— עפּעס טוט מיר דער קאָפּ וויי, נאָר ס'מאַכט נישט! אויב איר ווילט, שרה, וואַרף איך איין אויף אַ טאַנץ.

רחל איז פלינק אויפגעשפּרונגען, איינגעוואָרפן און גענומען פליען מיט שרהן איבער דעם זאַל. זי האָט געפילט ווי דאָס אויסגעפוצטע ווייבל שטייט און לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון איר. אין מיטן טאַנצן האָט רחל זיך אָן אַלעם פאַרגעסן און געפרעגט שרהן אויף ביילען:

— דאָס איז זאַנוולס אַ באַקאַנטע, אַ וואַרשעווערן?

מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרן. באַלד האָבן די כּלי־זמרים גענומען שפּילן אַ פריילעכס און פון אַלע זייטן האָט געטראָגן:

— צו דער חופּה! צו דער חופּה! אין אַ מזלדיקער שעה, אין אַ מזלדיקער שעה!..

אַז זאַנוול האָט זיך אויפגעשטעלט איז שוין קיינער אין זאַל נישט געווען. ער איז גיך אַראָפּ אויף דער גאַס, זיך גענומען דורכשטופּן אַ וועג דורך דעם עולם, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַס פון מאַרק אָן ביז צו דעם שול־הויף.

מאַנקע איז אים אַנטקעגן געקומען מיט עפּעס אַ געלן ייִנג.

— מזל טוב דיר, זאַנוול! אַ שיינער מענטש ביסטו, — האָט מאַנקע צו אים געזאָגט, — שעמסט זיך גאָר מיט דיינע אַלטע באַקאַנטע! אַ שוועסטער האָט חתונה, שטייט דיר נישט אָן מיך צו בעטן?!

— נאַרישע מאַנקע, אַז איך וועל חתונה האָבן און דיך נישט בעטן, וועסטו האָבן אַ פּרעטענזיע! כ'דאַנק גאָט, אַז מען האָט מיך געבעטן! — האָט זאַנוול געענטפערט מיט אַ שמייכל.

די סאָפּע פון ברעטער, וואָס זאַנוול האָט אויפגעשטעלט, איז געווען באַלויכטן מיט די בליץ־לאָמפּן פון דעם בעל־עגלהשן מנין. צוויי טישן האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער סאָפּע: פּאַר מענער און פּאַר פרויען.

אַ חברה ייִנגעץ זיינען געשטאַנען און מיט דרך־ארץ אַריינגעקוקט ווי שלמה „קראַדניק" פראַוועט אַ חתונה.

זאַנוול איז געזעסן צווישן דעם עולם און געגאָסן אין זיך ווי אין אַ פאַס אַריין. ער האָט געפילט ווי אַלץ ביי אים הויבט זיך, שפּאַרט זיך צום קאָפּ; נאָך אַ ווײַלע און דער מח וועט אַרויסזעצן ווי אַ פּראָפּן פון אַ פאַרמאַכטע פלאַש.

— זאַנוול, קומט מיר העלפן אַריינגעמען נאָך אַ קאָש בראָנפן; ס'איז שוין מער נישטאָ! — איז צו צו אים ביילע אַ פאַרפלאַמטע.

— אַ שעלמאָ! — האָט ביי זאַנוולען אַ בליץ געטאָן אין מח, און ער איז מיט איר אַרויס.

אָבער אָנשטאָט צו גיין אין שטוב אַריין, זיינען זיי אַוועק אונטערן עפּל־בוים.

— זאַנוול, ווו איז דער בראָנפן? — האָט ביילע געפרעגט און אים געקוקט פאַרשייט אין די אויגן.

— שווייגט! — האָט זאַנוול געענטפערט און זי פעסט אַרומגענומען.

— זאַנוול, ניטע! געוואַג... מיין מאַן גייט!

זאַנוול האָט זי גלייך אָפּגעלאָזט, זיך אַרומגעקוקט און אַ בריל געטאָן:

— מאַרש, צום מאַן!

ביילע איז אַוועק אַ באַליידיקטע און זאַנוול האָט זיך אויסגעצויגן אונטערן בוים.

ער האָט געפילט פּאַסקודנע אין מויל. דאָס בלוט האָט אין אים געקאָכט, געשלאָגן צום מח, ווען העכער האָט זיך אַלץ העכער און העכער געהויבן. ער האָט געפילט אַ שרעקלעכן עקל צו ביילען. עטלעכע מאָל איז אַרויפגעשווומען רחל, נאָר איר געשטאַלט האָט זיך לאַנג נישט געוואָלט האַלטן... ער וואָלט זיך אפשר גאָר געלייגט שלאָפן, נאָר ווי אויף צו להכעיס איז אים רחל ווידער געקומען פאַר די אויגן...

עס האָט אים גענומען שטעכן אין די שלייפן. איז ער צו צום ברונעם, אָנגעשעפּט אַ קובל וואַסער און גענומען נעצן דעם קאָפּ.

פון דער סאָפּע האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן פריילעכע נגונים און אַ ווילד געלעכטער.

זאַנוולען איז אַלץ געוואָרן דערווידער. ער האָט גענומען שפּאַנען ווי אויף שטאָלצן איבער די שטילע גאַסן. ווו־ביט־ווו אין אַ ווינקל איז געשלאָפן אַ נאַכט־וועכטער מיט דעם גראָבן שטעקן אין דער האַנט.

זאַנוול איז נישט ווילנדיק צוגעקומען צו רחלס הויז. דאָס הויז איז געשטאַנען אין דערמיט פון אַ קליין סעדל, אַרומגערינגלט פון אַ הויכן פּלויט פון ברעטער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם פּאַרקאַן און זיך פאַרטראַכט. שטיל. ער האָט אויפגעשפּיצט די אויערן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער וויינט. דאָס וויינען פאַרגייט באַלד אין אַ כליפּען...

זאַנוול האָט פיל נישט געטראַכט, האָט זיך אַריבערגעכאַפּט איבערן פּאַרקאַן און איז צו צום הייזל.

דאָס פענסטער איז געווען אָפן און באַלויכטן פון לבנה־שיין.

אויף דעם בעטל איז געלעגן רחל אין אַ ווייס נאַכט־העמד.

זאַנוול האָט נישט לאַנג געטראַכט, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט די הענט פאַרן ראַם פון פענסטער, איז אַריין אין צימער און מיט אַמאָל געבליבן שטיין אַ צעטומלטער.

רחל האָט זיך אַ לייכטן טרייסל געטאָן, עטוואָס צעעפנט די אויגן און זיי צוריק פאַרמאַכט. באַלד אָבער האָט זי זיך ווי דערמאָנט אָן עפּעס, ברייט צעעפנט די אויגן און האָט אַ שטאַרקן קוויטש געטאָן.

זאַנוול איז בלאַס געוואָרן און זי גענומען איינשטילן, באַרויקן.

— אַרויס! ס׳פּאַסט פאַר אַ גנב! ווי נעמט מען זיך די חוצפּה

ביינאַכט אַריינצוגנבענען זיך צו אַ מיידל? גייט אַרויס פון דאַנען! באַלד!

זאַנוול האָט דערפילט ווי אַ דונער וואָלט אים דערשלאָגן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט, איז גיך אַרויס דורכן פענסטער, זיך פאַר־טשעפעט, אויסגעהאַקט אַ שויב און אַ דערשראָקענער געבליבן שטיין לעבן פאַרקאַן. באַלד האָט ער אַ שפּיי געטאָן, אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און זיך אויסגעדרייט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז רחל שטייט לעבן פענסטער. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קללה און איז אַריבערגעשפרונגען דעם פאַרקאַן. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען רופט אים. ער איז נאָכאַמאָל אַרויף אויפן פאַרקאַן, האָט אָבער קיינעם נישט געזען און האָט זיך שטיל אַוועקגעלאָזט איבערן שטאָט.

זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז דער מח פּלאַצט, צעפאַלט אויף שטיקער, און אין די אויערן האָט כסדר געקלונגען: — דאָס פאַסט פאַר אַ גנב! פאַר אַ גנב!

בררר... זיי זיינען אַלע אַזוי! אַז משה קוניאַרזש טרעפט מיך צווישן מענטשן, קען ער מיך נישט, און אַז ער דאַרף מיך, לעקט ער מיך. אַ כאָליערע! כ׳וועל אים די בעבעכעס אַרויסנעמען! יעצט בין איך ביי רחלען אַ גנב, און אַז זי האָט מיך געדאַרפט, בין איך גע־ווען אַ פרינץ! ניין, מער גיי איך צו איר נישט! נישט פאַר אונז חסידישע טעכטער! ניין! גראַדול איז גערעכט געווען: מען טאָר נישט גיין אין צו ווייטע דרכים מיט אַ מויד...

זאַנוול האָט פּלוצלינג דערפילט אויף זיין היציק פּנים קאַלטע טראָפּנס רעגן און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איבער דעם הימל איז געלעגן אַ שווערע, פינסטערע כמאַרע. די כמאַרע איז געוואָרן געדיכטער און האָט זיך אַלץ מער און מער אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל.

פון ערגעץ ווו איז אַרויס אַ היימלאָזער הונט מיט דעם עק צווישן די פיס און האָט זיך גענומען רייבן לעבן זאַנוולען. זאַנוול האָט פון פאַרדרוס און כעס דערלאַנגט דעם היימלאָזן הונט אַ שטאַרקן קאָפּע מיטן פוס. דער הונט האָט זיך פאַנאַנדערגעקוויטשעט און איז אַוועק אַ הינקעדיקער. דאָס בילעריי פון דעם הונט האָט עפעס אַזוי־

באָדנע אָפּגעקלונגען אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט און אָנגע־זָגט אויף זאַנוולען אַ שרעקלעכן אומעט.

אַ ווייס־פייערדיקער שלאַנג האָט מיט אַמאָל דורכגעשניטן די געדיכטע כמאַרע און ס׳איז נאָך פינסטערער געוואָרן. באַלד האָט זיך געהערט אַ שרעקלעכער קראַך און עס האָט אָנגעהויבן גיסן ווי מיט עמערס.

זאַנוול איז געשטאַנען גלייך, דער קאָפּ עטוואָס פאַרריסן, דאָס מויל אָפן און דער רעגן האָט געפּאַטשט און געשמיסן איבער זיין פּנים. די שווערקייט איז אים ביסלעכווייז אַוועק און ער האָט געפילט ווי עס ווערט אים לייכטער, פּונקט ווי עמעצער וואָלט געשטאַנען און אים געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צו זיין ברענענדן מוח. דער רעגן האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד איז ליכטיקער געוואָרן. די כמאַרע, אַ צעשפּאָלטענע, האָט זיך ביסלעכווייז אַוועקגערוקט און אַ קלאָרע, אויסגעוואַשענע לבנה איז אַפּערגעשווומען.

זאַנוול האָט דערפילט אַ דורכטרייסלענדע קעלט. ער איז געווען אינגאַנצן נאַס, דורכגעווייקט. ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין רעקל, אַראָפּגערוקט דאָס היטל און זיך גענומען שפּאַנען דורך די שטילע געסלעך. אונטער דער שטאָט ביי אַ קליין הייזל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט: דאָרט האָט מאַנקע געוווינט. ער איז געשטאַנען אַ ווייל, זיך געיִשובט וואָס צו טאָן, האָט אַ שפּיי געטאָן און גיך פאַר־שוווּנדן אין פינסטערן הייזל.

15

כמעט דעם גאַנצן טאָג נאָך דער חתונה איז זאַנוול דורכגע־שלאָפן ביי מאַנקען אין בעטל. זי האָט אים עטלעכע מאָל געוועקט, געמאַכט עפּעס צו עסן. זאַנוול האָט זיך איבערגעוואָרפן ווי אַ בער סוף ווינטער, עטוואָס אויפגעהויבן זיין קודלאַטן קאָפּ, אַ בורטשע גע־

טאָן, אויסגעזופּט אַ שעפּ וואַסער, זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און געטראַכט. ער האָט געטראַכט ווי אַזוי צו באַליידיקן רחלען, זי זאָל עס אויף תמיד געדענקען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אויסגעפונען אַ מיטל און ער האָט געפּלאַנט ווי אַזוי אים דורכצופירן. זיינע אַלע געדאַנקען האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף איין פּונקט און אַלץ ביי אים האָט זיך צעשפּילט, געוואַקסן, זיך צעוואַקסן זייער שנעל, דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט אין זיין מוח. און עס זיינען אַלץ נייע און נייע פּלענער געבוירן געוואָרן, איינער בעסער פאַר דעם צווייטן. יעדער נייער פּלאַן, האָט זיך אים געדאַכט, וועט רחלען מער קרענקונג פאַרשאַפן און זי וועט זיין געצווונגען אים איבערצובעטן. זי וועט קומען אַזאַ בלאַסע מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, וועט זיך אַוועקשטעלן לעבן טיר און שווייגן, און ער וועט זיך מאַכן אַז ער קען זי נישט; ער וועט זיך אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, רעדן מיט זיינע חברים, זי גאַרנישט באַמערקן! און אָט וועט רחל אויפהויבן אירע פאַרוויינטע, שוואַרצע אויגן און אינגאַנצן אַ צעשראָקענע וועט זי נעמען גיין צו אים.

זאַנוול האָט דערפילט ווי דאָס האַרץ האָט שטאַרקער גענומען קלאַפּן און האָט מיט אַמאָל אויסגעגלייכט זיינע פאַרקוועטשטע אויגן, אויפגעשנירלט דעם פאַרקנייטשטן שטערן, עטוואָס געעפנט איין אויג און עפּעס אַ מאָדנע פליג איז אַרויס פון דעם צעעפנטן אויג. די פליג איז געפלויגן, זיך אַרויפגערעדלט; אַ צווייטע האָט זיך נאָכגעיאָגט, איינגעשלונגען די ערשטע און באַלד איז אַ דריטע אַרויס — זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עפּעס פאַרלוירן. ער האָט אָנגעשטרענגט דעם מוח, געטאָן אַ שטאַרקן שוווּנג, געוואָלט עס כאַפּן. מיט אַמאָל האָט עפּעס אַ פּלאַץ געטאָן און ער האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן אין בעטל. ער האָט צעעפנט ברייטער די אויגן, זיך דערמאָנט, אַז ער ליגט ביי מאַנקען, אַז רחל האָט אים אַרויסגעיאָגט, ווי מען טרייבט אַרויס אַ הונט, — האָט ער פון פאַרדראָס איינגעקוועטשט די פויסטן און אַ שטאַרקן רעווע געטאָן.

— שלאָף נאָך אַ ביסל! קיין עין הרע אַ שלאָף! ווילסט עפּעס, זאַנוול? — האָט מאַנקע אים געפרעגט.

— אַ טרונק!

— ווי גיסט דאָס אַ מענטש אַזויפיל וואַסער אין זיך אַריין?! האָסט דאָך נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט!

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע שעפ וואַסער מיט איין צי, זיך אויסגעצויגן מיט דעם פּנים צום סופיט און זיך צעגענעצט. אים האָט זיך געוואָלט כאָטש שוין פאַרלאָזן די שטאָט, אָנזאָטלען אַ פערד און אַוועקפּאַטשן אין דער ווייטער וועלט אַריין... ער האָט געפילט, אַז אויב ער וועט בלייבן אין שטאָט, וועט ער אָפּטאָן די געפערלעכסטע זאַכן, און יעדעס מאָל איז אים אַרויסגעשווומען עפּעס אַ שווידערהאַפט בילד, פאַר וועלכן ער איז געוואָרן אַן אויפגעציטערטער.

וווהין פאָרט מען? — ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט טראַכטן. עס איז געווען צוויי טאָג פאַרן לויוויטשער יריד. ער האָט באַשטימט זיך אויפצוהויבן, אַריבער צו גראַדולן און נאָך היינט ביינאַכט אַוועק נאָך לויוויטש. דאָרט וועט ער זיך געוויס אָן אַלעם פאַרגעסן.

זאַנוול האָט גענומען שרייבן אין געדאַנק אַ בריוו צו רחלען. דער בריוו האָט זיך ביי אים אין מח זייער פּליטיק געשריבן. אַלץ איז אַזוי גלאַטיק אַרויס און די בוכשטאַבן האָבן זיך עפּעס אַזוי צעוואַקסן, אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע, כאָטש נעם און טאַפּ זיי אָן. און אַט האָט זיך באַוויזן רחל מיט די דינע פאַרקוועטשטע ליפּן און איינגאַנצן אַזאַ צעטראָגענע, האָט געהאַלטן זיין בריוו און פון די אויגן האָבן געקאַפּעט טרערן.

זאַנוול האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט, אַז ער קען נישט שרייבן און האָט פון גרויס פאַרדרוס אַ שפּיי געטאָן גלייך אין סופיט אַריין.

— מאַנקע, מיר דאַכט זיך, אַז דו קענסט שרייבן?

— כ׳האָב אַמאָל געקענט. וואָס עפּעס אין מיטן דערינען?

— שרייב מיר אַבריוו.

— צו וועם?

— דאָס וועסטו שפּעטער זען! זעץ דיך און שרייב!

מאַנקע האָט אויפגעזוכט אַ בייגעלע פּאַפּיר, אַן אַלטן פאַרשטויבטן טינטער און זיך אַוועקגעזעצט. זאַנוול האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ באַרוועסער זיך אַוועקגעזעצט לעבן טיש.

— נו, צו וועם גייט דער בריוו? — האָט מאַנקע זיך געפרעגט און איינגעטונקט די פעדער. — כ׳מיין וואָס פאַר אַ טיטול?

זאַנוול האָט באַלד נישט געענטפערט, געקלערט אַ ביסל:

— אָן אַ טיטול!

— וואָס הייסט אָן אַ טיטול? וואָס פאַר אַ משוגענער שרייבט אַ בריוו אָן אַ טיטול? אַ טיטול מוז זיין!

זאַנוול איז געוואָרן בייז.

— „כלאָפּ סוואָיע, אי פּאָפּ סוואָיע!“ מען זאָגט דיר אָן אַ טיטול, איז אָן אַ טיטול!

— אַלץ גוט, זאַנוול. לאָז זיין אָן אַ טיטול. בין איך ווייטער בדלות! אָבער צו וואָס זיינען די געשרייען? נו, בקיצור? —

ביי זאַנוולען אין מח איז עפּעס געוואָרן אַ מיש־מאַש, עס האָט זיך ביי אים אַלץ פאַרדרייט מיט די פיס אַרויף. דער פליסיקער בריוו, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג געהאַט אָנגעשריבן אין געדאַנק, איז מיט אַמאָל אַרויס פון מח. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, געריבן מיט זיין גרויסע האַנט איבער דעם שטערן. נאָר — גיי טו עפּעס, אַז דער מח איז פוסט!

— נו? — האָט זיך מאַנקע צעשמייכלט.

— איין רגע, מאַנקע! גלויב מיר, דער בריוו ליגט מיר אויף דער שפּיץ צונג. נאָר, פאַרשטייסט, כ׳האָב ליב, אַז אַ בריוו זאָל זיין געשריבן גלאַטיק, ער זאָל זיך לעזן ווי אשרי. אָט איז ער! שרייב! „כ׳האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז צווישן אונז וועט דאָס פּאַסירן, וואָס עס האָט נעכטן פּאַסירט“.

דאָ האָט זיך זאַנוול אָפּגעשטעלט, געקוקט ווי מאַנקע האָט איינגעקוועטשט די פעדער מיט אירע דינע פינגער. זי האָט געשריבן פּאַמעלעך, יעדע ווילע איז זי אַראָפּ פון דער ליניע און די בוכשטאַבן זיינען אַלע געווען עפּעס אַזוי מאָדנע צעדרייט. זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז מאַנקע שרייבט גאָר נישט, נאָר זי מאָלט פייגל. ער האָט באַמערקט ווי מאַנקעס פּנים איז געוואָרן ערנסטער, האָט זיך עטוואָס פאַררויטלט און יעדעס מאָל ווען זי האָט געמאַכט מיטן פעדער אַ בוכשטאַב, פלעגט זי אין דער זעלבער צייט מאַכן דעם בוכשטאַב מיט דער צונג, דאָ אויף איין באַק, דאָ אויף דער צווייטער.

זאַנוולען איז דאָס שרייבן מיט דער צונג זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— אַז דו שרייבסט שענער מיט דער צונג ווי מיט דער פעדער!

— ס'געפעלט דיר נישט? איז נישט געפידלט! — האָט זיך מאַנקע צעלאַכט. — נו, פאָר ווייטער!

זאַנוול האָט גענומען קלערן און האָט בשום אופן מער נישט געקאָנט צוטראַכטן. יעדעס מאָל ווען עס איז אים עפּעס געקומען אין געדאַנק אַריין, האָט ער עס נישט געקאָנט אויסדריקן אין ווערטער און עפּעס אַנדערש האָט עס פאַריאָגט. זאַנוול איז בייז געוואָרן, גע-כאַפּט דאָס בייגעלע פּאַפּיר און צעריסן.

— אַ כאָליערע! כ'שרייב נישט מער! אַז מען קען אַליין נישט שרייבן איז עס גוט אויף טויזנט שאָק כפרות!

— וואָס איז מיט דיר היינט, זאַנוול? ווי כ'זע מאַכסטו באַצייטנס תמוז! און צו וועמען ווילסטו דאָס שרייבן?

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, דורכגעשפּאַנט עטלעכע מאָל אַ באָרוועסער די שטוב און זיך גענומען אויף גיך אָנטאָן.

— וווּהין גייסטו? — האָט אים מאַנקע געפרעגט.

— צו גראַדולן.

— וועסט זיך לאַנג זוימען?

— כ'ווייס נישט! — האָט זאַנוול געענטפערט און איז אַרויס פון שטוב.

16

אַז זאַנוול איז אַריין צו גראַדולן, האָט ער דאָרט קיינעם נישט געטראָפן. פון דער קיך האָט זיך אָבער באַלד דערהערט ביילקעס קול:

— ווער איז דאָרט?

זאַנוול האָט נישט געענטפערט, איז גלייך צו צו די פאָרהאַנגען, זיי לייכט פאַנאַנדערגענומען און אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ.

ביילקע, אַ באָרוועסע, אָן אַ בלוזקע, דאָס קורצע געשטרייפטע אונטער־קליידל אַריינגעמאַכט צווישן די פיס, איז געשטאַנען לעבן אַ קליינע בלעכענע באַליע און געוואַשן. איר קליינער קערפּער האָט זיך געבויגן אין פאַרשיידענע ליניען, דער לאַנגער צאָפּ האָט זיך לייכט באַוויגן. זאַנוול האָט זיך זאַט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די קליינע, בדוינע פיסלעך און ביי יעדן בויג פון ביילקעס קערפּער האָט ער געפילט אַ חשק זי אַרומצונעמען. ער האָט אַ הוסט געטאָן.

ביילקע האָט אויפגעהערט וואַשן און האָט זיך אומגעקוקט. זי האָט דערזען זאַנוולען, פאַרדעקט דאָס האַרץ מיט אירע קליינע הענטלעך און זיך פאַרשעמט.

זאַנוול האָט זיך צעלאַכט און איז צוריק אַריין אין צימער אַ צופרידענער. ביילקע איז באַלד אַריין אין אַ ווייסע גאַבּרעלע מיט שוואַרצע אייגעלעך, דער צאָפּ אַריבערגעוואָרפן פון פאָרנט און אויף די באָרוועסע פיס אַ פּאָר אויסגעהאָפטענע שטעק־שיכלעך.

— בנאמנות, כ'האָב געמיינט ס'איז גראַדול, — האָט ביילקע געזאָגט מיט אַ שמייכל. — ווען זאָל דאָס איינפאַלן, אַז איר וועט היינט צו אונז קומען? וואָס שטייט איר, זאַנוול? .זעצט אייך. איר וועט דאָך מיר געוויס אַנטשולדיקן — האָט זיך ביילקע צעשמייכלט, עטוואָס אויפגעהויבן אַ פּיסל, אָנווייזנדיק זאַנוולען אויף איר קאָסטיום.

זאַנוול האָט קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון ביילקען און געפילט ווי ער ווערט אַן אָנגעצונדענער.

— אַ שיינער מענטש זייט איר! — האָט ביילקע ווייטער גערעדט און אָנגענומען זאַנוולען פאַר דער האַנט. — פאַר וואָס האָט איר מיך נעכטן אַוועקגעטריבן, האַ? שעמט אייך, זאַנוול! דערנאָך, אַז איך בין נאָך אַמאָל אַרויס, זייט איר שוין נישט געווען. ווו זייט איר דאָס פאַרפאַלן געוואָרן?

זאַנוול איז געשטאַנען, געקוקט ביילען אין די אויגן, געפילט ווי די האַנט וואַרעמט, בריט, צינדט אין אים אָן אַ פייער, און ער האָט זי מ'ט אַמאָל אַרומגענומען און אויפגעהויבן. ער האָט געפילט ווי עפּעס האָט זיך געבויגן, געצאַפּלט אין זיינע הענט, ווי די לייכטע פאַלדעס פון

דער גאַבּרעלע זיינען זיך צעפלויגן, אים איינגעוויקלט און ער האָט באַמערקט אַ ווייס שלייפל פון איר לייבל. ער האָט זי נאָך שטאַרקער אַרומגעקלאַמערט, צוגעפּרעסט זיינע ליפּן צו אירע. באַלד האָט ער זי אָפּגעלאָזט, זיך פאַרשעמט. ער איז צום פענסטער און גענומען כאַפּן אַ זשומעדיקע פליג אויף דער הייסער שויב.

— וווּ איז ערגעץ אייער גראַדול? — האָט זאַנוול געפרעגט אַרויסקוקנדיק.

— ער איז אַריבּער צום שמיד, — האָט ביילע געענטפערט. — איר ווייסט? גראַדול קלייבט זיך דאָך צו פאָרן נאָך לוויוויטש אויפן יריד. אָט גייט ער!

גראַדול איז אַריינגעקומען מיט אַן אייזערנע הענטשקע אין דער האַנט:

— שלעכט, גוטער ברודער! — האָט גראַדול געזאָגט, פאַרקאַ-טשעט דאָס היטל און זיך גענומען קראַצן. — דו האָסט עפּעס אַ צו גוט לעבן מיט מיין ביילען!

זאַנוול איז רויט געוואָרן, זיך נאַריש צעשמייכלט.

ביילע האָט זיך אָוועקגעזעצט, אַריינגעמאַכט די גאַבּרעלע צווישן די פיס, פאַרלייגט איין פוס אויף דעם צווייטן און געזאָגט האַלב פאַרשייט:

— פאַרוואָס דען נישט? אויף מיר געזאָגט, ווי אַ שיינער בחור זאַנוול איז!

— דו ווייסט צו וואָס איך בין געקומען? — האָט זיך זאַנוול אָנגערופן, — כ׳וויל זיך אַריבּערכאַפּן קיין לוויוויטש.

— טאָ לאָמיר פאָרן צוזאַמען! — האָט גראַדול געזאָגט, — כ׳קלויב זיך דאָך אויך. ס׳איז דאָך מיר שוין נמאס געוואָרן צו זיצן אין דער היים! כ׳געדענק שוין נישט די צייט ס׳זאָל זיין עפּעס אַ שטאָך אַרבּעט, און צו זיצן און עסן פון גרייטן איז גאָר קיין תכלית נישט! אַ שמאַלץ-גרוב שעפּט זיך אויך אויס!

— ווער פאָרט נאָך? — האָט זיך זאַנוול געפרעגט.

— כ׳ווייס — — — כ׳האָב געזאָלט פאָרן מיט משהלע ביק, נאָר יעצט וועלן מיר פאָרן זאַלבע-דריט. בנאמנות, כ׳בין צופרידן

וואָס דו פאָרסט מיט. כ'וואָלט געהאַט פאַראַיאָרן אַזאַ שותף ווי דו וואָלט איך געמאַכט אַן עשירות.

— בקיצור, ווען רעכנסטו צו פאָרן? — האָט אים זאַנוול איבער־געשלאָגן.

— נאָך היינט! — האָט גראַדול געענטפערט.

— גוט! גיי איך טאַקע אַהיים זיך צוגרייטן צו דער יאַזדע.

17

פון גאַנץ פוילן זיינען אָנגעקומען נאָך לוויוויטש פאַרטיעס סוחרים, מחנות פויערים, סטאַדעס בהמות, פערד, חזירים.

די שמאָלע גאַסן זיינען געוועזן נישט דורכצוגיין. די וועגן מיט די בריטשקעס האָבן זיך געצויגן ביז הינטער דער שטאָט אַרויס און פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען, ווי דאָס שטעטל וואָלט געווען באַלאַגערט פון אַ האַלב ווילדן שונא, וואָס איז מיט אַמאָל אָנגעפאַלן מיט זיין גאַנצן האָב און גוטס, פאַרשטעלט אַלע וועגן און זיך געריסן מיט אויפטרייסלענדע קולות אין שטאָט אַריין.

זאַנוול מיט זיינע חברים זיינען באַלד אין דער פרי אַרויס אויפן יריד, זיך אַרומגעדרייט, באַקוקט יעדע זאַך און אַ שטיק נאָכמיטאָג זיינען זיי אַרויס אויפן פערד־מאַרק.

דער גאַנצער פערד־מאַרק האָט אויסגעזען ווי אַ לאַגער, וואָס ריכט זיך אין וועג אַריין. אַרום מאַרק זיינען געשטאַנען וועגן, בריטש־קעס. די פערד אויסגעשפאַנט, אַריינגעשטעלט צווישן די דישלעס, די סוחרים זאָלן זיי קאָנען אָנקוקן. אין מיטן מאַרק זיינען געשטאַנען פריצישע סטאַדעס פערד. פון איין סטאַדע צו דער צווייטער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער וועג, וווּ מען האָט די פערד פרובירט אין לויפן.

מען פירט אַרויס אַ פערד פאַרן סוחר. דער סוחר באַטראַכט,

קוקט דאָס אַריין אין מויל, קוועטשט דאָס בײם האַלז — ס׳פערד צע־ניסט זיך, אַ שײגעץ לאָזט זיך מיט דעם לויפן איבערן וועג.

זאַנוול איז דורך דעם מאַרק, געוואָרפן רעכטס און לינקס מיט בליקן, געפילט זיך היימיש צווישן די פערד.

אַ ייִנג איז אים אַנטקעגן געקומען מיט אַ קאָש בלעכענע הענער.

דער ייִנג האָט געהאַלטן אַ האָן אין מויל און האָט געקרייט. זאַנוול האָט זיך געקויפט אַ האָן, גענומען קרייען. באַלד איז עס אים אָבער נמאס געוואָרן, עס אַוועקגעוואָרפן.

אַ ברייט־ביינער ייִנג, מיט אַ קאָסע אויג און מיט אַ צעשפּאָל־טענעם דאַשעק, האָט זיך שפּאַצירט איבערן מאַרק, געהאַלטן די הענט אין די הויזן־קעשענעס און ווי געזוכט עמעצן.

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר, וועמען כ׳זע! וואָס טוסטו דאָ, זאַנוול?

— האַ, האַ, האַ! — האָט זאַנוול אויסגעשאָסן און זיך אַרומ־געכאַפּט מיט קישקען — און איך האָב גערעכנט, אַז דו זיצסט אין שער־הרחמים?

קישקע האָט נישט געענטפערט, געוואָרפן אַ בליק פון אויבן אַראָפּ אויף זאַנוולס חברים, אויסגעשפּיגן, אָנגענומען זאַנוולען פאַר די אָרעמס, אים אָפּגעפירט אין אַ ווינקל:

— ווילסט אָפּלעקן אַ ביינדל?

— אַ שאלה!

— טאָ הער — האָט קישקע שטיל געזאָגט — נישט ווייט שטייט אַ פויער מיט פינף סוסים ווי די לייבן. אויב ס׳עסק זאָל גיין ביים גלייכן, וועלן מיר אַרום צען ביי נאַכט האָבן די ממתקים.

זאַנוול איז באַשטאַנען, צוגערופן גראַדולן מיט משהן און זיי האָבן גענומען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן.

ביי אַ בריטשקע איז געשטאַנען אַ יונגער פויער, געהאַלטן אַ ווייצן ברויטל אונטערן אָרעם, געבראָכן שטיקער און מעלה־גרה געווען.

הינטער אים זיינען געשטאַנען פינף שיינע פערד. זאַנוול איז האַרט פאַרבייגעגאַנגען דעם פויער און אים אַ טרעט געטאָן מיטן גאַנצן כח אויפן פוס. דער פויער האָט געכאַפּט זאַנוולען מיט ביידע

הענט און אים אַ שליידער געטאָן פון זיך. זאַנוול האָט זיך אָנגעשפּיגן אין די הענט, פאַרקוועטשט די פויסטן און זיך געוואָרפן אויפן פויער.

ביים ערשטן קלאַפּ איז דער פויער געלעגן. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, נאָר זאַנוול האָט אים אַ פלאַם געטאָן מיט דער פויסט צווישן די אויגן, אַז ער האָט זיך איבערגעדרייט.

באַלד זיינען אָנגעקומען פויערים מיט יידן פון אַלע זייטן. פון די וועגן האָט זיך געטראָגן: — שלאָגט דעם זשיד, די הינטישע באמנה, שלאָגט!

גראַדול מיט קישקען האָבן דערווייל אָפּגעבונדן די פערד און זיינען שטילערהייט אַוועק מיט דריי. די איבעריקע האָט משהלע געהיט ביז נאָכן געשלעג. און ווען די פויערים האָבן שוין געהאַלטן אין שלום מאַכן, האָט משהלע אַ יאָג געטאָן די פערד אין אַ צווייטער זייט. די פויערים האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך די אַנטלאָפענע פערד. זאַנוול מיט משהן האָבן דערווייל אָפּגעצויגן.

18

שפּעט ביידערנאַכט איז זאַנוול געזעסן אין אַ שענק מיט אַ חברה פערד־הענדלער און געטרונקען.

— חברה, לאָמיר גאָר אַריבערפאָרן אין דער „וויקטאָריע"

אַריין — האָט גראַדול אַ געשריי געטאָן און זיך צעפּייפט.

— אין דער „וויקטאָריע" אַריין! — האָבן עטלעכע אונטערגע־כאַפּט האַלב שכור און אַרויס אויף דער גאַס.

— נאָר זעט, חברה, פאַרהוליעט זיך נישט! — האָט קישקע געזאָגט, — מאָרגן נאָכמיטאָג איז דאָ אַ ניי שטיקל אַרבעט.

זיי האָבן געכאַפּט אַ קאָטש, זיך אַריינגעוואָרפן און געהייסן פאָרן צו דער „וויקטאָריע". דער דראָזשקאַר האָט מיט חשד געקוקט

אויף די געסט, זיך געקווענקלט, אויט געשפּיגן און גענומען טרייבן די פערד איבער הינטערגעסלעך.

די חברה זיינען אַריין אין קאַנטאָר פון דער וויקטאָריע מיט אַ געפּילדער. אונטער אַ בופעט איז געשטאַנען אַ יונגע בלאָנדינקע פון אַ יאָר נײַנצן, שיין פאַרקעמט מיט אַ דעקאָלטירט, ווייס האַרץ און געשמועסט מיט אַ דיקן מאַן אין אַ פּאָר ברייטע הויזן אין פּאַסן מיט אַ ווייסע פּיקענע וועסט, אויף וועלכער עס האָט געהאָנגען אַ גאָלדענע קייט.

די בלאָנדינקע האָט באַמערקט זאַנוולס בליק, ווי ער שלינגט זי מיט די אויגן, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און אים אָנגעקוקט — זיך געשפּילט, ווער עס וועט אויסהאַלטן דעם צווייטנס בליק. מיט אַמאָל האָבן זיך אירע ווייסע באַקן גענומען צינדן, זי האָט אַ ציטער געטאָן, אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן מיט די לענגלעכע ברעמען, ציגע-בומען די פּאַפּירלעך, וואָס זאַנוול האָט געלאָזט ליגן אויפן טיש און אַ געשריי געטאָן:

— איגנאַץ, פיר אַריין די געסט אין זאַל!

פון אַן אַלקער איז אַרויס אַ שייגעץ אין אַ פראַק, האָט זיך פאַרנייגט פאַר די געסט און זיי אַרויפגעפירט. דער זאַל איז געווען אויסגעקלעפּט מיט גרינע טאַפּעטן. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען פרויען אין פּיקאַנטע פּאָזן. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַן עלטערער מאַן מיט אַ פּליך און געשפּילט פּיאַנאָ. אַרום דעם זאַל האָבן זיך געצויגן בענק אויסגעבעט מיט גרינעם פּליוש, דאָ און דאָרט ביי מאַר-מאָרנע טישלעך זיינען געזעסן בחורים מיט מיידלעך און געטרונקען. איבערן זאַל האָבן אַרומגעשפּאַצירט שורותווייז יונגע מיידלעך מיט שיקסעס אין קורצע זיידענע קליידער. די קליידער זיינען געווען דורכזיכטיק און האָבן רייצנד אָפּגעשפּיגלט די געטאָקטע מיידלשע קערפּערס ביז איבער די לידקעס. צוויי מיידלעך האָבן געטאַנצט, ליידנשאַפטלעך אַפּערגעוואָרפן טיילן פון זייערע קערפּערס, געוווּנקען מיט די טיפע אויגן, און זייערע לייבער האָבן אַפּגעשריגן פון אונטער פאַרשיידענע קאָלירטע טיולן.

די מיידלעך האָבן אונטערגעהאַלטן די געסט מיט קופּלעטן,

זיך געסטאַרעט זיי זאָלן וואָס מער געבן צו ליזן און דערנאָך זיי-נען זיי פאַרשווונדן אין זייטיקע צימערלעך.

זאַנוול מיט די חברים זיינען אַריין, זיך אַרומגעקוקט, דערזען דאָ און דאָרט באַקאַנטע, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ ווינקל טישל און באַשטעלט עטלעכע פלעשער שאַמפּאַן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן מיידלעך, טאַנצנדיק און זינגענדיק, צו זאַנוולס טישל. זאַנוול האָט זיי אַלע באַטראַכט און קיין איינע איז אים נישט געפעלן. עס איז אים נישט אַרויס פון קאָפּ די בלאָנדינקע, וואָס איז געשטאַנען אונ-טערן צאָל-באַנק. ער האָט באַמערקט, אַז זי איז עטלעכע מאָל דורך דעם זאַל, וואַרפנדיק אויף אים „אייגעלעך" און איז צוריק אַרויס. זיינע חברים האָבן זיך באַלד אויסגעקליבן מיידלעך און יעדער פון זיי איז פאַרשווונדן. זאַנוול איז געבליבן איינער אַליין ביים טישל. לעבן אים זיינען געשטאַנען עטלעכע מיידלעך מיט דער בלאָנדינקע אין דער מיט און זיך געשושקעט.

— וואָס זאָגט איר נישט צו דעם יאָלד! — האָט געזאָגט אַ מויד מיט אַ פאַרריסן נעזל ווי ביי אַ מאָפּסיק — זיך אַוועקגעזעצט ווי אַ הון אויף די אייער! ווער עס קומט צו שיקט ער אַוועק! און געלט, ווייזט אויס, האָט ער ווי קרח! ער צאָלט פאַר זיינע חברים.

— אַודאי אַ כניאָק — האָט זיך אָפּגערופן אַן עלטער מיידל און זיך צעלאַכט.

— געטראָפן ס'אָרט — האָט זיך די בלאָנדינקע אַריינגעמישט — ער זעט שוין גאָר נישט אויס ווי אַ יאָלד! די צרה איז, וואָס איר טויגט אויף כפּרות. אָט ווייז איך אייך, כ'גיי צו, און דער בחור לויפט מיר נאָך ווי אַ לעמעלע.

— וועט מען טאָקע זען — האָבן זיך עטלעכע מיידלעך אָפּגעע-רופן מיט אַמאָל.

זאַנוול האָט זיך צוגעהערט צו דעם גאַנצן שמועס, האָט חרטה געהאַט צוואָס ער איז אַהער געקומען, געוומען קלערן עפּעס אַזעלכס, פון וואָס די בלאָנדע זאָל זיך באַליידיקן.

— פּאַניע „עקס", וואָס זיצט איר עפּעס אַליין און דערצו אַזוי טרויעריק? — האָט געזאָגט די בלאָנדינקע און זיך געזעצט לעבן אים.

זאַנוול האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז עס איז נישט איר באַבעס דאגה, זיך באַגעגנט מיט אירע חן־גריבלעך און זיך פאַרלוירן:

— כ'ווייס — — — — —

— נאַרישקייטן! — האָט די בלאָנדע געזאָגט און אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זאַנוולס קני — מען קלייבט זיך אויס אַ שיין מיידל און מען פאַרברענגט. אָט אייערע חברים אַמוזירן זיך אויפן בעסטן אופן. אויב די „וויקטאָריע" וועט אייך נישט העלפן, וועט אייך שוין קיין דאָקטאָר נישט העלפן! — האָט די בלאָנדינקע זיך צעלאַכט.

— ביילקעס געגנג! — האָט זיך דורכגעוואָרפן זאַנוולען אין מח. ער האָט פאַרגעסן אין אַלעם און בשעת מעשה חשק געהאַט זי אַרומצונעמען.

— און אַז כ'וועל זיך אויסקלויבן אייך? — האָט זאַנוול געזאָגט מיט אַ שמייכל.

די בלאָנדע האָט זיך אויך צעשמייכלט און איז באַלד ערנסט געוואָרן.

— וואָס דאַרפט איר אַ פאַרהייראַטע פרוי, קנאַפּ מיידלעך זייענען דאָ פאַראַן? איר ווילט מיין „אַלטער" זאָל זיך מיט מיר גטן? — און זי האָט זיך צעלאַכט.

זאַנוול האָט זיך געפילט ווי אַן אָפּגעפּאַטשטער און האָט גאָרנישט געענטפערט. מיט אַמאָל האָט ער דערפילט ווי זי נעמט אים אָן פאַר דער האַנט.

— הערט, פאַניע „עקס", פאַרברענגט דאָ דערווייל, און אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין — — האָט זי זיך רייצנד צעלאַכט, אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַרויס פון זאַל.

זאַנוול האָט געטרונקען אַ פלעשל נאָך אַ פלעשל. עטלעכע מאָל איז גראַדול אַ האַלב־שכורער אַריין אין זאַל אַרומגעכאַפּט זאַנוולען, אים געגומען קושן און שלעפּן צו זיך אין נומער אַריין. זאַנוול איז געזעסן און געטרונקען. ער האָט געפילט ווי די גלידער ווערן אים אַלץ שווערער און שווערער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן. אַ שטיק אין דער נאַכט איז צו אים צו דער קעלנער, אַרויפגעפירט אויפן דריטן שטאָק, געעפנט אַ טיר און אים אַריינגעלאָזט. דאָס איז געווען אַ קליין פירעקיק שטיבל מיט ראָזע טאַפּעטן. אַ קליין לעמפּעלע מיט אַ ראָזן

אַבּאַזשור איז געשטאַנען אויף אַ ווינקל־טישל און געוואָרפן אויף אַלץ אַ ליידנשאַפטלעכן שיין. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ גרויס הילצערן הימל־בעט מיט ראָז־זיידענע פאָרהאַנגען, מיט דריי טרעפּלעך צרויפצוגיין. דאָס שטיבל האָט געשמעקט מיט פּערפום און פרויען־ריח.

זאַנוול איז געבליבן שטיין ווי פאַרכשופט, ברייט צעעפנט די אויגן און גאַרנישט געזען. ער האָט באַמערקט ווי אַ ווייסע האַנט באַ־ווייזט זיך אין דער לופט און רופט אים. אויף אַ פּליושענע אָטאָמאַנע אין דער פאָרם פון אַ לייב איז געלעגן די בלאָנדע אין אַ ראָז־זיידענעם שלאָפראָק, אין אַ פּאָר זילבער־געהאָפטענע שטעק־שיכלעך. זאַנוול האָט געפילט בשעת מעשה ווי אַלץ ביי אים שטאַרבט אָפּ און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער חלומט.

זי האָט אויסגעשטרעקט איר געטאָקטע האַנט און די פינגער האָבן אַ בליץ געטאָן מיט אַ ים גרין־רויטלעכע פייערן. דאָס האָט זי אים געוויזן אויף אַ קליין אויסגעבעט פוסן־בענקל, וואָס איז געשטאַ־נען ביי דער אָטאָמאַנע. זאַנוול האָט זיך לייכט אַראָפּגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און נאָך לייכטער אָפּגעעטעמט.

— ביסט צופרידן? — האָט די בלאָנדינקע געפרעגט מיט אַ שמייכל און לייכט צעעפנט אירע דינע ליפּן, אַ בלישטשע טוענדיק מיט אירע ווייסע ציין.

זאַנוול איז ווי פאַרשכורט געוואָרן פון איר, ער האָט לייכט אָנגענומען איר האַנט און זי גענומען קושן.

— גלויב מיר — האָט די בלאָנדינקע שטיל גערעדט — אַז כ'האָב דיך נאָר דערזען, ביסטו מיר געפעלן געוואָרן. איך בין דאָך עטלעכע מאָל אַרויף אין זאַל דיך אָנקוקן. ווער ביסטו?

די לעצטע פראַגע האָט זאַנוולען עטוואָס צערודערט, נאָר ער האָט לאַנג נישט געקלערט און געענטפערט:

— דער פירער פון די ראַדזעגאָווער גזלנים.

די בלאָנדע האָט עטוואָס ברייטער צעעפנט אירע בלויע אויגן און ווי אַ דערשראָקענע סאַרנע האָט זי אים געפרעגט:

— ביסטו אויך אַ גזלן?

— איך בין זייער קיסר.

— און איר ווינט טאַקע אין די וועלדער?

— געוויס! אין אַ גרויסער הייל אונטער דער ערד!

— און עס איז אייך נישט קאַלט?

— נו, און אַז עס איז קאַלט, ברעכט מען אָן ביימער, מען צע־לייגט פייערן און מען וואַרעמט זיך — — —

— אַזוי — — —

די בלאָנדע האָט זיך פאַרטראַכט, שפּילנדיק זיך מיט איר זיי־דענעם צאָפּ און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען עפּעס אַזוי קינדיש — —

— און דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל זיין דיין מיידל? — האָט די בלאָנדינקע אים געפרעגט מיט אַ געלעכטער.

— געוויס... — האָט זיך זאַנוול צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

זאַנוול האָט בשעת מעשה געקוקט אויף איר געטאָקטע האַנט, וואָס איז געלעגן אויף דעם ראָז־זיידענעם שלאָפראָק. די דורכזיכטיקע ווייסקייט פון דער האַנט מיט די צעוואָרפענע נעץ פון בלוילעכע זיידן־פעדים האָבן זאַנוולען פאַרשכורט.

פאַרטאָג האָט זיך זאַנוול אויפגעכאַפּט אַ מידער, זיך אויסגע־שווכעט און זיך אַרומגעקוקט.

אויף אַ וויגשטול איז געזעסן די בלאָנדינקע אין אַ גרין־זיידענער גאַבערלע, אייננורענדיק איין באַק אין די ווייסע וואָל פון אַ קליין הינטל.

— ס'איז נאָך פרי! וואָס איילט איר זיך! — האָט די בלאָנדינקע געזאָגט מיט אַ שמייכל, זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין צו זאַנוולען מיטן הינטל אויף דער האַנט.

זאַנוולס פאַרלאָפענע אויגן האָבן אויף איר געקוקט מיט אַ מאָדנעם ערנסט.

— וואָס, איר זייט ברוגז? — האָט די בלאָנדינקע זיך צעשמייכלט און אַ שעלמישן וואָרף געטאָן דאָס הינטל אויף זאַנוולען.

דאָס הינטל האָט אַ קוויטש געטאָן און אַראָפּגעשפרונגען.

— וואָס פֿאַלט אייך איין? — האָט זאַנוול געענטפֿערט, אָנגעכאַפּט די בלאָנדינקע פֿאַר דער האַנט און בשעת מעשה דערפֿילט, ווי אַלץ אין אים שפּאַרט אין מח אַריין.

דאָס הינטל האָט זיך גענומען וואַרפֿן מיט אַ בילעריי אויף זאַנוולען. די בלאָנדינקע האָט געכאַפּט דאָס הינטל פֿאַר די אויערן און מיט אים אַרויס פֿון צימער.

זאַנוול איז געבליבן אַליין, דערפֿילט ווי אַלץ ביי אים ווערט אָפּגעקילט, נעמט פֿאַרגליווערט ווערן, פֿרירט. ער האָט געפֿילט פֿון זיינע הענט איר לייב און גענומען זיי רייבן איינע אין די אַנדערע, האָט גרויס חשק געהאַט צו צעברעכן איר בעט, צערייסן די ראָזע־ זיידענע פֿאָרהאַנגען. באַלד איז די בלאָנדינקע לייכט אַריין, פֿאַרשליסנ־ דיק נאָך זיך די טיר.

זאַנוול האָט באַמערקט אירע קליינע, ווייסע פֿיסלעך און ווידער אָן אַלעם פֿאַרגעסן.

זאַנוול איז אַרויס פֿון דער „וויקטאָריע" צוזאָגנדיק, אַז ער וועט ביינאַכט ווידער קומען. ער האָט גיך דורכגעשפּאַנט עטלעכע געסלעך און אַ מידער איז ער אַריין אין זיין נומער.

זיינע חברים זיינען נאָך געשלאָפֿן אין די קליידער. זאַנוול האָט אַריבערגעוואָרפֿן דאָס ליילעך איבערן קאָפּ, זיך איינגעוויקלט, עטלעכע מאָל אָפּגעזיפֿצט און איינגעשלאָפֿן.

אַרום האַלבן טאָג האָבן אים די חברים געוועקט.

— קריך אַרויס — האָט גראַדול געשריגן און אים געצויגן פֿאַר אַ פֿוס — קישקע וואַרט שוין אויף אונז!

זאַנוול האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן, דערפֿילט אַ שרעקלעך פֿייער אין גאַנצן קערפּער, אַ ריס אַרויס געטאָן דעם פֿוס און זיך צע־ ברומט:

— כ׳גיי נישט!

— וואָס הייסט, גייסט נישט? — האָט גראַדול אַ פֿאַרוווּנדערטער געפֿרעגט.

זאַנוול האָט נישט געענטפֿערט.

— נו? — האָט אים גראַדול ווידער געמונטערט.

— ברעך הענט און פיס! — האָט זאַנוול מיט כעס אויסגעשריגן און זיך אויסגעדרייט.

— רייס זיך נישט! — האָט גראַדול בייז געענטפערט און געגאַנגען צו דער טיר. — און אויב עס ברענט, לעקט מען אַ קאַץ!

זאַנוול איז געלעגן אַ צעבראָכענער, די פיס זיינען געווען שווער און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע גלידער זיינען צעשרויפט, וואַקלען זיך און קנאַקן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל געוואָלט איבערציען, נאָר די גלידער האָבן נישט געדינט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין קישן און געבליבן ליגן ווי אַ שטיק ליים. פאַר אים איז דורך ווי אין חלום דער גאַנצער נעכטיקער אָוונט. ער האָט נאָך יעצט געפילט אויף זיינע ליפּן אירע הייסע קושן, האָט עטלעכע מאָל צוגעשטעקט די פינגער צו זיינע ליפּן — אים האָט זיך אויסגעדאַכט ווי ער טאַפּט אָן דעם קוש, און האָט מיט אַמאָל דערפילט ווי זיינע מוסקולן ציען זיך צוריק אָן, ווערן נאָך שטאַרקער ווי פריער.

עטלעכע מאָל איז אים דורך אין מח רחל. אָבער ער פלעגט נאָר מאַכן אַ גרימאַסע מיטן פנים, גלייך ער וואָלט איינגעשלונגען אַ ביטערן פיל און ווידער געטראַכט וועגן דער בלאָנדער.

— ער וועט קומען מיט דער בלאָנדער אַהיים, גיין מיט איר געאָרעמט ווי אַ שררה. אַלע וועלן זיך אָפּשטעלן, קוקן וואָס פאַר אַ שיין מיידל זאַנוול האָט זיך געבראַכט און ווי זי גייט דאָס אויסגעפּוצט? שענער ווי אַ כראַביאַנקע! און אָט וועט אים אַנטקעגן קומען רחל, וועט צעמישט ווערן, נישט גלויבן אירע אייגענע אויגן — — — און ער? ווי קיינמאָל גאָרנישט! גייט זיך שטייף און רעדט מיט זיין דאַמע!

פאַרנאַכט האָט זיך זאַנוול ווידער איבערגעטרייסלט, זיך אַרומגעקוקט און רויק געלעגן. ער האָט געפילט אַ העליש פייער אין די ביינער. די פיס האָבן אים שטאַרק געצויגן, גלייך פיאַווקעס וואָלטן דאָס בלוט אויסגעזאָגט. אַלץ האָט אים געעקלט, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער זאָל יעצט די בלאָנדע טרעפן וואָלט ער זי דערשטיקט, אַז זי האָט אים איבערגעפירט, האָט אויסגעזאָגט זיין בלוט און מאַרך. ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט שוואַך ווי אַ קינד און אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען.

— און ווער ווייס צי זי איז נישט אַ קראַנקע? — האָט זאַנוול אַ טראַכט געטאָן, איינגראָבנדיק טיף דעם קאָפּ אין קישן — זי האָט מיך איבערגעפּירט!

ער וועט אַהיימקומען אַ קראַנקער, ער ווייס, אַז די קרענק איז די מיאוסטע, אַז ס'איז כמעט אוממעגלעך זיך אויסצוהיילן פון איר. און טאַקע „טל־ומטר" איז דאָך געווען אַ העלד, פון זיינע גבורות איז מען דאָך נשתומם געוואָרן, און אַז ער איז קראַנק געוואָרן און געגומען צעפּאַלן שטיקערווייז, האָבן די חברים אים פאַרלאָזט. און ער אַליין געדענקט אים: אַ הויכער מיט צוויי ווילדע אויגן, מיט אַ רויטער אָפּגעפוילטער נאָז, מיט אַזעלכע רויטע פלעקן איבערן גאַנצן פּנים, און געגאַנגען איז ער ווי אויף שטאָלצן.

זאַנוול האָט דערפילט אַ קאַלטן שוידער איבער זיין גאַנץ לייב, ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און זיך פאַרטראַכט: ער איז אין דער היים. אַלע ווייסן, אַז ער איז קראַנק, מיידן אים אויס. און ער איז געצוווּנגען צו שלאָפן אין הקדש. פון טאָג צו טאָג ווערט ער שוואַכער, ער קאָן שוין נישט אַרויס אויף דער גאַס. און אַלץ איבער רחלען, איבער די פאַרדריפּעטע חסידישע טאָכטער!

מיט אַמאָל האָט זאַנוול דערהערט קולות אונטער זיין פענסטער. ער איז אַראָפּ פון בעט און זיך גענומען אָנטאָן. משהלע האָט גערעדט הויך מיטן בעל־הבית פון האָטעל. באַלד האָט זיך די טיר אויפגעפּראַלט און צוויי פערדס־הענדלער מיט משהלע ביק האָבן אַריינגעטראָגן עפּעס אַ פאַרבלוטיקטן קערפּער און אים געלייגט אויפן בעט. זאַנוול האָט אין די קליידער דערקענט גראַדולן, וועלכער איז געלעגן און געקרעכצט. עס איז כמעט אוממעגלעך געווען אים צו דערקענען, אַזוי צעממיתט איז ער געווען. די אויגן האָט מען נישט אַרויסגעזען, זיי זיינען געווען פאַרלאָפן מיט צוויי שוואַרץ־בלוילעכע לאַנטערנעס. פון מויל און פון קאָפּ איז גערונען בלוט.

— וואָס איז דאָס? — האָט זאַנוול אַ געשריי געטאָן.

משהלע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פאָרענטש פון בעט און אָפּגעוואָרפן זיינע פיס:

— די גאַנצע צייט געכראָפּעט און איצט שרייט ער!

זאַנוול האָט נישט געענטפערט.

— איר וועט זיך שוין שפּעטער קריגן — האָט זיך אַ פערד־הענדלער אַריינגעמישט — יעצט לויפט נאָך אַ דאָקטאָר! דער יינג קאָן דאָך אָפּגיין מיט בלוט! און מאַכט גיכער אַ ויברח! פּאָליציי זוכט אים!

— ביק, נישט קיין פּיפּס! הערסט! — האָט זיך זאַנוול געווענדט צו משהלען — גיי שוין נאָך אַ דאָקטאָר.

משהלע איז אויפגעשפּרונגען און איז אַרויס.

— ווי ר׳נאָך איז דאָס געשען? — האָט זיך זאַנוול געפרעגט ביי די יידן.

— פּשוט! ער האָט געוואָלט נעמען אַ פּאָר פערד, האָט מען אים געכאַפּט, און ווען נישט מיר, וואָלט ער דערהרגעט געוואָרן.

זאַנוול האָט גענומען אַ שיסל וואַסער און גענומען אָפּוואַשן דעם פאַרבלוטיקטן גראַדולן. ער האָט געפילט, אַז דורך אים איז דאָס אַלץ. ער איז זיך עטלעכע מאָל דורך די שטוב און באַשלאָסן נאָך היינט מיטן קראַנקן אַהיים צו פאָרן.

19

— גלויב מיר, רחל, — האָט נתן געזאָגט צו זיין טאָכטער — מען פאַרגינט מיר פּשוט ברוכן נישט! און לאָמיר זיך טאַקע נישט נאַרן: ברוך איז פאָרט דער בעסטער בחור אין שטעטל, האָט היתר־הוראה, האַלט ביים צושטעלן זיך צום עקזאַמען, און טאַקע באַלד, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה לאָז איך זיך קאָסטן עטלעכע הונדערט רובל און ברוך וועט קריגן אַ „שטאַט“ און ווערן רב. וואָס קאָן זיין עפּעס בעסערס?

דאָ איז נתן אַנטשוויגן געוואָרן, געטאָן אַ שמעק טאַבאַק און געקוקט אויף דער טאָכטער.

רחל האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז נאָר בלאַסער געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— נו, טאָכטערשי! — האָט דער אַלטער אַ הוסט געטאָן.

רחל האָט אויפגעהויבן אירע פאַרלאָפענע מיט טרערן אויגן.

— טוט וואָס איר ווילט! — האָט זי אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין און אַריין אין אַן אַנדער חדר.

— אַ יונג קינד, שעמט זיך מן הסתם — — לאָז זי זיך אַ ביסל אויסוויינען, ס'מאַכט נישט — האָט נתן אַ טראַכט געטאָן און זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע.

רחל איז אַריין אין איר שלאָפצימער. זי האָט גענומען שפּאַנען הין און צוריק איבערן קליינעם צימער און האָט געפילט, אַז דאָ טוט זיך עפּעס, אַז מענטשן גייען אַרום, טראַכטן, פּלאַנעווען, ווי אַזוי זי גליקלעך צו מאַכן... רחל האָט האַסטיקער געשפּאַנט איבערן קליינעם צימערל און מיט אַ שנעלקייט האָט זיך ביי איר אין מח געוועבט אַלץ נייע און נייע פּלענער ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון שדוך. מיט אַמאָל האָט זיך ביי איר אין מח ווי עפּעס אָפּגעריסן. דעמאָלט האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעשנירלט איר ווייסן שטערן, עטוואָס אַראָפּגעלאָזט אירע אויגן-לעפּלעך און געקוקט, געזוכט - נאָר ווי אויף צו להכעיס האָט זי זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, האָט אַ טופּע געטאָן פאַר כעס מיטן פוס און גענומען שפּאַנען ווייטער. ווען זי האָט דערפילט אַ שטאַרקע מידקייט אין אירע פיס, האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף דער כאַראַטענער קאַנאַפּע און באַשלאָסן נאָך היינט ביינאַכט צו זאָגן דעם פאָטער, אַז זי וויל נישט דעם שדוך, אַז זי וועט זיין אומגליקלעך איר גאַנץ לעבן מיט ברוכן, אַז — — — אַז זי ווייס אַליין נישט פאַרוואָס... און פאַר איר איז עפּעס ברוך אויסגעוואַקסן מיט אַמאָל פיל מיאוסער ווי ער איז געווען. די נאָז — האָט זיך איר געדאַכט — איז דאַרער און לענגער, צעוואַקסט זיך אין מויל אַריין און דאָס יונגע, בלאַסע פּנים האָט אין זיך עפּעס אַזאַ אַלטקייט, און דער קנייטש, וואָס טיילט אָפּ די נאָז פון שטערן, האַלט זיך אין איין באַוועגן, גלייך אימיצער וואָלט ביי אים דאָרט געזעסן און געפּיקעט, און אין גאַנצן זעט ער אויס ווי אַ מילך פון אַ הערינג.

רחל האָט געפילט, ווי עס ווערט איר קאַלט. זי האָט שטאַרק איינגעקוועטשט אירע ביידע שלייפן מיט די פויסטן און באַשטימט עס זאָל איר גיין אין לעבן, וועט זי מיט ברוכן נישט חתונה האָבן. און

אין איר אייגענעם טראַכטן האָט זי געפילט, אַז דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין, אַז זי וועט דעם פאָטער קיינמאָל נישט זאָגן, אַז זי ליבט זאַנוולען דעם פערד-גנב, אַז איר גאַנצער טראַכטן איז נישט מער ווי אַ זיסער צייט-פאַרטרייב. אַז זי גענאַרט זיך זעלבסט, און זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אַזוי שוואַך און הילפלאָז ווי אַ קינד...

די שנאה צו ברוכן איז ביי איר מיט אַמאָל פאַרשוווּנדן. דער טאַטע האָט איר געזאָגט, אַז ברוך וועט באַלד נאָך דער חתונה ווערן רב. זי וועט זיין רביצן. אַלע ווייבער וועלן איר קוקן אין מויל אַריין. יעדע וועט זיך שעצן גליקלעך מיט איר צו פאַרברענגען, הערן איר מיינונג און ווי נאָר אַ שמחה אין שטאָט, וועט מען זי פאַרבעטן, זעצן אויבן אָן, מכבד זיין מיטן בעסטן. רחל האָט זיך אָנגעשטרענגט ווייטער צו ציען דעם געדאַנק, נאָר פלוצלינג איז פאַר איר אַרויסגע-וואַקסן די רביצן פון שטאָט אין איר זיידענער קופקע מיט די לאַנגע דימענטענע אוירינגען, און אַז באַלד נאָכן באַדעקנס וועט מען זי אַוועקזעצן אויף אַ גרויסן שטול, צעלאָזן אירע פלעכטן און די רביצן וועט זיי אָפּשערן. רחל האָט אַ כאַפּ געטאָן אירע צוויי לאַנגע צעפּ, זיי באַטראַכט, גענומען זיי קושן, גלייך ווי זי וואָלט זיך צעשיידט מיט זיי אויף אייביק און פאַר איר איז מיט אַמאָל אַרויסגעשווומען די אַלטע קריינדל, די חלות-און טשאָלנט-בעקערן. ווי רחל איז איינמאָל פרייטאָג נאָך מיטאָג צו איר אַריין. אונטער אַ שפּאַנישע וואַנט איז געשטאַנען די אַלטע קריינדל, געמידליעט אַ יונג ווייבל דעם קאָפּ מיט אַ האָריקן פענזעל, גענומען אַ בריטווע און געגאָלט. און דאָס יונגע ווייבל האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעצוואָגן קעצל.

רחל האָט ווידער אַמאָל דערפילט אַ שנאה צו זיי אַלע, אַפילו צו איר פאָטער. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האָבן זיך צונויפגע-רעדט זי אומגליקלעך צו מאַכן, אַז קיינער פאַרשטייט זי נישט, ווייל זי גאָרנישט פאַרשטיין... זי האָט פאַרגעסן, אַז זי איז ברוגז מיט זאַנוולען און זי איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי ראַטעווען, פון אונ-טער דער חופה אַפּערנעמען און האָט באַשטימט אים גלייך צו זען.

ווי אַ פאַרסמטע איז רחל אַרויס פון שטוב, און שנעל געשפּאַנט צו שלמהס הויז. אין פענסטער איז געווען ליכטיק. זי האָט נישט געטראַכט און אַריין:

— אַ, סקאָצל קומט! אַ גאַסט! — האָט תרצה געזאָגט און אָפּ־געווישט מיטן פֿאַרטוך אַ בענקל.

רחל איז רויט געוואָרן, זיך צעטומלט, האָט אַ פֿינטל געטאָן מיט די אויגן, ווי אײנער וואָס וויל זיך אָן עפּעס דערמאָנען:

— אַ דאַנק, תרצה! זײט אײַך נישט מטריח, כ׳האָב אײַך נאָר געוואָלט זאָגן, איר זאָלט צונעמען די מערן.

— וואָס פֿאַרע מערן?!

— איר ווייסט גאָרנישט? אַ חידוש! — האָט רחל געענטפֿערט אײַנגאַנצן אַ צעפּלאָנטע, — אײַער זאַנוול האָט יענע וואָך באַשטעלט אַ קערץ מערן פֿאַר די פֿערד און ער קומט זײ נישט נעמען, — ס׳האַלט דאָך אין אײן רעגענען, זײ קאָנען פֿאַרפֿוילט ווערן...

— און ער האָט אײַך באַצאָלט? — האָט זיך תרצה געפֿרעגט.

— געוויס! וואָס דען?!

— גלויבט מיר, רחל, דער יינג מאַכט מיך בדיל הדל! אָט זעט איר, געקויפֿט מערן און גאָרנישט! דער יינג איז דאָך שוין באַלד אַ וואָך אויפֿן לוויוויטשער יריד, און גיי זײ אַ נביא, אַז ער האָט גע־קויפֿט מערן! אַ שײנעם דאַנק, רחלשע, וואָס איר זײט געקומען. בלי נדר, מאָרגן שיק איך מײַן „אַלטן“ נאָך זײ. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ! — האָט תרצה געהאַלטן אין אײן מאָלן, — איר, רחל, האָט דאָך אונז אײַנגאַנצן פֿאַרשעמט, נישט געבליבן צו דער סעודה, מײַן זאַנוול האָט אײַך אַרומגעזוכט.

רחל האָט אָנגעקוקט תרצהן, און איר האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלטע תרצה אָן צײַן ווייס אַלץ און שמייכלט, אַז זי ווייס, אַז זאַנוול האָט קײנמאָל קײן מערן נישט געקויפֿט און אַז דאָס האָט זי זיך פֿאַרבענקט נאָך איר זאַנוולען און איז דאָס געקומען מיט אַן אויסרייד.

אין אָוונט איז זאַנוול געקומען פון יריד און געוואָר געוואָרן, אַז רחל גייט אַ כּלה ווערן פאַר ברוך גיטלס. ער איז געוואָרן מאָדנע אומרויק. ער האָט מער נישט געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט, איז אַרויס אין גאַס און זיך געלאָזט גיין צו גראַדולן.

אַ ווינט האָט זיך פון ערגעץ אָפּגעריסן און גענומען שטאַרק בלאָזן, אויפהייבנדיק גאַנצע קופּעס שטויב. דער ווינט האָט זיך געדרייט, געיאָגט איבער דער גאַס מיט אַ פייף.

זאַנוול האָט גענומען גיכער שפּאַנען.

ער האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט.

נתן מיט רחלען זיינען אים אַנטקעגן געקומען.

דער ווינט האָט זיך שטאַרקער צעפייפט, ערגעץ־ווו אויף אַ דאַך אַ הויב געטאָן אַ שטיק אָפּגעריסענע בלעך, אַ ריס אַראָפּ געטאָן פון נתנס קאָפּ זיין טוכן היטל און מיט אַ שנעלקייט עס גענומען טראָגן איבערן גאַס.

דער אַלטער מיט דער טאָכטער זיינען געבליבן שטיין אומבאַהאָלפענע זיך איבערגעקוקט און באַלד זיך געלאָזט נאָכן היטל.

זאַנוול האָט געטאָן אַ שפּרונג, געכאַפּט דאָס היטל און מיט דרך־ארץ עס צוגעטראָגן נתנען.

— אַ שיינעם דאַנק, וואָס איר האָט זיך מטריח געווען, זאַנוול! דאָס הייסט אַ ווינט! — האָט דער אַלטער געזאָגט און אָנגעטאָן דאָס היטל.

זאַנוול האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, אָנגעקוקט די איבערגעשראָקענע רחל, נאָר מער ווי אַ נאַרישער שמייכל איז ביי אים אויפן פּנים נישט אַרויס.

ווען נתן מיט רחלען זיינען שוין געווען אַ שטיק פון אים, האָט זיי זאַנוול נאָכגעיאָגט אַ צעטראָגענער:

— גייט גיכער אַהיים, ר׳ נתן!... עס וועט באַלד אַ גאַנס טאָן אַ רעגן! — האָט זאַנוול אויסגעשאָסן און איז רויט געוואָרן.

— הלואי! — האָט נתן געענטפערט, — די קאַרטאָפל דאַרפן רעגן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

זאַנוול האָט באַמערקט ווי רחל האָט געשמייכלט און ער איז עפּעס צופרידענער געוואָרן.

ער איז זיי נאָכגעגאַנגען.

אַ בליץ האָט אָנגעצונדן די גאַנצע גאַס.

ערגעץ ווייט האָבן גענומען פּלאַצן גרויסע פעלזן, געפּלאַצט און געקייקלט זיך אַלץ נענטער, זיך צעקראַכט ערגעץ אין דער הויך, זיך פאַנאַנדערגעשאָטן ווי מחנות פויקן.

עס האָט באַלד אַ גאַס געטאָן אַ רעגן, געפּליוכעט ווי מיט צעבערס.

זאַנוול איז אַריין אין הויז קעגנאיבער נתנעז.

ביי נתנען איז געוועזן ליכטיק.

זאַנוול האָט אַ נערוועזן ציטער געטאָן:

אין דער טיר פון נתנס הויז איז געשטאַנען רחל.

ער איז לייכט צו צו איר.

רחל, דערזעענדיק זאַנוולען, האָט זיך דערשראָקן און זיך אַריינגערוקט אין הויז אַריין. באַלד איז זי צוריק אַרויס.

זיי זיינען געשטאַנען עטלעכע מינוט, זיך אָנגעקוקט מיט ערנסטע פּנימער.

זאַנוול האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

— רחל, איך דאַרף דיך זען! כ׳האָב עפּעס מיט דיר צו רעדן. זיי מאָרגן אַכט אַ זייגער אין פעלד! וועסט זיין?

— כ׳וועל זיין! — האָט רחל געענטפערט, נישט געזאָגט קיין גוטע נאַכט און פאַרשוואונדן אין פינסטערן קאָרידאָר.

זאַנוול איז געבליבן שטיין עטוואָס אַ צעמישטער. לאַנג האָבן אין זיינע אויערן געקלונגען רחלס טריט און דער סקריפּ פון דער טיר. ער האָט דערפילט, אַז דער גרונט אונטער זיינע פיס באַוועגט זיך, בעמט אַפערשווימען פון אונטער אים און ער בלייבט ערגעץ אין דער לופט.

מיט אַ מידקייט אין קערפּער האָט זיך זאַנוול אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זיינע גרויסע הענט, שטאַרק

פאַרקוועטשט די אויגן און פון די ציין האָט זיך געהערט אַ מאָדנע קריצעריי, גלייך אַ שאַרפע זעג וואָלט געשניטן אַן אַלטן דעמב. זאַנוול האָט געשפּירט, אַז עס הויבט אים פון אָרט, אַז אַזוי גלאַט אַוועקגיין אָן אַלעם קאָן ער נישט, אַז ווען ער וואָלט יעצט געכאַפּט רחלען, וואָלט ער זי דערשטיקט, נישט געלאָזט זיך אַזוי טרעטן און בלאָזן אין דער קאַשע אַריין. וואָס מיינט זי? — אַ גנב האָט קיין האַרץ נישט? און וואָס האָט זי דאָס פאַרקאָכט אַ קאַשע מיט די מערן? ? ווען האָב איך ביי איר געקויפט מערן? זי ליגט שוין מסתמא יעצט אין בעט און לאַכט אין די פויסטן אַריין וויר׳נאָך זי איז פּטור געוואָרן פון מיר. אַ כאָליערע! זי וועט זיך נישט לאַנג פרייען. כ׳וועל איר באַלד ווייזן, אַז כ׳שטיי נאָך, אַז מיך צו פּטרן איז נישט אַזוי לייכט! כ׳נעם באַלד אַ שטיין און טו אַ טראַסק אין פענסטער אַריין, עס זאָל פון אים קיין זכר נישט בלייבן!

זאַנוול האָט גענומען זוכן אַ שטיין, איז דורכגעלאָפן אַ האַלבע גאַס, געזוכט, און אַלע שטיינער, וואָס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט, זיינען אים עפּעס נישט געפעלן געוואָרן. ער איז באַלד צוריקגעקומען צום פענסטער און געהאַלטן אין איין טענהן צו זיך: ווו קריגט מען עפּעס אַזאַ קיילעכדיקן, שפּיציקן שטיין? ער איז צו צום פענסטער און אַריינגעקוקט מיטביידע אויגן, נאָר ער האָט גאָרנישט געזען.

פון דערווייטנס איז געשטאַנען דער נאַכט־וועכטער מיט זיין גראָבן שטעקן און געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף זאַנוולען. דער וועכטער האָט גענומען פּאַמעלעך צוגיין. זאַנוול איז אַזוי געווען צעטראָגן, אַז ער האָט נישט געהערט ווי דער וועכטער איז צו צו אים. נאָר ווען דער וועכטער האָט אים שטאַרק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַ געשריי געטאָן: „קום מיט מיר, נאַכט־פויגל!“ האָט זיך זאַנוול ווי אויסגעניכטערט און זיך אויסגעדרייט.

דער נאַכט־וועכטער האָט אַ הויכן פייף געטאָן און געהאַלטן זאַנוולען פעסט מיט ביידע הענט. זאַנוול האָט מיט אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט פון אַן אומנאָרמאַלן מענטש זיך אַ שליידער געטאָן אויפן וועכטער, זיך עטלעכע רגעס געאַמפּערט, אים אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, אַ זעץ מיטן פוס אין האַרץ אַריין און איז אַריבער דורכן פאַרקאָן פון נתנס סאָד.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט פייפֿערייען און באַלד האָבן זיך אין דער שטילער באַכט אַריינגעטראָגן די שווערע טריט פֿון די וועכטערס. זאַנוול האָט געוווּסט, אַז יעצט צו אַנטלויפֿן איז אַ סכּנה, מען וועט אים געוויס כאַפּן. ער האָט גענומען זוכן אַן אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן.

אין עק גאָרטן איז געווען אַ גרוב פון קאַרטאָפֿל, פֿאַרמאַכט מיט אַ גרויסן שטיין. זאַנוול האָט אָפּגערוקט דעם שטיין, איז אַריין, צוריק פֿאַרמאַכט, האָט זיך אַרונטערגעלייגט אונטער אַ דריבעז פון וואַסער און געלעגן אין געהאַקטע צרות.

עס האָבן זיך באַלד דערהערט קולות אין גאָרטן. מען האָט אים געזוכט. ער האָט געהערט נתנס קול און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען האָט אים שוין, מען פֿירט אים אַרויס, יעדער איינער שלאָגט אים און רחל שטייט און קוקט. ער האָט באַשלאָסן צו זיין גרייט אויף אַלץ, אַפילו זיך צו פֿאַרטיידיקן מיטן רעוואָלווער, האָט בשעת מעשה אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַן אייזערנע הענטשקע און זי זיך אָנגעטאָן אויף דער האַנט.

עס איז שטיל געוואָרן. זאַנוול איז נאָך געלעגן אַ לענגערע צייט. דערנאָך איז ער אַרויס און אַוועק אַ דורכגעזווייקטער דורך הינטערגעסלעך צו גראַדולן.

ביי גראַדולן איז געווען ליכטיק.

אין אַ גרויס הילצערן בעט איז גראַדול געלעגן. זיין פּנים האָט אויסגעזען ווי באַשאָטן מיט אַש. ער איז געלעגן און געכאָרכלט מיט זיין ברוסט ווי אַ גאַנז.

ביים טיש איז געזעסן ביילע אַ פֿאַרוויינטע.

— וואָס הערט זיך ? דער דאָקטאָר איז געווען ? — האָט זיך זאַנוול שטיל געפרעגט.

— געווען ! — האָט ביילע מיט אַ זיפֿץ געענטפֿערט.

— נו, וואָס האָט ער געזאָגט ?

— וואָס מיר דאָקטאָר ! — האָט דער קראַנקער אָפּגעהוסט און אויסגעשפּיגן אַ שטיק בלוט ווי אַ קופּערנער צענער. — הערסט, זאַנוול, איין גאָט זאָל מיר העלפֿן, ס'איז נישט גוט, ברודער, ס'האַלט

שמאָל. . . די כחות גייען אויס. . בלי נדר, מאָרגן פרי טראָג אַוועק דעם גבאי פון דער תּלמוד תּורה אַ פינפערל מען זאָל זאָגן תּהילים.

זאַנוויל איז געשטאַנען, זיך געקראַצט דעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געווען דער גאַנצער בעל־חוב, וואָס גראַדול איז קראַנק. באַלד האָט זיך ביילע צעכליפּעט. ער האָט נישט געקאָנט מער צוהערן, איז אַריין אין שלאָף־צימער און זיך או סגעצויגן אויף גראַדולס בעט.

עס האָט זיך אים אַלץ געפּלאָנטערט, אַז מען יאָגט אים, אַז באַלד קומט מען אַרויף, מען נעמט אים פון בעט אַרויס און מען פירט אים אַ געשמידטן אַוועק.

מיט אַמאָל האָט זיך אַ געוואַלדיק־הויכער מענטש מיט איין אויג אין שטערן גענומען פּאַקן צו אים דורכן פענסטער. ער האָט זיך געפּאַקט און געפּאַקט, אָנגעפילט די גאַנצע שטוב, יעדעס ווינקל, יעדע שפּאַרע, און דאָס אויג האָט געשאָסן מיט פּאָספאָר־שטראַלן.

דער מענטש האָט זיך געהאַלטן פאַר זיין גרויסן, געפּאַלדעוועטן בויך, געפּלאַצט פון געלעכטער, געוווּנקען מיטן אויג:

— אַבע! רחל האָט דיך אַוועקגעוואָרפן! אַוועקגעוואָרפן!

פון פּאַרדרוס האָט זאַנוויל אונטערגעשפּאָרעט זיין פאַרשוימטן פערד, אַרויסגעכאַפּט די לאַנגע, קרומע שווערד און אַ ביטערע מלחמה האָט אויסגעבראָכן צווישן אים און דעם איין־אויגיקן מענטש.

מיט יעדן פּאַך פון דער שאַבלע האָט זאַנוויל געשפּאָלטן דעם מענטש אין צווייען, און פון דעם מענטש זיינען באַלד צוויי מענטשן געוואָרן, און אין אַ ווײַלע אַרום אַ פולע שטוב מיט איין־אויגיקע מענטשן, און אַלע האָבן זיך געהאַלטן פאַר די געפּאַלדעוועטע בייכער, געלאַכט און די אויגן האָבן געשאָסן ווי פּאָספאָר־שטראַלן. . .

זאַנוויל איז געוואָרן שטאַרק בייז, איז אַראָפּ פון פערד, געכאַפּט איין מענטש פאַרן גערדיק, אים אויסגעשטאָכן דאָס אויג און באַלד האָט אַ קראַך געטאָן אַ דונער — אַלץ איז צעשוווּמען.

זאַנוויל האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן אָפּגעגאָסענער פון שווייס, געעפנט די אויגן: פינסטער, און אין דרויסן האָט געגאָסן מיט צעבערס.

ביילע איז געזעסן אויף איר בעט און זיך אויסגעטאָן. זי האָט איינגעטוליעט דעם קאָפּ אין קישן און שטיל געוויינט.

זאַנוולען האָט עס געהויבן פון בעט. ער האָט נישט געקאָנט הערן ווי ביילע וויינט.

— ביילע?

— זאַנוול, איר שלאָפט נישט?

— ניין! — האָט זאַנוול געענטפערט. — ביילע, וואָס וועט אייך העלפן אייער וויינען. גלויבט מיר, גראַדול וועט נאָך געזונט ווערן. איר וועט זען. — —

— אָ, זאַנוול, — האָט ביילע וויינענדיק געזאָגט און זיך אויפגעזעצט. — קיינער ווייסט נישט, ווי שלעכט מיר איז. — אַ האַלב יאָר נאָך אַ חתונה — — און דער דאָקטאָר זאָגט, ס'איז קיין האָפנונג נישטאָ. . .

ביילע האָט זיך צעוויינט אויפן קול.

זאַנוולען האָט באַנג געטאָן צו וואָס ער איז געקומען נעכטיקן, האָט נישט געקאָנט הערן ווי ביילע וויינט, האָט פאַרשטאָפּט די אויערן מיט די פינגער און איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן.

ביילע איז געוואָרן שטילער, געגומען דערציילן ווי ר'נאָך זי האָט זיך באַקענט מיט גראַדולן, ווי ער האָט זיך אין איר פאַרליבט, ווי ער פלעגט זי אַרומטראָגן אויף די הענט, פלעגט איר דאָס אָרט אָפּהויכן, און וואָס האָט איר טאַקע געפעלט? — — —

זאַנוול האָט געשפּירט ווי די מידקייט איז אַוועק. ער האָט זיך געפילט קרעפטיק פון ביילעס מעשיות און זיך געדרייט אין דרייען אונטער דער קאָלדרע. ער האָט מער נישט געהערט וואָס ביילע דערציילט אים. אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז גראַדול, טראָגט אַרום די קליינע ביילקע מיט די ברענענדע „שליפּיעס"*), מיט די לאַנגע האָר אויף זיינע הענט...

פון דעם „הייזל", וואָס האָט זיך געפונען וויז־אַ־ווי גראַדולס פענסטער, האָט זיך געהערט אַ קרעכצן, ווי אַ פאַרשטיקט געוויין. זאַנוול האָט אָנגעשפּיצט זיינע אויערן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַ פרוי וויינט. דאָס געוויין איז שטאַרקער געוואָרן און זיך דערנענטערט אַלץ מער. אַפּנים, אימיצער האָט געשלאָגן אַ פריילעכע שוועסטער.

---

*) „שליפּיעס" — אויגן

און דער רעגן האָט געפּליוכעט גאַנצע צעבערס אין פענסטער אַריין.

דאָס געוויין האָט זאַנוולען אויפגערעגט, געקאָרטשעט אין דרייען. ער האָט פּלוצלינג דערזען ווי ביילקע שטעלט זיך אין אַ ווייס לאַנג העמד, שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און גייט צו צום פענסטער. דאָס ווייסע העמד מיט די צעלאָזטע האָר האָבן זאַנוולען נישט געלאָזט רוען. ער איז געלעגן ווי אויף שפּילקעס מיט ברייט צעעפנטע אויגן... ביילע האָט געקוקט דורכן פענסטער, קיינעם נישט געזען און, אַ קוועטש טוענדיק מיט די פּלייצעס, האָט זי גענומען צוריקגיין...

זאַנוול האָט איר לייכט אַ ציפּ געטאָן פאַרן העמד.

ביילע האָט אים גענומען גלעטן מיט איר ווייך הענטל איבערן פּנים... זאַנוול האָט אין דער לופט דערפילט ביילקעס אָפּגעהאַקטן אָטעם און האָט זי אַרומגעכאַפּט ווי אַ צערייצטער לייב.

21

פאַרטאָג. זאַנוול האָט זיך דורכגעטרייסלט. לעבן אים איז גע־לעגן ביילע, די פיס איינגעוויקלט אין איר ווייס העמד, די שוואַרצע האָר צעשאָטן איבערן ווייסן קישן און אין מויל האָט זי געהאַלטן דעם קליינעם פינגער פון דער רעכטער האַנט.

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען און אַ קרעכצן. זאַנוולען איז קאַלט געוואָרן. ער איז לייכט אַראָפּ פון בעט, זיך אויף גיך אָנגעטאָן און גענומען גיין צום קראַנקן. ער איז אָבער באַלד געבליבן שטיין. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער קראַנקער האָט אַלץ געזען. . . דורך דער וואַנט. . . דאָס רופט ער אים, וויל זיך מיט אים אויסשמועסן צי אַזוי האַנדלט מען געגן אַ קראַנקן חבר. אַ קאַלטער שווייס האָט דורכגעשלאָגן זיין שטערן. באַלד אָבער האָט ער זיך צעשמייכלט:

— וואָס, ווער געזען! — — — יענער ליגט דאָרט אין זיינע צרות! — און איז אַריין מיט אומזיכערע טריט.

גראַדול איז געשלאָפן. די נאָז איז געווען לענגער און שפּיציקער, די אויגן טיף אַריין, גלייך ווי מען וואָלט זיי אַריינגעקלאַפּט און צוגעמאַכט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דערהערט אַ כאָרכל פון האַלז. דעמאָלט פלעגן זיך די אויגן־לעפלעך עטוואָס עפענען און אַ פּאָר הינערשע אויגן האָבן אומבאַשטימט געגלאָצט...

זאַנוולען האָט עס אויפגעשוידערט. ער האָט אַ שפּיי געטאָן און זיך לייכט אַרויסגעגנבעט.

זאַנוול האָט געשפּאַנט איבער די ליידיקע גאַסן.

ביי אַ קליין הייזל איז געזעסן ר׳ יעקב, זאַנוולס געוועזענער רבי, אין אַ פּאָר הויזן מיט אַ לאַנגן טלית־קטן. ער האָט געהאַלטן צווישן די פּיס אַ גאַנז, איר געעפנט דעם שנאָבל און אַריינגעשאָטן צו לעפעלעך הירזש. די גאַנז האָט געגלאָצט מיט אירע פאַרצעלאַיענע אויגן, זיך געקרעקט און אַראָפּגעשלונגען.

זאַנוול האָט זיך צעשמייכלט:

— גוטמאָרגן, רבי!

דער אַלטער האָט זיך אומגעקוקט:

— אַ גוטמאָרגן, גוטמאָרגן! וואָס מאַכסטו עפּעס, זאַנוול?

— אַ דאַנק! און איר, רבי? פּאַשעט נאָך אַלץ די גענזלעך?

— ווי דען, קינד, אויף דער עלטער, קיין מלמדות נישטאָ מער — די ליטוואַקעס, ימח שמם, זיינען זיך אָנגעלאָפן, אַרויסגעריסן דעם ביסן פון מויל, און די ציין אויף דער פּאָליצע לייגן ווילט זיך נישט... נו, פּאַשעט מען גענז!.. מען מוטשעט זיך!

זאַנוול האָט אַפילו נישט געוווסט, וואָס דער אַלטער פּלאַפּלט, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז ביי אים נישט יום־טובדיק.

— רבי, נאַט אייך אויף טאַבאַק! — האָט ער אים דערלאַנגט אַ פּאַפּירענעם רובל און געגומען שפּאַנען צו דער תּלמוד־תּורה.

דער גבאי, אַ דיקער ייד מיט אַ ברייטע שוואַרצע באָרד, אין אַ סאַמעטענער וועסט, האָט אויסגעהערט זאַנוולען און זיך צעשמייכלט:

— ניין, כ'קאָן נישט שיקן די קינדער זאָגן תהילים!

— פאַרוואָס? — האָט זאַנוול אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט.

— ווייל... כ'ווייס — אַז דער חלף ליגט אויפן האַלז, ווערט מען פרום... כ'קאָן נישט!...

— וואָס קאָנט איר נישט? — האָט זאַנוול אַרויסגעפּלאַצט בייז.— איך פאַרלאַנג נישט בחנם. אָט האָט איר פינף רובל, און אויב ס'איז ווייניק — זאָגט!

דער גבאי האָט אים אָנגעקוקט, געוואָרפן אַ בליק אויפן פינפערל און אָפּגעהוסט:

— גלויב מיר, זאַנוול, אַז איך בין דאָ גאָרנישט אויסן! גראַדול איז דאָך פון דור־דורות אַ גנבֿ. און יעצט שיקן די קינדער זאָגן תהילים?! גו, זאָג דו אַליין, וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס?

זאַנוול איז געוואָרן בלייך ווי קאַלך. ער האָט געהאַט חשק אַראָפּצולאָזן דעם גבאי אַ פּראַסק און אַרויס.

— אודאי איז ער אַ גנבֿ, נישט קיין סופר! און איך בין אויך אַ גנבֿ! איר הערט? אָבער יידן זיינען מיר! כ'זאָג אייך נאָכאַמאָל, איר זאָלט שיקן די קינדער זאָגן תהילים! איר וועט שיקן? זאָגט!

דער גבאי האָט זיך דערשראָקן, געקוקט אויף זאַנוולען, אויפן געלט, אַריינגעשנייצט מיט אַ טרוקענע תקיעה אין אַ רויט טיכל אַריין:

— נו, וואָס וועל איך מיט אייך מאַכן? כ'וועל שיקן.

זאַנוול האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע נאָך אַ פינפערל, אַנידערגעוואָרפן עס אויפן טיש און געזאָגט:

— זעט, אַז מען האַנדלט מיט מיר ווי אַ מענטש, בין איך אויך קיין חזיר נישט!

מיטאָג־צייט איז זאַנוול אַרויס אין גאַס, אויספייפנדיק אַ ניגון. ער איז אַריין אין מאַרק. פון אַ זייטיק געסל האָט זיך געשלעפּט אין מאַרק אַריין דער אַלטער פּראַנעק מיט זיין גרויסן באַראַבאַן. ער האָט אָוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק די פּויק, זיך אָפּגערוט אַ ביסל און גענומען פּויקן וואָס כח נאָר.

פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן מענטשן. דער מאַרק איז באַלד שוואַרץ געוואָרן. דער אַלטער האָט באַטראַכט אַלעמען און מיט אַ שטימע פון אַן אַלטן קאָמאַנדיר האָט ער אויסגערופן:

„ס'איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ חזיר מיט אַ שוואַרצן פלעק. ווער עס וועט עס געפינען, איז געבעטן עס צו ברענגען אין ראָט־הויז אַריין.

„נתן אָגראָדניק האָט מען די נאַכט געוואָלט באַגנבענען. זייט פאָרזיכטיק!"

דער אַלטער האָט געענדיקט זיין דרשה. געטאָן דריי קלעפּ אין באַראַבאַן און גענומען גיין אונטער דער באַגלייטונג פון אַ קינדערשע קאַץ־מוזיק.

זאַנוול איז געשטאַנען און געשמייכלט. אים איז עפּעס דאָס גאַנצע עסק געפעלן. ער האָט אַ פייף געטאָן און לייכט גענומען שפּאַנען איבערן שטאָט.

אָוונט. זאַנוול איז געווען אין פעלד און געוואַרט אויף רחלען. ער האָט פון פאַרדרוס געדרייכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן, ברייט צעעפנט די אויגן אין דער נאַכט אַריין און געזוכט, געוואַרט אויף רחלען.

ער האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער איז אויסגעשפּילט, אַז זאַנוול איז מער נישט זאַנוול, אַז עפּעס אַ מיידל מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן האָט אים בכשופט. און צום מיינסטן האָט אים געקרענקט פאַר־וואָס זי לאַכט נאָך פון אים זי האָט דאָך אים געקאָנט זאָגן, אַז זי וויל נישט קומען, אַז זי וויל אים מער נישט זען, אַז זי וויל נישט האָבן צו טאָן מיט אַ גנב. נו, וואָלט ער געוווסט קלאָרע דבורים, זיך איינמאָל אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ און באַסטאַ! אָבער זיך גאַר רייצן מיט אים? צוזאָגן און נישט קומען, אַ כאָליערע! ער וועט זיך נישט לאָזן בלאָזן אין דער קאַשע אַריין! ניין! ער גייט באַלד צו איר און מאַכט דאָרט אַ חתונה, אַז עס וועט איר פינסטער ווערן אין די אויגן!

זאַנוול האָט געגומען שפּרייזן אין שטאָט אַריין. ער איז גע־בליבן שטיין ביי נתנס הויז. די פענסטער זיינען געווען באַלויכטן, די ראָלעטן אַראָפּגעלאָזט. זאַנוול איז פּאַמעלעך צו און האָט אַריינגע־קוקט. ביים טיש איז געזעסן רחל אַן אויסגעפּוצטע און געשמועסט מיט ברוכן. זאַנוול איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער און גע־קלערט, אַז אויב ער וועט זיי יעצט נישט שטערן, איז ער אַ היגטי־שער לעבער! זאָלן זיי וויסן, אַז זאַנוול איז נאָכנישט געשטאָרבן. און אים, דעם בלאָסן לאַבסערדאַק, וועט ער נאָך ביינאַכט אַ זשעברע צעברעכן, גלאַט אַזוי!...

זאַנוול האָט מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ שענדלעך וואָרט, גע־כאַפּט אַ שטיין און פון הינטער אַ הויז אַפּער האָט ער אים אַ שליי־דער געטאָן גלייך אין פענסטער אַריין.

עס האָט זיך באַלד דערהערט אַ קוויטש און אַ קלימפּעריי פון גלאָז. זאַנוול איז אַרונטער אונטער אַ הילצערנע טרעפּ. ער האָט גע־זען, ווי אַלע זיינען אַרויס, געקוקט אין אַלע זייטן, לאַנג גערעדט און ס'איז צוריק שטיל געוואָרן.

זאַנוול האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז ווייטער אַזוי לעבן קאָן ער נישט, אַז ער איז נישט מער ווי אַ טרוס! אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט בשום אופן נישט דערלאָזט, מען זאָל אים צונעמען אַ מיידל! און ער ליגט דאָ אונטער אַ טרעפּ אַ גאַנצע נאַכט אין גע־האַקטע צרות! דאָ האָט זאַנוול גענומען שפּאַרן די טרעפּ מיט זיינע פּלייצעס וואָס כח נאָר, געפילט אַז עס קנאַקט, נאָך אַ קרעכץ און די הילצערנע טרעפּ האָט זיך איבערגעדרייט.

זאַנוול האָט זיך אָפּגעשאָקלט און געפילט ווי אַ שווערע משא וואָלט אַראָפּ פון אים. צו גראַדולן אַרויפגיין האָט זיך אים נישט גע־גלוסט.

— ס'וועט זיך געוויס איבערחזרן די נעכטיקע געשיכטע! — האָט ער אַ טראַכט געטאָן און אויסגעשפּיגן.

ער האָט זיך אַ דערשלאָגענער גענומען שלעפּן אַהיים. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ שמייכל געטאָן. ער האָט ערגעץ אויפגע־זוכט אַ שמאַטע, זי איינגעגעצט, אויסגעשמירט מיט סאַזשע און זיך אַוועקגעשטעלט ביי נתנס הויז.

שפעט אין דער נאַכט איז ברוך אַרויס.

זאַנוול האָט אים אָנגעכאַפּט, איינגעוויקלט דאָס פּנים אין דער שמאַטע און אים פעסט געהאַלטן.

ברוך האָט זיך גענומען ראַנגלען, מאַכן קולות.

רחל איז אַרויס.

זאַנוול, דערזעענדיק רחלען, האָט אָפּגעלאָזט ברוכן און געמאַכט פּליטה.

22

אין שענק ביי אַ גרויסן טיש זיינען געזעסן עטלעכע יינגען מיט זאַנוולען אין דערמיט און געטרונקען.

צייט גראַדול איז געשטאָרבן און ביילע האָט זאַנוולען פּאַרטרויט אַ סוד, אַז זי טראָגט, איז ער ווי צעמישט געוואָרן, זיך געפילט שולדיק און זי גענומען מיט אַמאָל אויסמיידן. איינזיצן מער אין שטוב האָט ער שוין נישט געקאָנט. עס האָט אים געטריבן פון יעדן ווינקל. ער פלעגט נאָר אַראָפּרוקן דאָס היטל איבער די אויגן, שפּרייזן אין שענק אַריין און שכורן.

יעצט איז זאַנוול געזעסן ווי אַ הילצערנער, דעם קאָפּ איינגעראַמט אין זיינע גרויסע הענט און אַריינגעקוקט אין דעם נישט־דער־טרונקענעם קופל ביר. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך ווי איבערגעצויגן מיט אַ מוטנע, וואַסערדיק הייטל און האָבן אויסגעדריקט עפּעס טעמפּס, אידיאָטישס. . . עפּעס האָט ער פאַר זיך געזען קלויסטער־גלאָקן, גרויסע, קליינע. די גלאָקן האָבן געהאַלטן אין איין קלינגען. דער מוח האָט זיך געהויבן און געטאַנצט ווי אויף שפּרינגפעדערס.

משהלע ביק איז אַרויס פון אונטער אַ טיש אָן אַ היטל מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ האָר. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן שענק, זיך צעגענעצט, פאַרהוסט און גענומען שפּייען אויף אַ שטח פון צוויי איילן.

ער איז צו צו מאַנקען, וועלכע איז געשלאָפן אויף אַ באַנק, איינגעוויקלט אין אַ וואַרעם ווינטער־טוך, מיט דער האַט צוקאָפּנס, און זי פעסט אַרומגענומען.

מאַנקע האָט צעעפנט אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אויגן און זיך געבעטן:

— משהלע, טשעפע נישט! לאָז מיך שלאָפן!

משהלע האָט מאַנקען גוט איינגעוויקלט אין דעם טוך, איר אַ לייכטן קניפּ געטאָן. איז צו צו זאַנוולס טישל און גענומען רעדן מיט זיינע חברים.

זאַנוול האָט דערהערט דאָס וואָרט „נתן אָגראָדניק", און ער האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט. נישט אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער אויפגעשפּיצט די אויערן און זיך איינגעהערט וואָס זיי רעדן.

— און ווען האָט זי דאָס חתונה? — האָט זיך אַ געלער יינג מיט אַ געשפּאָלטענער ליפּ געפרעגט.

— איבער אַכט־טאָג. שבת חנוכה, — האָט משהלע געענטפערט.

— טאָ לאָמיר צוגיין רעדן מיט מאַרטשינען, — האָט דער געלער ווייטער געזאָגט.

— נישטאָ וואָס צו רעדן, — האָט משהלע ווילעריש געענטפערט. — פאַראַיאָרן האָב איך מיט זאַנוולען כמעט קיין איין כלה נישט דורכגעלאָזט! דעם טאָג, ווען מען וועט פירן די כלה אין מקוה אַריין, וועלן מיר אַריין צו מאַרטשינען, אים געבן אַ פלעשל פּער־ציקער און זיין ווייב וועט אונז אַרויפלאָזן ווו דער קעסל שטייט. נאָר דאָרט, חברה, מוז מען זיך היטן! איין איבעריקן דריי און דו ליגסט מיט די קאָפּיטעס אין אַ קעסל אוקראָפּ.

— ס'וועט זיך כאָטש לוינען? — האָט דער געלער געפרעגט און זיך באַלעקט.

— וואַרט, וואַרט, וועסט זיך ערשט אָנהויבן צו באַלעקן, — האָט משהלע געענטפערט מיט אַ געלעכטער, אַ ווינק געטאָן מיטן אויג און געוויזן מיטן פינגער אויף זאַנוולען — דאָס איז אַמאָל געווען ז י י נ ע, פלעגט זיך מיט איר אַרומשלעפּן גאַנצע נעכט.

זאַנוול האָט פאַרשטאַנען, אַז משהלע רעדט פון אים און איז בלאַס געוואָרן. ער האָט געכאַפּט דעם קופל ביר און אַ גאָס געטאָן משהלען אין פּנים אַריין.

— ס׳איז אפשר אַ ליגן? — איז משהלע צו צו זאַנוולען מיט פאַרקוועטשטע פויסטן.

מאַנקע, וועלכע איז שוין מער נישט געשלאָפן, האָט זיך אַוועק־געשטעלט צווישן משהלען און זאַנוולען און געוואָלט מאַכן שלום. זי האָט אָנגעכאַפּט משהלען פאַר דער האַנט און אים אַוועקגעשלעפּט:

— יענער מאַכט אַ שפּאַס און דו צינדסט זיך אָן!

משהלע האָט זיך געריסן מיט קולות פון מאַנקען און אַלץ גע־שטאַנען אויפן זעלבן פּלאַץ.

— לאָז מיך אָפּ! וואָס מיר שפּאַס! וואָס מיינט ער, וואָס? ווער שרעקט זיך פאַרן? כ׳האָב חוטא בעגל געווען פאַרן פריץ! געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט נתנס טאָכטער! ס׳איז אפשר אַ ליגן?

זאַנוול איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען, אַוועקגעשליידערט מאַנקען, זיך אַרויפגעוואָרפן אויף משהלען און באַלד זיינען זיי ביידע געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, זיך געקאַטשעט ווי צוויי גרויסע קודלאַטע הינט, אַרויסלאָזנדיק מאָדנע קולות, אַריין איינער דעם צווייטן אין די אויגן, אין די האָר. אַ צערייצטער איז זאַנוול אויפגעשפּרונגען, אַ שפּיי געטאָן משהלען אין פּנים אַריין, וועלכעס איז געווען פאַרלאָפן און באַגאָסן מיט בלוט און איז אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז געווען פינסטער און פּראָסטיק.

זאַנוול האָט געשפּאַנט איבערן שאָסיי, ווו די שענק איז געשטאַנען, געקוועטשט די פויסטן און גערעדט צו זיך אַליין:

— ס׳מוז נעמען אַ סוף! ס׳מוז! ווייטער אַזוי לעבן קאָן איך נישט!

זאַנוול האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון האַלבן פּעלצל, אַריינגעמאַכט די הענט אין די בוזים־קעשענעס און געוואָלט עפּעס טראַכטן. וואָס ער האָט נישט געטראַכט, זיינען באַלד אָנגעשפּרונגען טויזנט אַנדערע זאַכן, מעשיות און קלייניקייטן, וועלכע ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, און האָבן אים צעמישט.

— און וואָס וויל גראַדול פון מיר? — האָט זאַנוול בענומען טראַכטן.

און אָט איז ער אין אַ געדיכטן וואַלד — — —
ער זיצט אויף אַ גרויסן פּיען.

אַרום ברענען גרויסע פייערן, ס׳בראָטן זיך גאַנצע זייטלעך קאַלב־פלייש, ס׳שטייען באַרלקעס מיט בראָנפן, טונדלעך ביר.

זיין „חברה" ליגן אויפן גראָז, טרינקען, עסן און לאַכן. אַרום זיי פּאַשען זיך דאָנסקע פערד מיט לאַנגע עקן, אַלע געזאָטלט.

ביילע מיט רחלען זיצן לעבן אים.

פּלוצלינג דערהערט זיך פון דער ווייטנס אַ טראָמביע.

שנעל וואַרפן זיך אַלע אויף די פערד, כאַפּן די ביקסן, שטעלן זיי אָן גרייט צום שיסן.

ס׳באַווייזן זיך מחנות מענטשן אויף הויכע, ווייסע פערד, מיט שוואַרצע פלעקן אויף די בייכער.

פון פאָרנט רייט אויף אַ שוואַרץ פערד אַ מענטש בלויז פון ביי־נער און פלייש. ער רייט אָן אַ צוים, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אין האַנט האָט ער אַ לאַנגע שפּיז.

זאַנוול ציטערט.

דער ביינערדיקער מענטש שפּרינגט אַראָפּ פון פערד, צעלאַכט זיך ווילד און טוט אַ מאַך צו זאַנוולען מיט זיינע קנאָכן:

— העי, דו ווילער יינג, קום אַהער! מיר וועלן זיך אָפּרעכענען!

זאַנוול טוט אַ טרייסל מיטן קאָפּ, שפּרינגט אַרונטער און נעמט זיך באָרען מיטן טויטן.

ער שפּירט ווי דער סקעלעט מאַכט אים לעכער אין דער ברוסט מיט זיין דאַרע גאָמבע.

זאַנוולס קלעפּ טרעפן בלויז אין דער לופט. וואָס זאַנוול פאַר־מעסט זיך, טרעפט ער נישט — די ביינער צעשפּרייטן זיך ביים סקעלעט און זיין פויסט טרעפט אַ הוילן פּלאַץ.

און אַ ווילד געלעכטער טראָגט זיך אין וואַלד. — — — — — —
— —

זאַנוול האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און געשפּאַנט ווייטער. ער איז געגאַנגען און געציטערט, אַז גראַדול זאָל אים ערשט נישט אַנטקעגן קומען. ער האָט געוווסט, אַז גראַדול איז גאַנצע נעכט נישט אין קבר, שלעפט זיך אַרום איבער דער שטאָט, שרעקט איבער מענטשן. און די מאַמע אַליין איז שיער נישט געשטאָרבן פון שרעק: זי איז פאַרטאָג געגאַנגען אַריינבעמען אַ קובל וואַסער, זי קוקט זיך

אָרום, זי שטייט ביז איבערן גאַרטל אין שניי; ס׳איז גאָר קיין ברו־
נען נישטאָ. און מיט אַמאָל שפּרינגט אַרויס ווי פון דר׳ערד אַ ציג אין
תּכריכים און לאַכט.

זאַנוול האָט געפּילט קאַלטע דרעטשעס איבערן גאַנצן לייב.
ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאָנט אָן ביילען. ער האָט געוווּסט, אַז ביילע
ריכט זיך יעדן טאָג אין קימפּעט אַריין, ליגט גאַנצע נעכט אַליין
און וויינט, און ס׳האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן.

— אַ כאָליערע! — האָט זאַנוול מיט זיך געטענהט, — כ׳בין
נישט מער ווי אַ „פּסו־בראַט״, אַ הינטיש לעבער! זיך פאַרדרייט אַ
קאָפּ מיט נתנס טעכטערל! זי וועט נאָך ביי מיר אין פלאַכטעס אַוועק
פון אונטער דער חופּה. ווי איך בין אַ ייד! גלייך ווי כ׳קום נאָר
אַהיים, נעם איך וווינען מיט ביילען! אַלע אויף צו להכעיס!

זאַנוול האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עס האָבן זיך געצויגן אין דער וועלט אַריין ווייס־זילבערנע
פעלדער. דאָס ווייסקייט האָט געבלענדט די אויגן, זיך געשפּיגלט אין
טיפן, פיאָלעט־שטאָלענעם הימל.

זאַנוולען האָט זיך געדאַכט, אַז די ווייסע שניי־פעלדער הויבן
זיך, וואַקסן העכער און העכער, גלייכן זיך אויס מיטן וואַלד, וואָס
אַנטקעגן אים, האָט ער נאָך לייכטער אָפּגעאָטעמט, זיך דערפילט
היימיש צווישן די לאַנגע, טיפע פעלדער. ער איז פריילעכער געוואָרן
און אויסגעשריגן — ע, ברעכן דאָרט אַלע נקבות דעם קאָפּ! ער איז
אַרויפגעשפּרונגען אויף דער לאָנקע, וווּ דער שניי איז געווען טיפער
און זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז. אַזוי איז ער געלעגן עטלעכע
מינוט און געקוקט גלייך אין קאַלטן פיאָלעטאָוון הימל.

נאָכדעם איז ער אויפגעשפּרונגען, באַטראַכט דעם שניי־מענטש,
וואָס זיין קערפּער האָט אויסגעפּרעסט, און זיך צעלאַכט.

אַן עכאָ ווי פון מעטאַל האָט הילכיק אָפּגעקלונגען. ער האָט צע־
שפּרייט די הענט, זיך אויסגעצויגן אין דער לופט, אַ קרעכץ געטאָן,
און די הענט האָבן גענומען הילכיק קלאַפּן אין זיינע פּלייצעס ווי אין
אַ באַראַבאַן.

זאַנוול האָט זיך אַרומגעקוקט, זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוגע־
זאָגט דעם פאָטער זיך אַריבערצוכאַפּן נאָך „שידלאָווקע״ און בשעת

מעשה געוואָר צו ווערן, וואָס עס הערט זיך ביים עקאָנאָם אין שטאַל ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויערן, אַריינגעשטעקט די הענט אין די בוזעם־קעשענעס און ווייטער געשפּאַנט.

— פאַר אַ לייטישן גנב — האָט זאַנוול געטראַכט — איז אַרויס־פירן פערד גאָר קיין געשעפט נישט! וואָס הייסט? יעדער יינג מיט אַ ביסל מאַרך אין קאָפּ קאָן עס טאָן. ביינאַכט, ווען קיינער איז נישטאָ אין שטאַל, גייט מען צו, מען עפנט אַ ברעט און מען פירט אַרויס אַ פערד. נו, סאַרע תורה איז עס?! אָ־אָ, אַריינגיין אין אַ שטוב, ווו מענטשן שלאָפן, אויפהאַקן אַ קאַסע, אַרויסנעמען אַ „זשמעניע" מיט געלט, פאַרשטיי איך נאָך! אָבער פערד? דאָס איז אַן עסק פאַרן „אַלטן".

זאַנוול האָט באַמערקט ביים צלם אַ פרוי. ער איז צוגעקומען נענטער און דערקענט די משוגענע באַשע.

זי האָט געטראָגן אַ קאַפּטן אָנגעשטופּט מיט פעדערן, אַ שטרוי־ענעם קאַפּעליוש מיט בלומען אויפן קאָפּ און שטיל געזונגען.

— באַשע, וואָס טוסטו דאָ? — האָט זי זאַנוול געפרעגט.

באַשע האָט געעפנט דאָס מויל, ס'האָבן זיך באַוויזן צוויי שורות פערל, און זי האָט זיך אידיאָטיש צעלאַכט.

— כ'זוך מיין חתן, — האָט זי געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקט געלעכטער. — ער האָט מיר געשריבן, אַז ער וועט קומען נאַ־שפּיץ אין פיר פערד מיט אַ קאָטש. דאָס גיי איך אים אָפּוואַרטן, כע, כע!

זאַנוול האָט זיך צעלאַכט און איר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

באַשע האָט אויסגעשאָסן מיט אַ ווילד געלעכטער.

— ווער האָט דיר אָנגעשטופּט דעם קאַפּטן מיט פעדערן? — האָט זאַנוול געפרעגט.

— וו'הייסט ווער?! מיין חתן האָט מיר דעם קאַפּטן פון דאַנציג געשיקט!

זי האָט אויפגעקנעפּלט דעם קאַפּטן, אַרויסגענומען אַ פּאַפּירענע פאָטאָגראַפיע, אויסגעשניטן פון אַ ביכל:

— נאַ, זע! דאָס איז מיין חתן! אַ שיינער? כאַ, כאַ, כאַ!...

אונטערן קאַפּטן האָט די משוגענע באַשע גאָרנישט געטראָגן. אַ ווייס וואַרעם לייב האָט אַפּערגעקוקט.

זאַנוול האָט אַ ציטער געטאָן, אויסגעשפּיגן און איז אַוועק.

אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָט ער ווידער דערהערט ווי די משוגענע זינגט. ער האָט אַראָפּגערוקט דאָס היטל נאָך טיפער איבער די אויערן און זיך אומגעקערט.

באַשע איז געשטאַנען, געקוקט אויף זאַנוולען און געלאַכט.

זאַנוול האָט זיך געוואָרפן ווי אין אַ פיבער.

— באַשע, ווייז מיר נאָכאַמאָל דיין חתן!

— איאָ אַ שיינער? כע, כע, כע...

זי האָט צעקנעפּלט דעם קאַפטן.

אַ ווייס וואַרעם לייב. ער האָט ווידער דערפילט דעם פריערדיקן עקל, נאָך האַסטיקער אַ שפּיי געטאָן און איז אַוועק.

די משוגענע איז אים נאָכגעלאָפן:

— מיין חתן! מיין חתן! מיין חתן!...

זאַנוול האָט פאַרקריצט מיט די ציין. ס׳בלוט האָט זיך אין אים אויפגעקאָכט. ער האָט זיך אויסגעדרייט, זיך פאַרמאָסטן מיט דער פויסט באַשען אין האַרץ אַריין און זי איז ווי אַ גולם אַ פאַל געטאָן אין שניי אַריין.

ער איז געלאָפן גיכער, פעסטער.

הינטער זיך האָט ער געהערט אַ ווילד געוויין, אַ שווידערלעך רעווען, אַז ס׳בלוט האָט אין אים געגומען גליווערן.

— מיין חתן! מיין חתן! — האָט געקלונגען אַזוי ווילד און אָפּגעהילכט צווישן די ווייסע, ברייטע פעלדער.

23

נאַכט. אַ גרויסע שטוב.

שלמה „קראַדניק" האָט אַרויסגענומען פון קופערט אַ געלאָדע־נעם רעוואָלווער, אַריינגעלייגט אין זעקל עטלעכע פאָר שטיוול, גע־וואָרפן אַ בליק צום וואַנט־זייגער מיט וואָגעס:

— הם! צוועלף. נאָך אַ גאַנצע שעה.

אין בעט אונטער אַ פּערינע איז געלעגן תּרצה און געכראָפּעט מיט משונהדיקע קולות.

— זיך צעפּייפט מיטן שופר! — האָט „קראַדניק" אַ בורטשע געטאָן און אויסגעשפּיגן.

ער האָט באַטראַכט זיין טאָכטער שרה, וואָס איז געשלאָפן אין אַ שלאָף־באַנק מיטן רעכטן אויג אָפן, און האָט אָפּגעזיפצט:

— ביי לייטן איז דאָס שוין אַ מאַמע!

שלמה האָט געפילט, אַז ער איז שולדיק, וואָס שרה איז נאָך אַ מויד. ער האָט שוין געקאָנט זיין אַ זיידע פון אַ האַלב טוץ אייניקלעך.

— געווען בעסערע צייטן. מען האָט געמאַכט דעם רובל לייכטער ווי היינט. שדכנים האָבן די טירן אָפּגעקלאַפּט, יינגען פלעגן זיך אַליין שדכנען, פאַרכאַפּט ווערן פאַר שרהן. און איצט?

דער גאַנער מיט די שוואַרצע פלעקן, וואָס איז געשלאָפן אונטערן אויוון, האָט זיך פלוצלינג אויפגעכאַפּט אין זיין שטייג, זיך אויסגעצויגן אויף זיינע דינע פיסלעך און געגומען קלאַפּן מיט די פליגלען. דער גאַנער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיטן שנאָבל עטלעכע האָבערס, איינגעטוקט דעם קאָפּ אין אַ שיסל מיט וואַסער, אויסגעצויגן דעם האַלז, פאַרגלייזט די אויגן און אַראָפּגעשלונגען.

— יאָ, — האָט שלמה געטראַכט, — אויב ס'עסק וועט זיך מיר, אם ירצה השם, איינגעבן, איז ס'ערשטע אַ נדן פאַר שרהן! אַראָפּ אַן עול פון ק"פ! מישטיינס געזאָגט, וואָס וועט זי אויסזיצן?

שלמה האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ פענכער מיט טאַבאַק, אויסגעוויקלט אַ פאַפּיראָס, געעפנט דאָס טירל פון קיך, אַרויסגעשאַרט אַ גליענדע קויל און פאַררויכערט. ער האָט אַרויסגעלאָזן עטלעכע געדיכטע קנוילן רויך און געוואָרפן אַ בליק צום פענסטער.

די טונקעלע ווענט, איינגעהילט אין שאָטנס, האָבן געוואָרפן אויף „קראַדניקן" אַ מרה־שחורה.

אין דרויסן האָט זיך צעפּייפט אַ ווינט.

שלמה האָט אַ ציטער געטאָן: אַ קרירה!

ער האָט זיך געשטעלט מיט דער פּלייצע צום וואַרעמען קאַכל־אויוון און זיך ווידער פאַרטראַכט:

אויפן שאָסיי, וואָס פירט צום וועלדל, שפּאַנט יעצט זיין זאַנוול. אויב אַלץ וועט זיין ביים גליכן, וועלן זיי דורכשניידן דאָס וועלדל, שטיל אַרויספירן די צוויי קאָבילעס, זיי צופירן צום בערגל און דערנאָך — וויאָ צו משה „קוניאַרזש״. אַזאַ שטיקל אַרבעט וועט אַריינברענגען איבער צוויי הונדערט קערבלעך. דער געדאַנק אַליין מאַכט שלמהן פריילעכער.

— בלי נדר — האָט שלמה צו זיך געזאָגט — אַז כ׳קריג נאָר, אם ירצה השם, די פּאָר גראָשן, איז ראשית — אַ חופּה מיט שרהן!

מיט אַ שמייכל אויפן פּנים האָט ער זיך צוגעזעצט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע גרויע אויגן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער כאַליעווע אַ פלאַטשיק פלעשל מיט שנאַפּס, געטאָן אַ צוויי-דריי זופּ. ער האָט איינגעקאָרטשעט דאָס פּנים, געעפנט דאָס שפּייז-שענקל און פאַרביסן מיט אַ שטיקל דאַרן קעז.

פון גאַס האָט זיך געטראָגן אַ לאַנגער פייף פון אַ נאַכט-וועכטער, באַלד נאָכדעם — אַ וואָיען פון אַ היימלאָזן הונט.

שלמה האָט געוואָרפן אַ בליק צום פענסטער:

— הם, דער פראָסט פּאַקט זיך שוין! ער האָט זיך דאָס צעלייגט אויף די שויבן!

ער האָט אַרויסגענומען עטלעכע ציגל טאַרף, געעפנט אַ פּייערקע, זיי אַריינגעשטופּט, זיך ווידער געשטעלט צום אויוון און זיך פאַרטראַכט:

— און טאָמער כאַפּט מען זיי? — איז שלמהן דורך אַ געדאַנק, און זיין דאַרער, אַלטער קערפּער האָט געציטערט.

— ווי לאַנג איז, ווי מען האָט אים געכאַפּט מיט דעם „וויטס״ שקאַפּעס?! — ער פילט נאָך יעצט ווי עס רעגנט מיט שטעקנס, עס שניידט דאָס לייב, די הויט פּלאַצט און בלוט רינט. זיי האָבן אים אַזוי צעקיילט, אַז ער איז אַוועקגעלעגן אַ חודש צו בעט.

פון דעמאָלט אָן האָט שלמה אַלץ גענומען טראַכטן זיך צו נעמען צו אַן אַנדער פּרנסה און יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אַ פרישׁ גנבהלע, טענהט ער, אַז דאָס איז לעצטע מאָל.

— אַ הינטיש לעבן — האָט שלמה געקלערט — אָפּגעלעבט שוין איבער פופציק יאָר, און וואָס? שרעק און שרעק! און געלט? קדחת!

שלמה האָט גענומען זיין שיטער בערדל, עס געשטעלט פערפענ־דיקולאַר צו דער גאָמבע און באַמערקט עטלעכע גרויע האָר:

— המ׳, אַ „פּאָוויעסטקע״ — דאָס רופט מען שוין אויף יענער וועלט!

שלמה האָט זיך דערמאָנט ווי איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטאָג, איז ער געזעסן אין אַלטן בית־המדרש און געהערט ווי אַ ליטווישער מגיד האָט געמאָלט יענע וועלט, דאָס גן-עדן, דאָס גיהנום, ווי באַלד נאָכן טויט קומט דער מלאך „הדומה״, קלאַפּט דריי מאָל אָן אין קבר, פרעגט דעם נאָמען. אויב ס׳איז אַ צדיק ענטפערט ער באַלד, אַ זינדי־קער פאַרגעסט און ווערט בע־ונד...

שלמהן דאַכט זיך ער איז טויט. דער מלאך „הדומה״, עפּעס אַ הויכער, בייניקער ייד מיט לאַנגע ברעמען, פּונקט ווי שמחה גרעבער, פרעגט אים דעם נאָמען און ער — פאַרגעסן...

שלמה האָט געפילט ווי עס ווערט אים קאַלעמוטנע אויפן האַרץ, האָט זיך אַ שטאַרקן שיבער געטאָן מיט די פּלייצעס אָן אויוון און זיך גענומען קראַצן דעם קאָפּ.

ער האָט מיט אַמאָל דערפילט אַ שטאַרקע שנאה צו משה „קוניאַרזש״. מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק האָבן זיי צוזאַמען געגנבעט פערד און אויסגעלאָזט האָט זיך: שלמה איז דער גנב און משה — דער סוחר. משה איז היינט אַ שיינער ייד, גבאי אין אַלטן בית־המדרש, געפירט פאַראַיאָרן אַ ספר אין שול אַריין, גיט די טעכטער צו צוויי טויזנט קערבלעך נדן, נעמט זיך איידעמס אויף קעסט. און ער? שלאָפט קיין נעכט ניט, קלערט אַלץ רייכער צו מאַכן משהן.

שלמה זעט ווי משה שלאָפט יעצט ביי זיך אין אַ „ווינער״ בעט מיט געשניצטע מצבות. די לאַנגע, ברייטע באָרד צעשפּרייט אויף זיין פעטע ברוסט, דער „קאַלדרן״ הויבט זיך אויף און אָפּ, און עס חלומט זיך אים געוויס ווי מען קלויבט אים אויס דאָזער אין שטאָט... און ער — שלמה — אַ דאַרער, אַלטער, זיצט יעצט נאָך האַלבע נאַכט און גרייט זיך גנבענען אַ פּאָר פערד, פאַר וועלכע ער וועט קריגן העלפט און משה העלפט. און ווער ווייסט צי מען וועט אים נישט באַפן? — — —

שלמה האָט אַ טעמפּן זיפץ געטאָן און געקוקט אויפן זייגער:

— נו, צייט זיך אַרויסצושאַרן!

ער אָט זיך אָנגעטאָן אַ וואַרעמע מאַרינאַרקע, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ גרינעם גאַרטל, אַריינגעשטופּט אין גאַרטל אַ פּאָר וואָלענע הענטשקעס מיט איין פינגער, אַרויפגעצויגן די לאַנגע כאַליאַוועס, אַראָפּגעדרייט דאָס לעמפּל און איז אַרויס.

הינטערן שטאָט נעבן וועלדל האָט שלמה „קראַדניק" אַראָפּגענומען דאָס זעקל פון די פּלייצעס און זיך אָפּגעשטעלט.

שלמה האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן, דאַרן האַלז, אויסגעגלאָצט זיינע גרויע אויגן און ווי אַן אַלטער הונגעריקער וואָלף זיך איינגעהערט אין דער שטילקייט. ער האָט אַריינגעלייגט צוויי פינגער אין מויל און אַ פייף האָט זיך דורכגעשניטן.

פון דער צווייטער זייט וועלדל האָט מען געענטפערט מיט אַ פייף.

— אַ כוואַט אַ יינג! — האָט שלמה געטראַכט — ווען ער וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי ווילד און זיך געלאָזט רעדן פון אַ טאַטן, האַ, דעמאָלט בין איך אַ פאַרזאָרגטער אויף דער עלטער! אַ יינגגייט, ווערט פריש, געזונט און משוגע און ליבט זיך איין אין גראַדולס אלמנה. מען זאָגט עפּעס אַן אשה, ס'זאָל זיין וואָס אָנצוקוקן — — — נו, מילא, אַ יינג! דער יצר הרע שטופּט — — — אָבער ווייס איך וואָס? אַ יינג אַ גבר נעמט און פאַרליבט זיך אין אַזאַ קליין, שוואַרץ ווייבעלע! זי האָט נאָך קיין חליצה נישט גענומען און בשעת־מעשה זיך „פאַריאַטלט" מיט זאַנוולען. און איצט די שטאָט? כ'בין דאָך שוין באַלד אַ האַלב יאָר אין בית־המדרש נישט געווען, כ'באַגראָב זיך דאָך פאַר חרפּה!

זאַנוול האָט זיך באַוויזן פון וואַלד און אויסגעשריען:

— טאַטע, קום, ס'איז שפּעט!

שלמה האָט געכאַפּט דאָס זעקל און זיך אונטערגעאיילט.

— וואָס הערט זיך מכּח די פערד? — האָט שלמה געפרעגט.

— וואָס זאָל זיך הערן? — זיי שלאָפן אין שטאַל.

שלמה מיט זאַנוולען האָבן געשפּאַנט אַלץ פעסטער און פעסטער און געשוויגן.

זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי וועלף, וועלכע דער טיגער טרייבט אַרויס פון וואַלד אויפן ברייטן שאָסיי.

דער אַלטער האָט זיך געהאַלטן אין איין טאַפּן פאַרן בוזעם צו דער רעוואָלווער ליגט און גערעדט צו זיך אַליין:

— בולאַן, גניאַדע, קאַשטאַן, שפּאַק, כאַלעריע, משה קוניאַרוש...— פיל מאָל האָט ער אָנגעכאַפּט זאַנוולען פאַרן אַרבל:

— שטיי, מען גייט!

זאַנוול האָט זיך אָפּגעשטעלט, געעפנט ברייטער די אויגן, אויפ־געשטעלט די אויערן, זיך אַרומגעקוקט, קיינעם נישט געזען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן — דער „אַלטער" האָט זיך שוין אויסגעוועפּט — און געשפּאַנט ווייטער.

שלמה האָט דערפילט אַ דורכדרינגענדע קעלט אין זיינע אַלטע ביינער און ער האָט זיך דערמאָנט ווי זיין תּרצה ליגט יעצט אונטער זיין וואַרעמע פּערענע און כראָפּעט.

— אַ הינטיש לעבן — האָט ער ווידער געטראַכט — ס'וואָלט שוין צייט געווען זיך צוריקצוציען פון דער שיינער פּרנסה.

עס האָט זיך געהערט אַ וואָיען פון אַ הונט.

— אוי, די הינט — האָט שלמה געזאָגט — אַ מיתה משונה אויף זיי! צו וואָס האָט זיי נאָך גאָט באַשאַפן?!

פון בערגל האָבן זיך געזען עטלעכע צעוואָרפענע הייזלעך.

אַרום איז געווען שטיל.

זאַנוול האָט גענומען דאָס זעקל מיט די שטיוול און געגאַנגען אין דאָרף אַריין.

אַ שוואַרצער קודלאַטער הונט איז אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ בילעריי. זאַנוול האָט זיך צוריקגעצויגן, דער הונט נאָך אים. באַלד האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן הונט, געכאַפּט אים מיט זיינע קלעשטשעס ביים גערדיק און גענומען שטיקן. דער הונט האָט זיך נישט לאַנג געאַמפּערט, פאַרגלייזלט די אויגן, אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגע רויט־שפּיציקע צונג און געבליבן אָנמעכטיק אין זאַנוולס הענט.

זאַנוול האָט זיך אויסגעגלייכט, באַטראַכט דעם אויסגעצויגענעם הונט מיט דער אַרויסגעשטעקטער צונג, אַ שפּיי געטאָן דורך די ציין.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט: דער „אַלטער" איז נישט געווען.

אונטערן בערגל איז געשטאַנען שלמה, געקלאַפּט אַ יאַסלע אָן אַ

יאַסלע פאַר שרעק. ער האָט נישט געקאָנט זען ווי זאַנוול דערשטיקט דעם הונט און ער איז אַוועק אונטערן בערגל.

זאַנוול האָט געכאַפּט דאָס זעקל און מיט דער שנעלקייט פון אַ יונגן ציגיינער האָט ער לייכט אַראָפּגענומען די טיר פון די זאַוויאַסעס.

אַ וואַרעמע פאַרע האָט אים געשלאָגן אין געזיכט אַריין. ער האָט אַרויסגענומען בראָנפן, אָנגעשפּורט די פערד, אָנגעטאָן זיי שטיוול און זיי לייכט אַרויסגעפירט פון שטאַל.

אונטערן בערגל האָט שלמה אַריינגעלייגט די שטיוול אין אַ זעקל, פאַרשנורעוועט אויף דער פּלייצע.

זיי האָבן זיך אויפגעזעצט אויף די פערד און אַוועק אין דער ווייסער נאַכט אַריין.

1912, בראָנקס, ניו־יאָרק

אויף יענער זייט בריק

(1910)

אַ בלויער פרימאָרגן. שמשון כאַפּט זיך אויף, רײַבט די אויגן, וואַרפט אַ קוק צום פענסטער, וואָס גייט אויף דער לאָנקע:

— גרויסער טאָג. נו, מען וועט זיך אויפהויבן!

ער שפּרינגט אַרויס פון בעט, קנאַקט אויס די פינגער, גענעצט געשמאַק אָפּ און באַטראַכט די שטייגעלעך מיט פייגל, וואָס הענגען בײַם פּולאָפּ. ער וואַרפט אויך אַ בליק צום קינד, וואָס שלאָפט בײַ דער קיך אין אַ מולטער, זאָגט אָפּ „אַ שוואַרץ יאָר" גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, שפּײַט אויס און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

אַ בּאָרוויסער אין גאַטקעס שפּאַצירט זיך שמשון דורך עטלעכע מאָל איבערן צימער ביז — ער נעמט זיך אײַנוואַשן. מיטן האַנטוך אויפן אַקסל, מיט נאַסע צעשויבערטע קודלעס, גייט שמשון צו צום ווײַבס בעט און שרײַט איר אין אויער אַרײַן:

— ביילע! גענוג געכראָפּעט! שטיי אויף און מאַך עפּעס אין מויל אַרײַן!

ביילע טוט פון שרעק אַ שטאַרקן שיפּ, זעצט זיך אויף, גלאָצט אויס אַ פּאָר פאַרדראָפּעטע אויגן, דערזעט ווי שמשון שטייט און לאַכט, האַלט זיך פאַר די זײַטן פון לאַכן, טוט זי אַ שפּײַ:

— טפוי, מײַנע ווילסטע חלומות צו דײַן קאָפּ!

דאָס קינד אין דער מולטער קומט אויף און צעוויינט זיך. עס ווערט אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן, הויבט ווידער אָן, פאַרנעמט זיך העכער און העכער.

ביילע מיט שמשונען הויבן מיט אַמאָל אָן רופן:

— וועלוול! וועלוול! גיי וויג צו דאָס קינד!

ס'הערט זיך אַ בורטשען פון פּיעקעליק:

— אַזאַ „בענקאַץ״ ! אַפילו שלאָפן לאָזט ער נישט !

װעלװל, אַ ייִנגל פון אַ יאָר ניין, צען, מיט אַ פּאָר שוואַרצע, פינקלדיקע אויגעלעך, אין אַ קורץ העמדל ביז צום פּופּעק, קריכט אַרונטער. ער שאָקלט די מולטער און וואָרטשעט צו :

— שאַ-אַ. שאַ-אַ-אַ-אַאַי. . .

דאָס קינד וויינט אויף צו להכעיס נאָך העכער. װעלװל גיט עס אַ קניפּ און זעצט זיך אַוועק.

— ממזר, וויג ! — שרייט ביילע, כאַפּט אַ שוך און וואַרפט װעלװלען אין קאָפּ אַריין.

װעלװל צעוויינט זיך.

דאָס געשריי ווערט גרעסער און גרעסער.

רוזשקע, אַ מאַטע ברונעטקע מיט אַ פּאָר לאַנגע רייפן-אויערינגלעך אין די אויערן, כאַפּט זיך אויף, זעצט זיך אַוועק אויף דער שלאָף-באַנק און הייבט אָן סטראַשען ביילען, אַז אויב זי וועט נישט אויפהערן צו מאַכן אַלע פרימאָרגן אַזעלכע חתונות, וועט זי זיך זוכן אַן אַנדער וווינונג.

— בין איך ווייטער בדלות ! — זאָגט ביילע און קריכט אַרויס פון בעט.

די שוואַרצע קאַץ, וואָס ליגט אויף דער קיך איינגעוויקלט ווי אַ ביי̆גל און דרימלט, כאַפּט זיך אויף, שפּרינגט אַרונטער, שטעלט אויף אַ הויקערדיקן רוקן, גלאָצט אויס אַ פּאָר פינקלדיקע אויגן און נעמט זיך ציען.

װעלװל פאַרגעסט זיך אָנם וויינען, גנבעט זיך גיך אונטער און גיט דער קאַץ אַ שטאַרקן צופּ פאַרן עק. די קאַץ גיט זיך אַ ריס. פאַנגט אָן פריסקען און דער הויקערדיקער רוקן נעמט קאָנוווּלסיש זיך צאַפּלען.

אַלע שיסן אויס מיט אַ געלעכטער.

ביילע וואַרפט אויף זיך אַרויף אַ האַלב קליידל און גרייט צום טיש. שמשון טוט זיך אָן אַ פּאָר טריקאָטענע הויזן, אַ טריקאָטן העמדל, געשניטן דעקאָלטע אָן אַרבל און באַפּוצט מיט זילבערנע און גאָלדענע בלעכלעך. ער פאַרדרייט ווילעריש זיינע וואָנסן און זינגט בשעת-מעשה אַ ניגון.

רוזשקע גייט צום שפּיגל. די שוואַרצע האָר באַדעקן אירע בלאַסלעכע באַקן. זי באַנעצט די האָר מיט אָדעקאָלאָן, פּודערט זיך, צינדט אָן אַ שוועבעלע און מיט דעם סאַזשע־קעפּל מאַכט זי האַלבע רינגען אונטער די אויגן. זי טוט זיך אָן שמשונס היטל מיט די גלעק־לעך, נעמט די קורצע האַלקע אין דער האַנט און לאָזט זיך אַ באַרוויסע איבערן צימער מיט אַ פּאַדיספּאַן.

גיט שמשון אַ ווינק צו וועלוועלען, שפּרינגט וועלוול צו צו דער קאַטערינקע, נעמט שפּילן אַ וואַלס.

כאַפּט שמשון אַרום רוזשקען פאַר דער טאַליע און זייערע פיס באַוועגן זיך לייכט אין דער לופט.

ביילע, טראָגנדיק אַ גרויסע ערדינע שיסל מיט שטשאַוו, שטעלט זיך אָפּ, מאַכט מיט די אַקסלען צום טאַקט, קוועלט פון איר שמשונען.

אין אַ ווײַלע אַרום זיצן שוין אַלע ביים טיש און שלינגען גע־שמאַק דעם שטשאַוו.

נאָכן עסן נעמט שמשון די קאַטערינקע אויף די פּלייצעס, אין דער האַנט האַלט ער אַ שטייגל מיט ים־חזירימלעך. וועלוול טראָגט אים נאָך אָן אַלטן דיוואַן, אַ צימבעלע און אַ קעסטל מיט פּאַקוס־כּלים. אַזוי גייען זיי איבער דער שטאָט. שמשון שטעלט אַוועק די קאַטערינ־קע, שפּרייט אויס דעם דיוואַן און גיט אַ ווינק צו וועלוועלען. די קאַ־טערינקע שפּילט:

— מאַלגאַזשאַ — אַטאַ, מאַלגאַ — אַזשאַטאַ...

שמשון אַקאָמפּאַנירט אויפן צימבעלע און דער עולם העלפט אונ־טער. די קאַטערינקע ווערט אַנטשוויגן. שמשון פאַרלייגט זיינע נאַקעטע הענט אויף זיין בולטער ברוסט און מעשה־אַרטיסט באַטראַכט ער דעם עולם. געלאַסן ציט ער זיך אויס אויפן דיוואַן מיטן פּנים צום הימל. פּאַמעלעך נעמט זיך זיין ברוסט הויבן, זיך ציען. זי וואַקסט אַלץ העכ־כער און העכער. דאָס פּנים ווערט רויטער, און די אויגן, ווי פאַרגלי־ווערט, גיבן זיך קיין ריר נישט. אַט זעט שמשון אויס ווי אַ פּאַראַ־באָלאַ און אַט ווי אַ האַלבער קרייז.

חברה עפענען די מיילער און שטופּן זיך אַלץ נענטער און נענטער.

וועלוול, אין אַ פּאָר קורצע, טריקאָטענע הייזלעך, אַ פּאָר לעטש־לעך, אין אַ שוואַרץ־סאַמעטענעם פּאַסעק ביז איבער דעם בייכל, כאַפּט זיך פלינק אַרויף אויף שמשונס ברוסט און שטעלט זיך אויפן קאָפּ. ביסלעכווייז ציט שמשון אויס זיינע פיס, זיין ברוסט זינקט פּאַמעלעך. אָט ליגט ער ווי פריער מיטן פּנים צום הימל. ער נעמט וועלוולען פאַר די הענטלעך, גיט אים אַ שליידער. וועלוול מאַכט אַ קאָזשעלעק אין דער לופטן און בלייבט שטיין ווי קיינמאָל גאָרנישט.

— וויוואַט! בראַוואָ! — שרייט דער עולם.

שמשון גיט אַ וואָרף זיין קערפּער, ווי אַ פיש אויפן ברעג, און בלייבט שטיין אויפן דיוואַן. ער גייט זיך עטלעכע מאָל דורך און זיין עלאַסטישער קערפּער צייכנט אויס קרייזן הין און צוריק אין דער לופטן.

אָט ליגט ער ווי אַ בייגל, די פיס אַרום האַלז. וועלוול שטעלט זיך אַרויף אויף שמשונס פּאָדעשוועס. מיט אימפּעט גיט שמשון אַ צי אויס זיינע פיס. וועלוול דרייט זיך אין דער לופטן און בלייבט שטיין.

דער עולם גאַפט.

וועלוול נעמט שפּילן אויף דער קאַטערינקע און קוקט צי מען וואַרפט נישט עפּעס איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל פון די הויכע פענס־טער אַראָפּ.

שמשון נעמט דערווייל אַרויס פון קעסטל עטלעכע שפּיציק־בלאַנקענדע מעסערס מיט שוואַרצע הענטלעך און נעמט זיי וואַרפן אין דער לופטן.

מיט אַן אומגעהויערע שנעלקייט הויבן זיך די מעסערס, פליען העכער, יאָגן זיך. די בלישטשענדע שאַרפן שניידן דורך די לופט, בלענדן די אויגן און, ס'דאַכט זיך, אַז אָט שטעכן זיי דורך שמשונס האַנט.

אָט נעמט שמשון אַרויס אַ בליך־לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור, צינדט זי אָן, שטעלט זי אויף אַ שטעקן און גיט אַ שליידער. די לאָמפּ דרייט זיך, דרייט זיך און פאַלט צוריק אויפן שטעקן. ער נעמט אַרויס בייגד־לעך, באַנוצט זיי, צינדט זיי אָן. די ביינדלעך פלאַקערן און שמשון שלינגט זיי ווי לאָקשן.

— וויוואַט! בראַוואָ! — פּאַטשט דער עולם.

— מאַלגאָזשאַ-אַטאַ, מאַלגאַ-אָזשאַטאַ. . שפּילט די קאַטערינקע.

וועלוול נעמט דאָס צימבעלע און פאַרשיידענע מטבעות שיטן זיך אַריין.

אַרום האַלבן טאָג גייען זיי אַריין אין אַ קעלערשענק עסן מיטאָג.

דער בעל-הבית פון שענק, אַ דיקער ייד מיט אַרומגעשוירענע האָר, ווי ביי אַ קאַצאַפּ, מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן, איז שמשונס אַ חבר. זיי קענען זיך נאָך פון דער אַלטער טורמע.

די שענק שמעקט מיט קרויט, אָנגעברענטס און ווילגאָטש. כמעט אַלע געסט, וואָס זיצן אין שענק, טראָגן לאַקירטע שטיוול און היטלען מיט לאַקירטע דאַשקעס. טייל פון זיי שפּילן אין קאָרטן, טייל — אין דאָמינאָ, און טייל — אין ווערפל.

שמשון גייט זיך געלאַסן דורך די שענק, וואַרפט רעכטס און לינקס מיט ווערטלעך. חברה קייקלען זיך פון געלעכטער.

ביי עטלעכע טישלעך כאַפּט ער אַריין צו קופל ביר און גייט אַריין מיט וועלוולען אין אַ צווייטן חדר עסן.

אין מיטן עסן קומט אַריין די „מומע גאָלדע", דערלאַנגט שמשונען אַ קליין, דיק הענטל און זעצט זיך אַוועק.

וועלוול האָט מורא זי אָנצוקוקן — אירע קליינע חזירשע אויסגעלעך קוקן קוים אַרויס פון די געשוואָלטענע באַקן. זי נעמט אים אויף דער שויס, קושט אים, גיט אים קיכלעך און זאָגט אים, אַז זי איז זיינס אַ מומע.

נאָכן עסן גייט שמשון מיט גאָלדען אין אַ צווייטן צימער אַריין און הייסט וועלוולען אַכטונג געבן אויף די שטייגעלעך.

אין אַ פערטל שעה אַרום קומט שמשון אַריין אָן גאָלדען. ער איז בייז, נעמט די קאַטערינקע אויף די פּלייצעס, טוט אַ מאַך צו וועלוולען מיט דער האַנט און גייט אַרויס. אויפן וועג זאָגט ער אָן וועלוולען ער זאָל גאָרנישט אין דער היים דערציילן.

— די מאַמע ווייס ווו מיר עסן מיטאָג. — זאָגט וועלוול.

— בהמה! נישט דאָס — מיט איין וואָרט — רעד נישט! — צעבייזערט זיך שמשון, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שלעפּט זיך אַ מידער איבער דער שטאָט.

*

שבת נאָכמיטאָג.

אין שטוב איז שטיל, נאָר דורך דעם אָפענעם פענסטער לויפט דורך מיט רעש אַ זאַמדיקער ווינט, טראָגנדיק אין דער לופטן עטלעכע צענדליק אָפּגעריסענע בלעטער און ווערט פאַרלוירן מיט אַ קרעכץ ווייט ערגעץ דאָרט אין פרייען פעלד.

דרויסן ערגעץ צעקרייט זיך אַ האָן גלאַט אין דער וועלט אַריין און ווערט אַנטשוויגן.

אויפן בעט צופוסנס, אָנגעשפּאַרט מיט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, זיצטביילע און קוקט זיך איין ווי איר שמשון כראָפּעט. זי באַמערקט ווי שמשון שמייכלט אין שלאָף.

— דאָס חלומט זיך אים אַודאי די „מומע גאָלדע“—קלערט ביילע און זיפצט אָפּ.

זי האָט גרויס חשק זיך אַריינצוּוואַרפן אין בעט, האַלזן שמשונען, אים שטאַרק קושן.

דאָס קינד אין דער מולטער קומט אויף און צעוויינט זיך.

ביילע עפנט די טיר, רופט אַריין וועלוולען, וועלכער שפּילט מיט די חברים אין קנעפּ. וועלוול קומט אַריין אַ צעהיצטער, טופּעט פון כעס מיט די באָרוויסע פּאַדעשוועס, קריצט מיט די ציין, לויפט צום קינד און וואַרפט מיט כעס די מולטער. דאָס קינד פאַלט אַרויס און פאַרקייכט זיך.

ביילע כאַפּט אַ האָלץ אין נעמט וועלוולען שלאָגן.

ווי אַן אָפּגעבריטער שפּרינגט שמשון אַראָפּ פון בעט, כאַפּט ביילען פאַר די האָר און נעמט זי שטיקן.

וועלוול באַהאַלט זיך דערווייל אין אַ ווינקל, קוקט ווי די מאַמע ליגט ביי דעם טאַטנס פיס, ווי אַ געקוילעטע הון, אַמפּערט זיך.

— נאַ, נאַ — טראַכט וועלוול — שפּיר אַ טעם פון שלאָגן! ווייס, אַז מיר טוט אויך ווי!

שמשון קריצט מיט די ציין און שרייט:

— נבלה!.. כ'וועל דיר די ביינער ברעכן, אויב דו וועסט אים נאָך איין מאָל אָנרירן! געדענק אַלטע מכשפה!.. געדענק!...

— שלאָג! — סאָפּעט ביילע און גלאָצט אויס אַ פּאָר אויגן — כ'וויס, דו ווילסט מיך פּטרן! נישט דערלעבן וועסטו עס, דו כאָליע־רע איינער! דו ווילסט אַ מויד!.. כ'וועל היינט די „מומע־גאָלדע" מיט אַ קאָפּ קירצער מאַכן!

שמשון ענטפערט נישט, גיט איר אַ קאָפּיע און גייט אַרויס פון שטוב.

וועלוול מיינט, אַז יעצט איז זיין טויט. די אויגן פאַרמאַכט ער און וואַרט, אַז די מאַמע זאָל זיך אַ וואָרף טאָן אויף אים און אים אויסרייסן מיט אירע לאַנגע, דאַרע פינגער שטיקער פלייש.

ביילע הויבט זיך אויף, ווישט אָפּ די טרערן, טוט אויס וועל־וועלען ביז צום העמד און פאַרשליסט די קליידער אין קאָמאָדע. זי איז אים מכבד מיט עטלעכע קלעפּ, זאָגט אָן וויגן דאָס קינד און גייט אַרויס.

וועלוול גייט זיך דורך איבער דער שטוב, זיפצט אָפּ און שטעלט זיך ביים פענסטער.

פון דער לאָנקע הערן זיך לאַנגזאַמע טענער פון אַ „פויאַרקע".
וועלוול דערמאָנט זיך ווי ער וואַנדלט אַרום מיטן טאַטן אויף דער פריי. ער שפּירט אין די טענער אַ בענקעניש, פאַרלייגט זיינע הענטלעך אויף דער ברוסט און מיט אַ דין קולעכל הויבט ער אָן צו זינגען:

— פּאָטשעמו־ו מעניאַ מאַ־אַט ראָזי־ילאַ — — — — — —

ביילע איז אַרויס פון שטוב אַ פאַרוויינטע. מיט פאַרמאַכטע פויסטן לויפט זי און אין מח פּלאָנטערט זיך איר די „מומע גאָלדע".

— אַלץ דאָס גראָבע חזיר, אַלץ זי! — טראַכט ביילע — זי מאַכט מיר אַזאַ פינסטער מזל ביי שמשונען! כ'וועל איר אויסדראַפּען די אויגן! כ'וועל איר ווייזן ווי אַזוי מען רעדט אָפּ אַ מאַן!

אויף דער צווייטער זייט טייך, ווו ס'וואַסער איז פלאַך, שטייען

יונגע שיקסעס ביז איבער די קניען אין וואַסער און קלאַפּן מיט „קיענ־קעס“ וועש. זיי קלאַפּן און לאַכן הילכיק צו די פּאַראָבקעס, וואָס פּאַשען פערד אויף דער לאָנקע.

אָט פּאַרגנבעט זיך אַ יונגער „פּאַראָבעק“ אין אַ פּאָר ברייטע צייגענע הויזן מיט אַ רויטן שפּאַנצער און כאַפּט אָן אַ שיקסע פּאַר אַ פוס.

די מיידלעך נעמען פליאַסקען, קוויטשען, זיינען מכבד דעם בחור מיט נאַסע שטיקער וועש.

די פּאַראָבקעס פּלאַצן פון געלעכטער.

ביילע שטעלט זיך אָפּ.

זי באַטראַכט די רויטע מיידלעך מיט די בּאָרוויסע גראָבע פיס, מיט די פלאַקסענע צעפּ, מיט די רויט־געשטרייפטע „באַרכאַנקעס“ און זי דערמאָנט זיך:

זי איז אַ מיידל. אין אַ שוואַרצע סאַמעטענע בלוזקע מיט ווייסע אויגעלעך, אַ שוואַרץ סאַמעטל אויפן האַלז, די האָר געקעמט „סעצע־סיע“ — זיצט זי און האַלט שמשונס קאָפּ אויף איר שויס. אירע לענג־לעכע, מיט עטוואָס אויסגעבויגענע שפּיצן פינגער באָדן זיך אין שמשונס לאָקן און זי דערציילט — — — זי דערציילט אַזוי שטיל וועגן דעם „שוואַרצן־יונגנמאַנטשיק“, וואָס זי האָט נאָר וואָס געלעזן...

שמשון לאָזט קיין אויג נישט אַראָפּ פון איר און ביילע דערציילט אַזוי זיס, אַזוי מחיהדיק. — — —

פלוצים דערפילט ביילע אַ הייסע טרער אויף איר האַנט. זי גיט אַ ציטער, גראָבט טיפער אירע פינגער אין זיינע האָר, און איר דאַכט זיך, אַז דאָס זיצט זי אַ קליין מיידעלע ביי איר מאַמען אויף אַ בענקעלע. — — —

— — — זי באַהאַלט דאָס קעפּל אין דער מאַמעס שויס... און די מאַמע דערציילט וועגן אַ ציגיינערן, וואָס וווינט איינזאַם אין אַ שטיבל, אויף הויכע סקאַלעס, צווישן געדיכטע, באַוואַקסענע סאָסנעס... און די ציגיינערן פאַרכשופט די גאַנצע געגנט אַרום... און די ציי־גיינערן פאַרנאַרט צו זיך צווישן די מעכטיקע סקאַלעס אַלע מיידלעך, וואָס פאָלגן נישט זייערע מאַמעס. — — — — — — — — — — — — — — —

שמשון טוליעט זיך צו ביילעס ברוסט, נעמט זי פעסט אַרום און שעפּטשעט:

— ביילקע קרוין, זאָג מיר, כ׳בעט דיך, בין איך נאָר איינער ביי דיר ? ביסטו מיר געטריי ? זאָג !

און אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער קלאַמערט ער זי אַרום.

— ביילעשי — זאָגט שמשון ווידער — דו וועסט נישט בלייבן אַ קאָרטן־לייגערן. ניין ! מיר וועלן באַלד נאָך דער חתונה אַוועק נאָך וואַרשע. כ׳וועל אַריין אין אַ צירק און דו וועסט ווערן אַ מאַדאַם... מיין מאַדאַם ! — — — — — —

אַט ציט זיך שמשון אויס אויף דער שלאָף־באַנק. ביילע קריכט אַרויף אויף אים, שפּילט זיך ווי אַ קינד פּאַרטאָג מיט זיין פאָטער. דאָ רייט זי אויף אים, און דאָ בייסט זי ליידנשאַפטלעך זיין אונטער־שטע ליפּ; דאָ לאָזט זי אַריין אירע פּויסטלעך אין זיינע קודלעס, רייבט אירע פּוכאָווע באַקן אָן זיינע עטוואָס שטעכעדיק־באַוואַקסענע... און וואָס טוט זי נישט ? !

— —

— טראַ־טראַ־טראַ־טראַאַאַאַ ! — צעטראָמביעט זיך דער „פּאָטש־טאַרזש״, אַריינפּאָרנדיק אין שטאָט און וועקט ביילען אויף פון איר חלום. ערשטוינט קוקט זי זיך אַרום, זעט נישט קיינעם, זעצט זי זיך אַוועק ביים ברעג טייך און פאַרטראַכט זיך.

— שוין זעקס חדשים — זיפצט ביילע — ווי שמשון ווייכט מיך אויס. די לעצטע צייט האָט ער מיך גאָר גענומען שלאָגן !... אַלץ די „מומע גאָלדע״, אַלץ זי...

און אפשר רוזשקע ? ! — בלייבט זי שטיין אַ ווײַלע און צע־ווײנט זיך.

אַ ווינטל צעוויגט זיך. לייכטע וואַלן קלאַפּן, שוועקן אָפּ דעם ברעג. דער טייך זשומעט.

טרערן גרויסע ווי אַרבעס קאַטשען זיך אַראָפּ פון ביילעס באַקן, קאַטשען זיך און פאַלן אין וואַסער אַריין. — — —

אויפגערעגט גייט שמשון אַרויס פון שענק.

ער צעשפּרייט די פיס, שטעקט אַריין די הענט אין די הויזן־קעשענעס, קוקט זיך אַרום, גלייך ער וואָלט געקלערט וווהין צו גיין.

די שענק מיט די חברים זיינען אים יעצט נמאס. ס׳ווילט זיך אים זיין אַליין, גאַנץ אַליין ערגעץ ווייט און רויק טראַכטן. מיט פעסטע טריט שפּאַנט שמשון אין דער „בזשעזשינקע“, וואָס געפינט זיך אונ־טער דער שטאָט.

דאָס וועלדל שמעקט מיט זומפּן און פריש געשניטן היי. די בזשעזשינע־ביימער זיינען פון אונטן ווי צונויפגעוואַקסן אין איין גרויסן, אומענדלעכן, ברייטביינעקן בוים. די נאַכט ווי אַ כשופמאַכערן לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ איבערן וועלדל, שטעלט איבער ביימער, קוסטן, פלעכט ביי יונגע בעריאָזקעס די לאַנגע צעפּ, אַז ס׳ווערט אַזש אומהיימלעך.

פון צווייטן זייט וועלדל הערן זיך אומעטיקע טענער פון קלויס־טער־גלאָק.

שמשון זעצט זיך אונטער אַ בוים, שפּיים אויס און פארציט אַ ציגאַר. ער זיצט און קלערט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון ביילען, ז׳ איז אים שוין דערעסן.

— נישט דאָס וואָס אַמאָל!—זיפצט שמשון און לאָזט אַרויס דינע שלענגלעך רויך.

— אפילו די „מומע גאָלדע“, דאַכט זיך אַ שעלמע, האַ? אָבער אַלץ נישט רוזשקע! נישט דאָס!

ס׳האַרץ ציט אים צו רוזשקען.

אָט זעט ער זי אין איר לאַנגער, טערקישער גאַבּרעלע מיט האַלבע, ברייטע אַרבל. די האָר צעשאָטן, די לאַנגע רייפן־אויערינגלעך וואַקלען זיך אין די אויערן. רוזשקע זעצט זיך אַוועק, מאַכט אַריין די גאַבּרעלע צווישן די פיס און אירע שוואַרצע. שעלמישע אויגן לאָזן נישט רוען, ברענען...

שמשון שמייכלט:

אַ פאַרשכורנדע קראַפט הייבט אָן וואַקסן אין אים, צעגיסט זיך מיט אַ שנעלקייט איבער זיין גאַנצן קערפּער, פילט אָן יעדן שפּאַלט, יעדן נערוו... ער קאָרטשעט זיך איין אונטערן בוים ווי אַ פאַנטעראַ און גיט אַ בריל:

— אַ מויד אַ ברען!

שמשון ערינערט זיך:

ער גייט מיט רוזשקען כאַפּן פיש. זיי זיצן ביז שטאָקידיקע נאַכט. הונגערן זיך גוט אויס און מער ווי עטלעכע פּלאָטקעס כאַפּן זיי נישט. מידע גייען זיי אַהיים. אויפן וועג פאַרגלוסט זיך רוזשקען געבראָטענע קאַרטאָפל.

שמשון גראָבט אויס יונגע, פרישע קאַרטאָפל, גנבעט אַראָפּ אַביסל היי פון סטאָג, רייסט אָן קאָרע פון די ביימער און אַ פייערל צעפלאַקערט זיך אין מיטן דער לאָנקע.

זיי שלינגען מיט אַפּעטיט די קרוכע קאַרטאָפל.

שמשון ציט זיך אויס נעבן פייער אויפן בויך, שפּאַרט אונטער דעם קאָפּ מיט זיינע צוויי הענט און פאַרטראַכט זיך. שטיל. ערגעץ דאָרט ווייט, ווייט קוואַקען זשאַבעס.

מיט אַ ווילדע הנאה באַטראַכט ער די פלאַמען-צינגלעך, וואָס הויבן זיך פון פייער. און ס'דאַכט זיך, אַז די פלאַמען-צינגלעך בויגן זיך אַלץ נענטער און נענטער צו שמשונען. שפּילן זיך מיט אים: בויגן זיך צו און שפּרינגען אָפּ.

שטיל. יעדע רגע ווי אַ זיג-זאַג שניידט דורך אַ בליץ.

רוזשקע זעצט זיך נעבן שמשונען אויף די קניען, לאָזט פאַנאַנדער אירע שוואַרצע פלעכטן, צעשפּרייט איר קלייד, ווי אַ קוואָקע די פליגל, נעמט אַרויס פון בוזעם אַ פעשל קאָרטן, טאַשט עס און צעלייגט עס אויף שמשונס פּלייצע.

זי ציט אַרויס אַ קאָרט:

— מלכה אייכל —

— אַ ברונעטקע מיט אויגן ווי די נאַכט, וואַרט אויף דיר ערגעץ גאַנץ ווייט, ווייט.. זי בענקט. שלעכטע מענטשן לאָזן זי נישט צו דיר... זי וועט אויסשטיין פיל צרות, אָבער צום סוף וועט זי דיך קריגן, שמשון! — — — — — — —

— פונקט ביילקע, אַזוי פלעגט זי אַמאָל רעדן, „וורוזשען...‟ אירע אויגן! אַ העליש פייער! — קלערט שמשון און פילט ווי עפּעס פלאָנטערט זיך ביי אים אין מח, שפּרינגט אָן סדר.

רוזשקע הויבט אויף אַ קאָרט:

— אויבער שעל —

— — — אַ פּרינץ מיט בלאָנדע לאָקן איז שטערבלעך פאַרליבט אין דער ברונעטקע. ער פאַנגט זי, פאַרשליסט זי אין זיין כשוף־פּאַלאַץ. די ברונעטקע אַנטלויפט פון זיין שלאָס און קומט צו דיר, שמשון! —

רוזשקע ווערט שטיל. די באַקן רויטלען זיך. אַ זאַנפטיק ווינטל טראָגט זיך לייכט איבער דער לאָנקע. דאָס פייערל דערברענט זיך.

אָט זעט שמשון ווי אַ פּאָר לאַנגע הענט אָן געשטאַלט שטרעקן זיך אויס... די הענט ציען, רופן אין שלאָס אַריין, וווּ די געפאַנגענע ברונעטקע ליגט.

שמשון כאַפּט אַרום רוזשקען, קושט זי, שטופּט אַריין זיין קאָפּ אין איר שויס.

רוזשקע האַלזט אים און שעפּטשעט:

— שמשון, אָט, דאָ אַריין קוש! — און ווייזט אויף איר בראָנזענעם האַלז.

שמשון נורעט אַריין זיין קאָפּ אין איר האַלז, שפּילעט בשעת מעשה אויף איר בלוזקע, העקלט אָפּ איר קלייד.

— וואָס טוסטו? — שעפּטשעט רוזשקע און דריקט זיך אַלץ פעסטער צו שמשונען.

שמשון ענטפערט נישט, נעמט זי אויף דער האַנט און וואַרפט זיך מיט איר נעבן פייער — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דעמאָלט אָן בענקט ער אַלץ מער און מער נאָך רוזשקען.

שמשון דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט, לאָזט אַרויס אַ פּאָר קנוילן רויך און פאַרטראַכט זיך:

זיין חבר, שלמה „קראַדניק", האָט אים קומענדיק פון וואַרשע רערציילט, אַז מיט אַזאַ מיידל ווי רוזשקע, קאָן מען אין וואַרשע מאַכן אַ בכבודיק לעבן. עס האָט פיל נישט געפעלט, שמשון זאָל פאַר אַזאַ עצה אַריינפאָרן „קראַדניקן" אין פּיסק אַריין.

— וואָס מיינסטו עפּעס, קעלבאַסניק! — האָט שמשון אַרויסגעוואָגט בייז — רוזשקע איז פון יענע?! ניין! רוזשקע איז מיינע!

מיט אַמאָל פאַרגעסט זיך שמשון און אים דאַכט זיך, אַז ער איז אַן אַלפאָנס.

ער שפּאַצירט זיך איבער „טאָוואַראָווע“ אין אַ פּאָר ברייטע העלע הויזן מיט קעסטלעך, אין אַ ווייסע פּיקענע וועסט, אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט. אויף די פינגער בריליאַנטן. ער שפּאַצירט און קוקט ווי „יאָלדן“ פּאַקן זיך צו אים. די „מומע גאָלדע“ זיצט ביי דער טיר און נעמט צו די פּאָר גראָשן.

אויף יום־טוב קומט שמשון אַהיים צו זיך אין שטעטל. אַן אויסגעפּוצטער גייט ער זיך צו דער „השכמה“, קויפט מפטיר, איז מנדר אַ שיינע נדבה. נאָכן דאַוונען פּאַרבעט ער זיינע חברים אין שענק אַריין. מען עסט, מען טרינקט און שמשון דערציילט ווי ס׳לעבט זיך אין וואַרשע. די בריהשקייט פון וואַרשעווער גנבים. חברה זיצן מיט דרך־ארץ און שלינגען זיינע ווערטער. — — — — — — — — —

— —

טריט. אַ הויכער יינג און אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול מיט אַ פּאָר געפּאַסטע הויזן גייט פאַרביי. ער רוקט זיין קליין היטל „נא־באקער“, מען זאָל בעסער אַרויסזען זיין קאָזאַצקע פּאה.

דאָס איז „יאַן“. אַ שייגעץ, וואָס רעדט אויך האַלב־יידיש. ער איז תמיד אין דער „בזשעזשינקע“, כאַפּט קאַנאַרקעס און לערנט זיי אַרויסציען בילעטן. זיין צעשויבערטע פּאה מיט די שטיקלעך שטרוי ווייזן, אַז ער איז נאָר וואָס פון שלאָף אויפגעשטאַנען.

— העי, דו גוי, וווהין שלעפּסטו זיך ?—שרייט שמשון, יאַן קוקט זיך אַרום, דערזעט שמשונען, שרייט אויס :

— יעזוס־מאַריאַ ! — און צלמט זיך — כ׳שלעפּ זיך צו דיר, שמשון. עפּעס אומעטיק היינט, ברודער. ס׳ווילט זיך דעם האַלז נאַס מאַכן און דערצו בין איך הונגעריק ווי אַ וואָלף !

שמשון שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס, עפנט דאָס מויל. אַ ווילדער אַ־אַ־אַ ! שניידט דורך די שטילקייט פון וועלדל.

— שמשון, האָסט אפשר אַ פּאַפּיעראָס ? — פרעגט יאַן.

שמשון שטעקט אַריין צוויי פינגער אין וועסטל־קעשענע, שלעפּט אַרויס אַ ציגאַר, איז מכבד יאַנען.

זיי פאַרשווינדן אין וועלדל.

אין מיטן שטוב ביי אַ קיילעכדיקן טיש זיצט רוזשקע מיט ביילען און שפּילן אין „אָקאָ". אויפן טיש אין אַ מערזשל ברענט אַ לעמפּל מיט אַ געלאַטעוועט גלעזל. נאָך יעדער קאָן הויבן די שפּילערס אויף דאָס לעמפּל און וואַרפן אַריין „שוידער-געלט" אויף נאַפט.

רוזשקע פאַרלייגט איין פוס אויפן צווייטן, טאַלירט די קאָרטן און מיט אַ פריילעכער מינע זינגט זי פאַרשיידענע קופּלעטן. ביילע אַקאָמפּאַנירט איר — און אויפן טיש קלימפּערן מטבעות.

אויפן פּיעקעלעק קאָפּטשעט אַ קנייטל אין אַ פלעשל נאַפט — דאָרט זיצט וועלוול און אַרבעט אַ פליי-שלאַנג.

די טיר עפנט זיך. שמשון מיט יאַנען קומען אַריין. שמשון איז פריילעך, רעדט מיט ביילען, גלייך צווישן זיי וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. ער שטעלט אַוועק עטלעכע פלעשלעך בראָנפן און הייסט ביילען עפּעס מאַכן צו פאַרבייסן.

רוזשקע אין אַ פּאָר שנורעוואַנע שטיוועלעך מיט הויכע אָפּצאַסן, אין אַ קורץ געשטרייפט אונטער-קליידל, פון אונטער וועלכן עס קוקן אַרויס קאָלירטע זאָקן, גייט אונטער צום שפּיגל טאַנצנדיק.

זי נעמט איבערפלעכטן מיט די בויגיקע הענט אירע צעפּאַטלטע, לאַנגע צעפּ. די באָרדע בלוזקע ציט זיך איין און יעדער בויג פון איר קערפּער שניידט זיך אַרויס, רייצט.

שמשון שטופּט יאַנען און שעפּט נחת. ער גנבעט זיך אונטער, כאַפּט רוזשקען אַרום און פאַרשטעלט איר די אויגן. רוזשקע טוט כלומרשט פון שרעק אַ צאַפּל און רייסט זיך אַרויס:

— ווי קאָן מען דאָס אַזוי אַ מענטשן איבערשרעקן?! דאָס גאַנצע האַרץ קלאַפּט דאָך מיר — צעבייזערט זיך רוזשקע און שטעקט שמשונס האַנט צו איר ברוסט — נאַ, זע!

שמשון רוקט אַרונטער זיין האַנט אונטער דער בלוזקע. רוזשקע טוט אים אַ פּעטשל. אַלע צעלאַכן זיך. רוזשקע פאַרשעמט זיך, לויפט צו שמשונען, נעמט אים רייסן פאַרן אויער:

— דו, חזיר איינער!

שמשון בויגט איין דעם קאָפּ, שמייכלט און לאָזט זיך.

יאַן שלעפּט דערווייל אַראָפּ וועלוולען פון פּיעקעליק, זעצט אים צו זיך אויף דער שויס און מאַכט נאָך אַלע חיות און פייגל. ער טוט

אַ צי אויס זיין לאַנגן האַלז — און אַ קאַנאַריק שפּילט ; אַ קורטשע איין — אַ האָן קרייט ! אַ לאַז אַראָפּ דעם קאָפּ — אַ הונט בילט. ער ציט אַרויס פון זיין כאַליעווע אַ פייפל און פייפט אויס אַ מאַזורקע.

דער עולם ווערט פריילעכער און צעזעצט זיך אַרום טיש. רוזשקע גייט אַרום די געסט מיט אַ פלאַש. די גלעזלעך ווערן גע־שווינט ליידיק און מען גיסט זיי ווידער אָן. די פנימער קאַלירן זיך, מען גיט זיך צו קוראַזש, מען וויצלט זיך און מען דערציילט מעשיות... רוזשקע מאַכט עטלעכע כוסות, ווערט פריילעכער, לאַבוזאַוואַטער... זי זעצט זיך אויף שמשונס שויס.

שמשון נעמט זי אַרום און הייבט זי אָן קושן.

ביילע ווערט שטאַרק בלאַס און באַלד פילט זי ווי אַ כוואַליע בלוט שלאָגט איר אין פנים אַריין. זי קוועטשט איין די פויסטן, וויל כאַפּן אַ פלאַש, כמאַליען איבער די קעפּ.

מיט אַ שווידער זעט זי ווי דער האַלב־שכורער שמשון גלעט רוזשקען און רעדט אָפּגעריסענע ווערטער. זי ציטערט פון כעס, און ס׳דאַכט זיך, אַז זי וויל שמשונען אויפעסן מיט אירע אויגן.

זי שפּרינגט אויף. מיט וואַקלדיקע טריט גייט ביילע צום קינד און נעמט שליידערן די מולטער. דאָס קינד פאַלט אַרויס און צעשרייט זיך. טרערן באַווייזן זיך אין ביילעס אויגן. זי קריגט רחמנות אויפן קינד, הייבט עס אויף, טוליעט עס צו איר ברוסט און קושט עס. זי פילט זיך אַזוי שוואַך, אַזוי הילפלאָז...

יאַן גיט וועלוולען בראָנפן און פאַפּיראָסן צו רויכערן, וועלוולען טוט עס שטאַרק הנאה — עפּעס פילט ער זיך גאָר עלטער, גרעסער... אין גיכן אָבער דערפילט ער קאָפּ־ווייטאָק און אַלץ אין שטוב הויבט זיך אָן דרייען. — — —

נאַכט. וועלוול קומט אויף. דאָס לעמפּל אויפן פּיעקעליק צאַנקט און באַלייכט קוים די פנימער פון די שלאָפנדע.

ער דערשרעקט זיך — די מאַמע אויף דר׳ערד, די האָר פאַנאַנדערגעלאָזט. זי כראָפּעט. נעבן איר ליגט יאַן אויסגעצויגן ווי אַ ליעשטש אויף ברודיקע וועש אָן ציכלעך. דער טאַטע אין די קליידער ליגט מיט רוזשקען אויף דער שלאָף־באַנק.

דאָס פאַררויכערטע לעמפל צעטראָגט איבערן צימער אַ שווערן שטיקענדן ריח. אויפן ברודיקן פאָל וואַלגערן זיך: שטיקלעך פאַפיר, אויסגעברענטע פאַפיראָסן, שוועבעלעך. אין אַ ווינקל ליגן צוויי שטולן איבערגעדרייט און נעבן זיי צוויי פלעשלעך פון נישט לאַנג אויסגעטרונקענעם בראָנפן. צו דער טיר צו ביי אַ בערגל מיסט ליגט אַ צעבראָכן גלאָז, שטיקלעך צוקער.

וועלוול דערזעט דאָס אַלץ ביים ערשטן בליק און שרעקט זיך שטאַרק. צומייסטן אָבער האָט ער מורא צו קוקן אין דער זייט ווו די מאַמע ליגט. ס'דאַכט זיך אים, אַז אַ פאָר גרינלעכע אויגן קוקן אויף אים פון אונטער די פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר.

פון פיעקעליק טראָגט זיך דאָס פישטשען פון אַ גריל. די יס-חזרימלעך וואָרטשען. משונהדיקע שאָטנס שפּרינגען און טאַנצן איבער די ווענט.

וועלוול האָט מורא, פאַרמאַכט די אויגן — בלויע רעדער מיט גאַנצע פאַלאַצן זעט ער פאַר זיך... דאָרט אין ווינקל שטייט עמעצער און בלעקט אויף אים אַרויס די צונג... טיפער, טיפער באַהאַלט וועלוול דעם קאָפּ אין קישן און ציטערט פון שרעק.

ניו-יאָרק, 1910

לייבקע מזיק

(1910)

לייבקע, אַ יינגל פון אַ יאָר צען, מיט אַ פֿאַרשאַרצט נעזל, האָט פרימאָרגן אויפגעכאַפּט זיך אין אַ גרויסער קעלערשטוב און זיך אַרומגעקוקט:

— ווידער מיך געלאָזט אַליין!

ער האָט זיך אַ זעץ אויף געטאָן, זיך אָנגעבויגן און אַרונטערגעקוקט אונטערן בעט:

— די שטיוול אויך פאַרשלאָסן! — האָט זיך לייבקע שטיל צעוויינט, אָן טרערן, בשעת־מעשה אַריינגעלאָזט זיינע צען פינגער אין קעפל האָר און זיך גענומען שיבערן.

יעדן פרייטאָג איז אַ מאַרק אין שטעטל. דעמאָלט שטייט דבורה אויף באַגינען, גייט אַרויס הינטערן שלאַגבוים, קויפט אויף ביי פּויערים הינער, אייער און פאַרקויפט עס צווישן די רייכע באַלעבאָסטעס. פאַרן אַוועקגיין דאַנקט זי דעם רבונו של עולם, וואָס איר מזיק שלאָפט, באַהאַלט אים די שטיוול אין קעמערל, גייט אַרויס און פאַרשליסט די שטוב.

— ניין — האָט לייבקע געטראַכט — ס'זאָל מיר גיין אין לעבן בלייב איך דאָ נישט אַליין! אַן אַלטע קען! אָפּגענאַרט גאָר! נעכטן בעט זי מיך — לייבקעלע, גיי שעכט מיר די עופות, וועל איך דיך מאָרגן מיטנעמען אויפן מאַרק. מער גלויב איך נישט! וואָס הייסט, יעדן פרייטאָג וועט זי דאָס אַוועקגיין מסחרן און איך וועל איר היטן די שטוב? כ'שפּרינג באַלד אַרויס דורכן פענסטער אויף דער לאָנקע! כ'האָב נישט קיין שטיוול! איז נאָך בעסער! כ'וועל קראַנק ווערן, דעמאָלט וועט זי שוין אַרומלויפן ווי אַ פאַרסמטע, עפּענען די „קניפּלעך“, שיקן נאָך אַ דאָקטאָר, נישט רופן מיר מער לייבקע מזיק! ניין!

זי וועט צוקומען אַזוי שטיל, אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע און זאָגן מיט אַ שמייכעלע — לייבקעלע, ווילסט אפשר אַ פּאָמעראַנץ? נאַ, פּאַרזוך, אויף מיין וואָרט, אַ כּיבוד! און איך? ווי קיינמאָל גאָרנישט! און בשעת מעשה וועל איך דאָס אַריינכמאַליען די פּאָמעראַנצלעך, אַז אַ רויך וועט גיין!..

ס׳מויל ביי לייבקען איז פול געוואָרן מיט סליונע און ער האָט געשמייכלט, באַלד האָט ער דערמאָנט זיך, אַז ער זיצט איינער אַליין אין בעט, שטאַרק אין כּעס געוואָרן, אָנגעקוועטשט די פויסטלעך און גענומען שליידערן אויפן דיל איין קישן נאָך דער צווייטער.

ער האָט זיך גענומען אָנטאָן, געבליבן שטיין אויפן בעט און געקוקט דורכן פענסטער אויף די לאַנגע פעלדער באַדעקט מיט שניי. ס׳האָט זיך אים געגלוסט אַרויסלויפן פונם האַלב־פינסטערן קעלער צו די יינגלעך, וואָס האָבן געמאַכט אַ שניי־מענטש. ער איז מיד געוואָרן קוקנדיק, אַרויסגענומען אַ גראָשן און געמאַכט גראָשנס אויף דער פאַרפרוירענער שויב. אַ מחנה קראָען זיינען דורכגעפלויגן. לייבקע האָט זיך גענומען זיי איבערצוציילן, זיך טועה געווען און אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו די יינגלעך, וואָס האָבן זיך געגליטשט אין ראָוו. אַ יינגל האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז געווען. די חברה אויף דעם גליטש האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, לייבקען האָט עס שטאַרק הנאה געטאָן און ער איז אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד. ס׳האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט גליטשן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אַרויסגענומען אַ האָלץ פון אונטער דער קיך, עס צעשפּאָלטן מיט אַ האַק־מעסער אויף צווייען, אָפּגעריסן פון דער מוטערס פאַרטוך אַ בענדל און צוגעבונדן דאָס האָלץ צו דער באָרוועסער פּאָדעשווע. ער האָט זיך אַ ריטש געטאָן איבער דער פּאָדלאָגע און דאָס האָלץ איז אַרויסגעפאַלן.

— כ׳וואָלט געגאַנגען אין שטיוול — האָט לייבקע אָפּגעזיפצט — וואָלט דאָס האָלץ נישט אַרויסגעפאַלן.

ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף די טונקל־ברודיקע ווענט, אויף דעם צעוואָרפענעם בעטגעוואַנט אָן ציכלעך, אויף די טעפּ מיט די אָפּ־געבראָכענע ראַנדן און אַ בענקעניש האָט אים אַרומגענומען. די פיס

זיינען בײַ אים שטייף געוואָרן פון קעלט, ער האָט גענומען שילטן די מוטער און געוואָלט צוריק אַרײַנשפּרינגען אין בעט. ער האָט דערזען די מוטערס אַלטע „כאַדאַקעס“, זיי אַרויסגענומען, אָנגעטאָן, אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס זיי זאָלן נישט אַראָפּפֿאַלן, גענומען דעם בעזים צווישן די פיס און זיך געלאָזט גאַלאָפּ איבער דער שטוב ריי‎טנדיק. ער איז דורכגעלאָפֿן עטלעכע מאָל, אַריבערגעשפּרונגען אַ פוס-בענקל און זיך אָפּגעשטעלט. ס׳האָט אים געהונגערט. ער איז צוגעגאַנגען צום שפּייז-שענקל, זיך אָפּגעשניטן אַ פּליטש ברויט, באַשמירט מיט פּוטער און גענומען קייען. אין שענקל איז געשטאַנען אַ קאָשיקל מיט אייער. זיינע חברים פלעגן אים דערציילן, אַז מען וויל האָבן אַ גוטע שטימע, מוז מען טרינקען רויע אייער, און טאַקע בערקע דעם חזנס האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז זיין טאַטע טרינקט יעדן טאָג אויס עטלעכע רויע אייער. לייבקע האָט אַרויסגענומען אַן איי, עס צעקלאַפּט אין אַ גלאָז אַריין, לאַנג געמישט מיט אַ פינגער און עס אַ לעק געטאָן. ער האָט אויפגעציטערט, באַלד פאַרמאַכט די אויגן און מיט שרעק אויסגעטרונקען דאָס איי. זיין גאַנץ קערפּערל האָט זיך געטרייסלט ווי אַ הינטל, וואָס שפּרינגט אַרויס פון וואַסער. ער איז אַרויף אויף אַ שטול, אַראָפּגענומען דעם פאָטערס טלית-זאַק, זיך איינגעוויקלט אין טלית, געעפנט אַ גראָבן סידור און גענומען נאָכמאַכן דעם חזן.

אין דער האַנט האַט ער געהאַלטן אַ בלעכענעם לעפל, יעדער ווײַלע אַ קלאַפּ געטאָן מיט אים אין טיש, אים צוגעלייגט צום אויער און זיך צעזונגען אויף זיין קינדיש-קוויטשיקער שטימע.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז חזן אין שטעטל, שטייט מיט דער גאַנצער קאַפּעליע משוררים בײַם עמוד און דאַוונט. ער האָט בכיוון אַראָפּגעוואָרפן איין פּאָלע פון טלית אויף דער פּאָדלאָגע, די צווייטע פאַרשאַרצט אויפן אַקסל, אויסגעצויגן די מאָרדעטשקע פונקט ווי ר׳ יוסל חזן, געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן אַלט, אַ שטורכע געטאָן דעם טענאָר און דיריזשירט מיט זיינע הענטלעך.

ס׳איז אים דערעסן געוואָרן. ער האָט אויסגעטאָן דעם טלית און זיך געוואָרפן אין די קליידער אין בעט אַריין. אונטערן אויוון האָט זיך צעקרייט אַ האָן און לייבקע האָט פאַרגעסן אָן אַלץ און איז אויפגעשפּרונגען.

אַ יונג הענדל מיט אַ בלוטיקן קאָם איז געשטאַנען מיט צע־שפּרייטע פליגל און זיך געגרייט אַרויסצולאָזן אַ קריי. דאָס הענדל האָט אויסגעצויגן דעם האַלז, געעפנט דעם שנאָבל און גענומען קרייען.

לייבקע האָט אַ קלאַפּ געטאָן דעם הענדל איבער די פליגל, דער קריי איז געוואָרן איבערגעריסן און דאָס הענדל איז אַוועקגעשפּרונגען אָן אַ זייט מיט אַ שאָקלדיקן קאָפּ און מיט אַ האַלבן קריי אין גרגרת. ער האָט געכאַפּט דאָס הענדל, עס געלאָזן באַטראַכט, צעשפּרייט די פליגל, געעפנט דעם שנאָבל און זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין מאָטקע שוחט.

אָט שטייט מאָטקע אויפן ליידיקן פּלאַץ לעבן דער מקוה. אַרום אים שטופּן זיך מיידלעך און ווייבלעך מיט עופות. מאָטקע, אַ הויכער מיט אַ ציגן בערדל, מיט פאַרוויינטע אויגן, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס פון זיין גלאַנציקן כאַלאַט אין גאַרטל אַריין און אַ טלית־קטן מיט לאַנגע גראָבע ציצית באַמבלט זיך צווישן זיינע פיס. מאָטקע נעמט דעם חלף אין מויל אַריין, כאַפּט אַן עוף צווישן די פיס, פאַררייסט ס׳קעפּל, צופּט אויס עטלעכע פעדערן און בלוט שפּריצט, רינט... עופות צאַפּלען זיך, לויפן מיט איבערגעשניטענע העלזער, גלאָצן מיט די אויגן און בלוט שטראָמט דורכן האַלז, דורכן שנאָבל...

לייבקע האָט געכאַפּט דאָס הענדל צווישן די פיס, פאַרריסן דאָס קעפּל, געוואָלט אויסצופּן עטלעכע פעדערן — אויפגעציטערט און עס אָפּגעלאָזט.

— ס׳וואָלט געווען אַ מצוה — האָט זיך לייבקע געטראַכט — צו שעכטן דאָס הענדל! נאַ, לאָז מיך נאָכאַמאָל נישט איבער אַליין אין שטוב! אַ שיינע ריינע כפרה.

און פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דער שוחט מיטן חלף אין האַנט. מאָטקע האָט געשלעפּט דעם חלף, געשלייפט, אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, אים געגלעט איבער זיין הוילער, דאַרער האַנט, אים גע־פּירט איבערן לאַנגן נאָגל...

אַ האָן איז געלאָפן מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלז, געפאַלן, זיך איבערגעדרייט, געגלאָצט מיט די אויגן און ס׳בלוט האָט גערעדט, געקרעכצט — כליאָ, כליאָ!..

ליבקע האָט אַרויסגענומען דאָס מוצא־מעסער, עס אָנגעשאַרפט אָן אַ ציגל פון דער קיך, זיך אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, אַריינגע־מאַכט די פּאָלעס פון זיין כאַלאַטל, גענומען דאָס מעסער צווישן די ציינער, געכאַפּט דאָס הענדל צווישן די פיס, פאַרריסן דאָס קעפּל און מיט אַ ווייטאָק אויפן פּנים גענומען צופּן די פעדערן. ווען ער האָט אויסגעצופּט אַ פעדער, האָט עס אים דורכגעשווידערט און זיין קליין פּנימל מיטן פאַרשאַרצטן נעזל האָט זיך אַ קרים געטאָן.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט ער גענומען פירן מיטן מעסער איבער דעם הענדלס האַלז, געטראַכט, אַז ס'איז צו לייכט, האָט ער פאַרקוועטשט די ליפּן, פאַרזשמורעט די אויגן און אַ שטאַרקן קוועטש געטאָן מיטן מעסער. ס'האָט זיך באַוויזן אַ קראַץ, וואָס איז גלייך רויט געוואָרן, און אַ שנירל בלוט האָט זיך אַרויסגעשלענגלט.

ליבקע האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס הענדל און זיך געטרייסלט ווי אין פיבער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס הענדל צעשפּרייט די פליגל, שטעלט זיך אויף, ווערט גרעסער, וואַרפט זיך אויף אים, און דאָס בלוט רינט, שפּריצט...

ליבקע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין בעט אַריין, זיך איבער־געדעקט מיט דער פערינע איבערן קאָפּ און זיך צעוויינט:

— כ'בין נישט שולדיק! כ'האָב נישט געוואָלט! אַז זי לאָזט מיך איבער אַליין! ער האָט געהערט דאָס צאַפּלען פון הענדל, דאָס קלאַפּן פון די פליגל. ער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און געלעגן אָן אָטעם.

ליבקע האָט געבעטן גאָט, ער זאָל שטאַרבן. ס'האָט זיך אים אַזוי שטאַרק געגלוסט שטאַרבן... לאָז די מאַמע אַהיים קומען און זען, אַז איבער איר איז ער געשטאָרבן... די מאַמע וועט מורא האָבן פאַרן טאַטן... אים נעמען וועקן, רייסן, דערנאָך וועט זי אַריינרופן די שכנטע לאהן... וועט אָנהויבן וויינען, רייסן זיך די האָר... אי קושן... און ער? — ער וועט האָבן הנאה:

— נאַ, וויין... האָסט מיך נישט געוואָלט מיטנעמען אויפן מאַרק... האָסט מיך שטענדיק געשלאָגן, נאַ, וויין! איצט וועל איך שוין נישט היטן דיין שטוב! נאַ, וויין...

קאָנטראַבאַנדיסטן

(1915)

דער פריוויסלינסקער נאַכט־צוג, וואָס גייט פון דער דייטשער גרענעץ נאָך וואַרשע, האָט זיך געשלעפּט אַזוי פּאַמעלעך, אַז ס'איז שווער געווען צו זאָגן אויב ער שטייט נישט אין גאַנצן. אין אַ פּריש אויסגעפּאַרבטן וואַגאָן, ווו ס'איז געווען דושנע ווי אין אַ שוויץ־באָד און די פּאַרב האָט געהאַט אַ טבע זיך אַריינצוקלעפּן אין געזעס אַריין, איז געפאָרן משה לידז, דער גביר פון גרענעץ־שטעטל מיט זיין זוי דוד, אַ פּופּצן־יעריקן גימנאַזיסט.

אין מיטן וואַגאָן האָט געברענט אַ גרויסער אייזערנער אויוון. צוויי ליכט־לאַמטערנעך, וואָס האָבן געהאַנגען ביי די טירן, האָבן קוים באַלויכטן דעם וואַגאָן און עס האָט אויסגעזען, ווי אַ געדיכטער נעבל וואָלט געהאָנגען איבער אַלעמענס קעפּ.

אין וואַגאָן איז געווען אַן אמתער יריד.

חסידים האָבן זיך כּראַנק און פריי איבערגעטאָן. קיין בושה געהאַט פאַר די ווייבער, וואָס זיינען געזעסן אַנטקעגן. די ווייבער מיט פּאַרקאַשערטע שייטלען איבער די אָפּגעגאָלטע קעפּ האָבן צעשפּילעט די בלוזקעס און געצויגן שטיקער זיידנס. אַנדערע האָבן איינגעניייט אין די קליידער זיידענע שאַלן, אויפגעטרענט דעם אונטערשלאַק. איינגענייט זיידענע פּאָלעס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער קוים באַלויכטענער וואַגאָן איז עפּעס אַ כּשוף־פּלאַץ, ווו באַוואַקסענע כּשוף־מאַכערס זיצן און שלעפּן פון די בוזעמס גאַנצע בערג מיט זאַכן.

אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ ייד, געהאַלטן אין איין אויסטאָן זיין ברייטע קאַפּאָטע, דערוויייל פאַרשטעלט דאָס ווייב מיט דער גע־פּודערטער טאָכטער, וואָס זיינען געזעסן אויף די קני און צוגענומען פון אַ יונגן שייגעץ זילבערנע זייגערלעך. דער שייגעץ איז געשטאַנען

צווישן דער מאַמען און דער טאָכטער, געשלעפּט די זייגערלעך פון זיינע טאָפּלטע שטיבלעטן און די ווייבער האָבן עס אַריינגעפּאַקט אין די אָפּשטייענדע קאָרסעטן. דער שייגעץ האָט יעדע ווילע אַליין אַריינגעלייגט דער טאָכטער אין בוזים אַ זייגערל און די מויד האָט אַ קוויטש געטאָן:

— מאַמע, דער גוי קנייפּט זיך!

— זע נאָר ווי עס שרייט פון איר אַרויס? וואָס קאָן איך מיר העלפן, וואָס? — האָט די מוטער זיך געבייזערט, וואָס די טאָכטער מאַכט קולות און גלייך זיך געווענדט צום שייגעץ — אַנטעק, וואָס ווילסטו פון מיידל?

אַ יידל, קיילעכדיק ווי אַ פּעסל, איז געשטאַנען אין מיטן וואַגאָן אין אַ לאַנגן טלית־קטן, לויז געמאַכט דאָס שטריקל פון די הויזן, געהאַלטן אין איין אַראָפּציען פון זיך לייבלעך, רעקלעך און סתּם שטיקער סחורות, אַז ס׳איז געווען אַ וווּנדער ווי אַ מענטש האָט געקאָנט אָנפּאַקן אויף זיך אַזוי פיל סחורה און אָפּנאַרן די באַאַמטע אויף דער „קאַמער".

— אַי, אַי, — האָט דאָס יידל, וואָס איז פון אַ קיילעכדיק פּעסל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליין, אויסגעדאַרט מענטשל, זיך צעשריען— ווער זאָל זיך ריכטן, אַז „המן" וועט היינט נישט זיין ביי דער רעוויזיע?

— נישטאָ קיין מזל — האָט זיך אַ יידענע אָנגערופן — פּונקט היינט, ווי אויף צעפּלאַצעניש, איז מיר איינגעפאַלן דורכצופירן אַלטע „לאַכעס".

דער עולם האָט געוואַלדעוועט, געשריען. אַ דיקער קאָנדוקטער מיט אַ לאַמטערנע אין דער האַנט איז געגאַנגען מיט אַ הויכן חסיד, אַ „שמייסער", און געציילט די אַלטע בילעטן, וואָס דער „שמייסער" האָט אויסגעטיילט זיינע פּאַסאַזשירן.

דער „שמייסער" האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי משה לידז און מיט אַ חניפה־שמייכל אָנגעהויבן:

— נו, ר׳ משה, איר האָט זיך, אויף מיין וואָרט, געקאָנט איינברענגען אַ רובל, אָט קוקט, דער גאַנצער וואַגאָן פאָרט „בלאַט" און כ׳פאַרזיכער אייַך, עס וועט היינט קיין קאָנטראָלער נישט זיין!

— און ווען דו וואָלסט מיך אָפּגעגאָלטן — האָט לידז אַריינגע־
נומען זיין שוואַרצע באָרד אין דער האַנט אַריין — וואָלט איך מיט דיר
געפּאָרן? אַלע צרות, וואָס קומען אויף יידן, איז דאָך איבער אייך,
שווינדלערס! גוט, — האָט לידז צעעפנט די האַנט און אַרויסגעלאָזט די
באָרד — ס׳קאָן זיך דאָך אָבער מאַכן, אַז אין מיטן וועג כאַפּט זיך
אַרויף דער הויפּט־קאָנטראָלער, געפינט אַזאַ געפּאַקטן וואָגן יידעלעך
און קיינער האָט קיין בילעט נישט? קאָן זיין אַ גרעסערער חלול השם?
— גייט עס אויס צו אַ פּאָר רובל, ר׳ משה — האָט דער „שמיי־
סער" געשמייכלט — מיט „לאַפּקע" קאָן מען צוקומען צום סאַמען
קיסר, ס׳איז שוין אַזאַ וועלט! מען זאָל אייך פּאָלגן, ר׳ משה, וואָלטן
מיר אַלע געדאַרפט ליגן די ציין אויף דער פּאָליצע! יאָ, אַ בילעט
האָט איר שוין געקויפט, רייכער געמאַכט „פּאַניען" מיט אַ רובל, אַ
מצוה געטאָן, כ׳האָב אָבער אַן עצה איר זאָלט זיך אויסשלאָגן די הוצאות
און נאָך מאַכן אַ קערבל. נעמט פּאַר מיר די צוויי גאָלדענע זייגער־
לעך — גוט? טוט אַמאָל אַ יידן אַ טובה!
— קיין טובות — האָט משה בייז געענטפערט — כ׳האָב איינמאָל
אַ נדר געטאָן קיין מגע ומשא צו האָבן מיט אייך, טשעפּעט אייך אָפּ!
דוד, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן און קיין אויג נישט
אַראָפּגעלאָזט פון אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַגאָן, האָט זיינע
אויגן נישט געגלויבט. ער האָט געפילט אַ מאָדנע שנאה און עקל צו
די פאַרוואַקסענע יידן מיט די קרומע לאַנגע נעז, וואָס שאַרפן טאָג
און נאַכט זייערע קרומע מוחות ווי איינער דעם צווייטן אָפּצונאַרן.
און דאָס איז דאָך דער רוב מנין ורוב בנין פון יעדער שטאָט! און
וואָס פאַר אַ שייכות האָבן די שלעפּערס צו אים?
דער פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויפן יינגל אַ האַנט, ווי ער
וואָלט פאַרשטאַנען זיינע געדאַנקען:
— מיינסט, כ׳האָב נישט קיין עולה געטאָן? כ׳מיין נישט וועגן
בילעט, וועגן די זייגערס. אין פלוג, דאַכט זיך, זיינען זיי גנבים, מען
דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין, און אַז דו באַטראַכסט זיך וואָס זאָל
טאַקע אַזאַ ייד ווי כתריאל טאָן? ווערן אַ בעל־מלאכה? מיר האָבן זיי
שוין די ויותר, בעל־מלאכות שטאַרבן אויך פון הונגער, בלייבט דאָך
ווידער סוחרים... ווי לאַנג דו לעבסט ווילסטו עסן, העי כתריאל! —

האָט לידז אַ געשריי געטאָן צום „שמייסער", וואָס איז אַרומגעלאָפן אַ צעיאַכמערטער.

כתריאל איז צוגעקומען מיט צעפּראַלטע פּאָלעס פון דער קאַפּאָטע:

— נו, ר' משה, איר וועט נעמען...

— כ'וועל נעמען, כ'וועל נעמען — האָט לידז זיך מעשה נגיד געבייזערט — גיב אהער די זייגערס!

— אָט אַזוי — האָט כתריאל געשמייכלט און אים געגעבן די זייגערס — איר וועט אַריינכאַפּן צוויי רובל ווי געפונען.

— האַלט דיר דאָס געלט — האָט משה אַ געשריי געטאָן — נישט דערלעבן וועסטו דאָס, שנאָרער דו, אַז משה לידז זאָל ביי דיר פאַרדינען!

ביסלעכווייז איז אין וואַגאָן געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער. די ווייבער מיט די קינדער האָבן זיך צעלייגט איבער די בענק און אַנטשלאָפן געוואָרן. מיט אַמאָל איז אין וואַגאָן געוואָרן נאָך טונקע־לער — אַ ליכט איז אין אַ לאָמטערנע אויסגעגאַנגען. לידז האָט זיך געדרייט אויף דער באַנק, זיך אויסגעצויגן און איידער דוד האָט זיך אַרומגעקוקט האָט דער פאָטער שוין געשמאַק געבלאָזן מיט די ליפּן אין דער באָרד אַריין, אַז די האָר זיינען זיך אַזש צעפלויגן. דודן האָט נישט געשלעפערט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך דער פאַרלאָפענער שויב, גאָרנישט געזען פון ערשטן אויגנבליק און, אַז ער האָט זיך אַ לענגערע צייט איינגעקוקט, האָבן שטיקלעך שניי זיך אַרויסגעבלייכט פון די נאַקעטע פעלדער. עס האָט אים דורכגעשוידערט. ער האָט באַמערקט ווי דער קאָנדוקטער איז שטיל אַריין, אַ ווונק געטאָן צו עמעצן אויף אַ באַנק און איז צוריק אַרויס. באַלד האָט זיך פון דער באַנק אויפגעשטעלט דאָס געפּודערטע מיידל, זיך איינגעקוקט צי די מוטער שלאָפט און האָט לייכט ווי אַ שאָטן זיך אַרויסגעשאַרט.

פון צעגליטן אייזערנעם אויוון האָט געשלאָגן אַ רויטע שיין, זיך צעלייגט איבער דער פּאָדלאָגע, אָפּגעגאָסן אַ קופּקע קאָנטראַבאַנדיסטן ווי מיט קופּער. די קאָנטראַבאַנדיסטן מיט כתריאלן אָן דער שפּיץ זיינען געזעסן אויפן קוילן־קאַסטן, צוגעוואָרפן קוילן אין אויוון און זיך געוואַרעמט. כתריאל האָט זיי דערציילט די מעשה מיט משה לידז,

ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די צוויי רובל און אַן עלטערער ייד, אַ חסיד, האָט זיך אָפּגערופן:

— אַ יידישע קישקע קאָן מען נישט שאַצן!

— וואָס מיינט איר — האָט זיך אַ צווייטער אַריינגעמישט — משה איז אַ יודע־ספר, זיין פאָטער, ר׳ שלמהלע ז״ל, איז דאָך געווען אַ פאַרברענטער חסיד פון די אַלטע קאָצקער און ער אַליין, כאָטש נישט קיין גרויסער צדיק, וועט פונדעסטוועגן פאַר אַ ייד גיין אין פייער...

דוד האָט דערהערט זיין פאָטערס נאָמען, האָט ער זיך אַ ביי־געריקער אונטערגערוקט, ער איז געזעסן אָן אַ זייט און זיך איינגעהערט.

— שיינע יידן געווען די קאָצקער — האָט זיך איינער אָפּגערופן — מוח־מענטשן, אַז ווי זעט מען עס היינט?!

— און ר׳ מענדעלי אַליין, דערציילט מען — האָט זיך אַן על־טערער חסיד נעבנטער צוגערוקט צום פאַנאַנדערגעברענטן אויוון, אַריינ־געמאַכט די הענט צווישן די פיס — פלעגט שבת בין השמשות אַרומגיין אַ קליינער, אַ גרויער, מיט לאַנגע ברעמען איבער די אויגן, די גראָבע פינגער אין גאַרטל און מאַכן אַזעלכע געוואַלדן, אַז די חסידים איז אַן אימה באַפאַלן! און וואָס, מיינט איר, האָט ער געשריען? „כ׳האָב תמיד געהאָפט צו האָבן אַ מנין חסידים, אַ מנין, אַרומגיין מיט זיי אין די וועלדער, אין די וועלדער! אַז היינט האָב איך אָקסן! כ׳האָב געהאָפט צו ווערן אַ מענטשן־דאָקטאָר און איר, בהמות, האָט מיך געמאַכט פאַר אַ קאָנאָוואַל...“

דוד איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער, זיך איינגעהערט מיט לייב און לעבן צו יעדן וואָרט זייערס, געזען ווי די וואָכעדיקייט איז פון זיי אַוועק, זיצן מיט צעשטראַלטע פנימער און נישט געגלייבט, אַז דיזעלבע יידן זיינען אַ מינוט צוריק גרייט געווען קריכן איינער דעם צווייטן אין גרגרת. ער האָט זיי ליב באַקומען.

דער צוג האָט זיך געשלעפּט נאָך פּאַמעלעכער, אָנגעיאָגט אַ דרימל. די חסידים האָבן זיך גערוקט אַלץ נעבנטער צום אויוון, זיך געטוליעט, פאַרקוועטשט די אויגן און זיך איינגעהערט, וואָס דער עלטסטער צווישן זיי האָט דערציילט. דאָס געפּודערטע מיידל האָט זיך שטיל אַריינגעגנבעט, פאַרבייגעגאַנגען דעם אויוון מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט אַ קרעכץ זיך אַראָפּגעלאָזט ערגעץ אויף אַ באַנק.

אַ פּרינצעסן

(1913)

סאַלקע, שמעון „פויערס“ יונגסטע שנור, איז געזעסן אין פענסטער, געקוקט אויף די אומענדלעכע לאָנקעס, וואָס האָבן שלעפעריק גערוישט, זיך אָפּגעיאָגט פון די פאַרעקשנטע פליגן און נישט געגלויבט, אַז ס'וועט אַמאָל אָוונט ווערן. די הינער, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין זאַמד, אויפן הויף, האָבן גענומען לויפן מיט אַ קוואָקעריי, אויפגעטרייסלט די שטילקייט — שמעון „פויער“ איז אָנגעפאָרן אויף זיין רייט-וועגעלע, געשפּאַנט אין אַ צוגאָווע פערד. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין גרויען שטויב-מאַנטל, דאָס היטל מיטן לעדערנעם דאַשעק און זיך גענומען איינוואַשן ביי דער ברונע, וואָס אין מיטן הויף.

סאַלקע איז כמעט יעדן נאָכמיטאָג געבליבן איינע אַליין אין הויז.

דאָס גרויסע הויז מיט די צוויי פליגל איז געשטאַנען ביים טראַקט, ווו לאָנקעס האָבן זיך געצויגן פון ביידע זייטן זשאָלדעווקע. שמעונס דריי זין זיינען געווען אויף די לאָנקעס, אַכטונג געטאָן די פויערים זאָלן שניידן דאָס גראָז, געהאָלפן עס אַראָפּנעמען פון די זומפּן. דער פאָטער, אַ צעוואַקסענער ייד מיט פליישיקע ליפּן, איז אַרומגעפאָרן אין די שכנישע שטעטלעך, ווו מיליטער איז געשטאַנען, געשלאָסן קאָנטראַקטן צוצושטעלן ווינטער אין די פולקן היי און געוווּסט די סודות פון יעדן אָפיצער. די צוויי שנורן, האָרעפּאַשנע ווייבער, האָבן געאַרבייט איניינעם מיט די דינסטן פון באַגינען ביז זון-אונטערגאַנג. זיי האָבן געמאָלקן די קי, אויסגעשלאָגן פוטער, געמאַכט קעז, און יעדן טאָג האָט אַן אַנדערע געפירט ס'מילכיקס אין שטאָט אַריין. זיי זיינען געווען אָנגעשטויסן אויף סאַלקען, דער וואַרשעווער „פרינצעסן“, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, פוצט זיך פאַר די פיר ווענט און נישט מיד געוואָרן צו דערציילן פאַר יעדן איינעם, ווי סאַלקע האָט

אַמאָל אויסגעמאָלקן אַ קו אין אַ פּאָר קאָלירטע הענטשקעס און אָנגע־מאָלקן אַ טעפּל מיט בלויע מילך. זיי האָט אויך פאַרדראָסן, וואָס דער שווער האַלט מיט איר און ברענגט איר מתנות.

סאַלקען האָט זיך זייער געוואָלט ווערן אַ גוט־באַזיצערן, געחלומט, אַז זי וועט יעדן נאָכמיטאָג אויסרייטן, אַז נישט וועט זי זיך הייסן איינשפּאַנען אַ בריטשקע און וועט אַליין אָנטרייבן. צייט אָבער זי איז אָנגעקומען אין הויף אַריין, האָט זי זיך כמעט איינע אַליין אַרומ־געדרייט אין די ליידיקע צימערן. דער מאַן איז גאַנצע טעג געזעסן אויף די לאָנקעס, די שוועגערנס זיינען קיינמאָל מיטן טאָג נישט אויסגעקומען און ווען נישט דער שווער, וואָס איז געווען לעבעדיקער פון די זין, וואָלט זי פון זינען געקומען אין דעם גרויסן ליידיקן הויז. זי איז געזעסן ביים פענסטער אין אירע זיידענע קליידער, צום צענטן מאָל אָנגעהויבן לייענען „דאָס גאָלדענע הענטל", אַ פּוילישן ראָמאַן, וואָס זי האָט זיך מיטגעבראַכט פון וואַרשע, געלייענט אָן אויפהער און געחלומט, אַז פון טראַקט וועט אָנפאָרן אַ יונגער שררה, צי אַן אָפיצער, זען ווי זי איז פאַרשפּאַרט אין דעם ליידיקן הויז, דרייט זיך ווי אַ שאָטן פון איין צימער אין צווייטן, בענקט, גייט אויס פון בענקעניש... און פון די לאָנקעס איז קיינער נישט אָנגעקו־מען, אפילו קיין גזלן נישט, וואָס זאָל זי איבערגעוואַלט אַרויסנעמען און אַוועקפירן.

פון טאָג צו טאָג האָט סאַלקע זיך דערווייטערט פון די שווע־גערנס. זיי האָבן זיך געבלאָזן, געטענהט, אַז זיי זיינען נישט מחויב צו אַרבעטן פאַר דער „פרינצעסן". למאַי זי האָט איידעלע הענט? לאָז מען איר געבן אָנצושאָבן אַ שאַף מיט קאַרטאָפל, אויסצומעלקן אַ צוועלף קי, וועט מען דעמאָלט זען וואָס פון אירע ווייסע הענט וועט ווערן!

סאַלקע האָט דעם גאַנצן כעס אויסגעלאָזט צום מאַן, געסטראַ־שעט, אַז זי וועט אַנטלויפן פון דער תפיסה, האָט ער יעדן טאָג צו אָוונט־ברויט געמאַכט חתונות, געשריען, אַז ער וועט נישט ערלויבן מען זאָל באַליידיקן זיין ווייב, נישט אַלע זיינען באַשאַפן געוואָרן צו זיין דינסטן און מעלקן קי. די שוועגערנס האָבן נישט פאַרשוויגן און איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג דאָסזעלבע.

— געהערט — האָט זיך איין שווערען אָנגערופן צו דער צוויי־טער — מיר זיינען דינסטן... זיינע איז אַ „פּרינצעסן“.

— טאָ לאָז ער זי אַריינשטעלן אין אַ שויבן־שענקל!

— דו וועסט אין אַ שויבן־שענקל נישט אַריין! — האָט זיך סאַלקעס מאַן געקאָכט.

— כ׳בין נישט קיין פאָרצעלאַיענע „פּאַנפּאָראָנקע“...

— נו, געווג, — האָט זיך דער פאָטער יעדעס מאָל אַריינגע־מישט — שמעונס שנורען דאַרפן נישט אַרבעטן, קאָנען זיך לעבן ווי אָפּיצערקעס! ס׳פרעגט זיך נאָר וואָס וועט איר טאָן אַ גאַנצן טאָג? סאַלקע לייענט ביכער, איר, אָבער, וועט דאָך משוגע ווערן!

נאָך אַזאַ שמועס איז זיך דער עולם שטענדיק צעגאַנגען אַן אָנגעברוגזטער.

איצט, ווען שמעון האָט זיך איינגעוואַשן אין מיטן הויף און אַ פרישער זיך געלאָזט אין שטוב אַריין, איז סאַלקע אים אַנטקעגן געגאַנגען

— הייס, שווער!

— אַ חמימה!

— העי, סאַלקע, האָסט עפּעס אַ ביס?

— וואָס וועט דער שווער עסן?

— האָסט אַ קאַלט ביסל שמאַנט?

— ס׳איז דאָ.

— איז גוט, טאָכטער! גיב מיר שמאַנט און ברויט מיט פּוטער;

— איר וועט אָבער מוזן מיט מיר גיין אין קעלער אַריין...

— אַליין וועסטו נישט טרעפן? — האָט דער אַלטער געשמייכלט.

— ס׳איז פינסטער...

— ע, סאַלקע, זיי זיינען דאָך גערעכט — האָט דער שווער זי אָנגענומען פאַר דער ווייכער גאָמבע און איר געלאַכט אין די אויגן אַריין.

— אַז כ׳בין אַ פּרינצעסן!

— אַבי דו ווייסט! נו, גוט, טאָכטער אָט האָב איך אַ ליכט, קום, וועל איך דיר העלפן!

שמעון האָט געעפנט אַ שווערע, דעמבאָווע טיר, און זיי זיינען אַריין אין פינסטערן קעלער. אַ קאַלטע פייכטע פּאַרע האָט אַ שלאָג געטאָן אין די פּנימער אַריין, אַז זיי האָבן פון פאַרגעניגן אַזש די מיילער געעפנט.

סאַלקע איז געוואָרן שטיפעריש, געוואָרפן מיט דער צונג ווי אַ פאַרשייט יינגל מיט אַ הייסער קאַרטאָפל, און איידער שמעון האָט זיך אומגעקוקט, ווו דער שמאַנט שטייט, האָט זי אַ בלאָז געטאָן, אויסגעלאָשן ס׳ליכט, און אין קעלער איז נאָך פינסטערער געוואָרן.

דער אַלטער האָט געשמייכלט, אַרויסגענומען אַ שוועבעלע און עס אָנגעצונדן. סאַלקע האָט ווידער אויסגעלאָשן. דער אַלטער האָט אַרויסגענומען נאָך אַ שוועבעלע, געזען ווי די שנור שנירלט איין אַ שנעבעלע, וויל ווידער אויסלעשן, האָט ער אַ שטעק אויס געטאָן אַ האַנט, זי געוואָלט כאַפּן. סאַלקע איז אָפּגעשפּרונגען.

— ע, טאָכטערשי — האָט שמעון געוויגט מיט אַ פינגער הין און צוריק, — ווּעסט מאַכן שפּאַס פון אַ שווער ? דאָס גייט נישט !

ער האָט זיך גענומען יאָגן נאָך דער שנור. זי איז געשפּרונגען איבער ערדענע שיסלען מיט זויערמילך, איבער טעפּלעך שמאַנט. דער אַלטער איז איר פאַרלאָפן דעם וועג, געסאָפּעט, און אַז ער האָט זי געכאַפּט, זיינען די אויגן ביי אים געקראָכן פון קאָפּ, דער קאַרק איז געוואָרן שטייף און ס׳האָט אים גענומען איבער אַ רגע ביז ער האָט געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט.

— אַזאַ בחורטע ביסטו, שנור מיינע ? ווּעסט דאָס לאַכן פון אַן אַלטן שווער, האַ, זאָג ?

די הענט האָט ער איר פאַרנומען אויף הינטן, געבויגן איר צאַפּלדיקן קערפּער אין דער העלפט, אויפגעזוכט אין דער פינסטער איר בליק, אַ פייכטן, אַ מילדן, וואָס גיט זיך אונטער אָן תרעומות, איר עטלעכע מאָל אַ קוש געטאָן אין די צעפּאַטלטע האָר און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן :

— לאַכן פון אַ שווער ? האַ, שטיפערקע? פּרינצעסן, וואָס שווייגסטו ? ווּעסט לאַכן ? זאָג, אַז נישט לאָז איך דיך נישט אָפּ !

— כ׳וועל נישט... כ׳וועל נישט...—האָט זיך סאַלקע געפּיעשטשעט.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט. אַ צופרידענער גענומען די שיסל מיט שמאַנט, און אַז זיי זיינען אַרויס פון קעלער, האָט דער אַלטער זיך געשעמט צו קוקן איר אין די אויגן, אויסגעמיטן איר בליק און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— וועסט נאָך לאַכן פון אַ שווער? וועסט נאָך לאַכן? אַזאַ שטיפּערקע!

אין וואַלד

(1914)

אין עק ליפּאָווצער וואַלד, אויף אַ בערגל, ווו דאָס דאָרף זאַוואַד האָט זיך אָנגעהויבן, איז געשטאַנען אַ שוואַרצע קרומלעכע געביידע, געמאַכט פון פיר־עקיקע קלעצער. די קלעצער זיינען געווען צעשפּאָלטן פון אַלטקייט און פאַרשמירט מיט ליים און בהמה־מיסט.

חיים שמיד, אַ שווערער, אויסגעאַרבעטער ייד מיט גרויסע ביינערנע קנאָכן, מיט רויטע פון פייער אויגן, מיט אַ צעאַקערט פּנים, באַדעקט מיט סאַזשע, איז געשטאַנען אין דער קוזשניע אין אַן אַלטן פאַרשימלטן קאַפּל מיט אַ לעדערנעם פאַרטוך. ער האָט געהאַלטן מיט אַ לאַנגע צוואַנג אַ צעגליטע שטאַבע און מיט הנאה געקוקט ווי זיין זון שלמה, אַ נידעריקער, ברייטביייניקער יינג אין אַ שוואַרץ העמדל אָן אַרבל, האָט אויסגעהאַקט לעכער אין דעם אייזן.

אין דרויסן האָט חיימס עלטסטער זון, לייזער, אַ באוויבטער יונגערמאַן מיט עטלעכע צעוואָרפענע האָר אויף דער גאָמבע, געשמידט אַ גניאַדן זשרעבאַק פאַדקאָוועס. לייזער האָט געהאַלטן דעם זשרעבאַקס פוס צווישן זיינע און געשיילט מיט אַ דלאָטע די קאָפּעטע. דער פויער האָט צוגעהאַלטן דעם זשרעבאַק פאַר דער מאָרדע, אים געגלעט, גע־געבן ווייסע מייערן, און דער זשרעבאַק האָט זיך געוואָרפן ווי אין קדחת. יעדע ווײַלע האָט ער אַ שטעל אויף געטאָן די אויערן, אַ ריס געטאָן דעם הינטערשטן פוס און זיך צעהירזשעט, עפּענענדיק ברייטער זיינע רויטע נאָז־לעכער.

חיימס מוזשיניק, לייבקע, אַ שוואַרץ אָפּגעריסן יינגל פון אַ יאָר דרייצן מיט אַ פאַרריסן פּויליש נעזל, איז געשטאַנען אין אַ זייט מיט עטלעכע שקצים און זיי געוויזן אַ „שיסער". דער שיסער איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן שליסל. ביים שליסל האָט געהאָנגען אַ לאַנג שטריקל

און ביים עק פון שטריקל — אַ גרויסער טשוואָק מיט אַ פּלאַטשיקן שפּיץ.

— העי, חברה, — האָט לייבל זיך געווענדעט צו די שקצים, קראַצנדיק בשעת מעשה דאָס רעכטע באָרוועסע פיסל מיטן לינקן — ווער וויל קויפן אָט דעם שיסער? נישט מער ווי פינף קאָפּיקעס, קוקט, דאָס איז איינמאָל אַ כּלי! מיט איין שאָס הרגעט מען אַ ווראָנע!

די שקצים האָבן דעם „שיסער" באַטראַכט, באַטאַפּט, נאָר קיינער האָט זיך נישט געאײַלט צו קויפן.

— נו, דו, וואָלאַדעק, — האָט זיך לייבל געווענדעט צום אָרגאַ־ניסטערס שייגעץ — דו האָסט דאָך אַ רייכן טאַטע, פאַר וואָס קויפסטו נישט?

— באַ — האָט וואָלאַדעק געענטפערט און זיך גענומען שיבערן זיין פלאַקסן קעפל — אפשר שיסט ער גאָר נישט. לאָמיך פריער זען ווי ער שיסט;

— גלויבסט נישט — האָט לייבל געענטפערט — אָט וועל איך באַלד שיסן, און אויב דו האָסט נישט דאָס גאַנצע געלט — האָט לייבל ווייטער גערעדט — מאַכט אויך נישט אויס, כ'וועל דיר געטרויען. גיב שוין אַ קאָפּיקע און דאָס איבעריקע וועסטו מיר אויסצאָלן, גוט?

לייבל האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע אַ פּעקל „שוועבעלעך, וואָס צינדן זיך אַליין אָן, גענומען אָפּברעכן די קעפּלעך, זיי אָנגעשטופּט אין דעם לאָך פון דעם שליסל, פעסט אָנגעשטופּט און אַריינגעזעצט דעם טשוואָק אין דעם לאָך. ער האָט געהייסן אַלעמען אָוועקגיין אָן אַ זייט, אָנגענומען דאָס שטריקל מיט דער רעכטער האַנט און וואָס כּח נאָר אַ שליידער געטאָן דעם „שיסער" אַזוי קונציק אָן אַ שטיין, אַז דער טשוואָק האָט דורכגעלעכערט דעם שוועבל. אַ קנאַל ווי פון אַ פּיסטאָלעט האָט זיך דערהערט און אַ וואָלקן רויך איז געבליבן שטיין אין דער לופט.

דער זשרעבאַק האָט זיך אַ ריס געטאָן, אומוואָרפנדיק דעם שמיד מיטן פויער און אַוועק, שפּרינגענדיק איבער פּלעטער.

דער אַלטער חיים איז אַרויס מיט שלמהן. פויערים האָבן זיך גענומען טראָגן פון אַלע זייטן, געלאָפן נאָכן זשרעבאַק.

לייבקע האָט דערוויילּ אָפּגעצויגן און זיך באַהאַלטן הינטער אַ סטאָדאָלע. דער אַלטער חיים איז אַרומגעפלויגן איבערן הויף, געזוכט לייבלען און געדעדט צו זיך אַליין.

— ס׳אַ ממזר! כ׳וועל אים היינט די הויט אָפּשינדן, אַז דאָס האָט קיין עול נישט. וואַקסט מיט די שקצים אין דאָרף, ס׳וועט זיך נאָך שמדן! בלי נדר, נאָך שבת, פיר איך אים אין שטאָט אַריין, אַוועקגעבן צו משה שוסטער און דאָ־ט וועט ער וויסן וואָס קאָרן גילט!

ער האָט געשריען, גערופן:

— לייבל, לייבקע, קום נאָר אַהער!

לייבל האָט זיך אַרויסגערוקט פון הינטער דער סטאָדאָלע, זיך געריבן אָן דער וואַנט ווי אַ פעט חזירל און ברוגזדיק געזאָגט:

— כ׳וועל נישט גיין!... וועסט מיך שלאָגן — — אַז איך בין נישט שולדיק!

— ווער וועט דיך שלאָגן, ווער, דו הינטישער לעבער — האָט חיים געקריצט מיט די ציין און געהויבן די ברייטע הויזן, — קום שוין אַהער, הערסט?!

דערוויילּ האָט זיך שלמהקע אונטערגעגנבעט און צוגעטראָגן לייבקען צום פאָטער.

חיים האָט אָנגעכאַפּט דעם יינגל פאַר די האָר, אים געשלאָגן מיט זיינע ביינערנע קנאָכן, געטרעטן מיט די פיס און געזעוועט.

— באַנדיט, כ׳וועל דיך איינמאָל דערהרגענען, דערשטיקן וועל איך דיך, גנב איינער! דו זאָלסט מיר נישט גיין אין וואָלפס דרכים, הערסט? נישט פאַרשוואַרצן אויף דער עלטער מיין פנים! — און אויף ס׳ניי גענומען טרעטן דעם יינגל מיט די פיס.

לייבקע האָט קיין טרער געלאָזט, איז געלעגן אויף דער ערד איינגעקורטשעט ווי אַ טויט חיהלע און פאַרקוועטשט די אויגן. ער האָט בשעת מעשה געקלערט וועגן זיין ברודער וואָלף. ער האָט געוווּסט, אַז ביי וואָלפן, ווו די זעבערעס ענדיקן זיך, הייבט זיך אָן אַ ביינערנע רייף און אַז דער גרעבסטער שטעקן שפּאַלט זיך אָן איר אין צווייען. נישט איינמאָל האָט לייבקע געזען ווי וואָלף האָט זיך אויסגעצויגן ביי מעכלען אין שענק. ער האָט אַרויפגעשטעלט אַן אייזערנע קאָוואַדלע אויף זיין בלויז האַרץ און די שטאַרקסטע פויערים

פון דאָרף האָבן מיט גרויסע האַמערס געשמידט שטיקער אייזן. אַזאַ רייף, האָט ער געוווּסט, קריגט מען פון אַ סך קלעפּ, און ער איז זיכער געווען, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן וועט בײַ אים אויסוואַקסן אַזאַ רייף. דעמאָלט וועט דער „אַלטער" מער אים נישט שלאָגן.

חיה, דעם שמידס ווײַב, אַ הויכע דאַרע יידענע פון אַ יאָר עטלעכע פופציק מיט שוואַרצע וואָנסן, איז פּונקט אָנגעקומען פון דאָרף.

— מערדער, דו וועסט נאָך דעם ייִנגל דערהרגענען, געגנוג זאָל שוין זײַן, הערסט, דו אַלטער קרח!?

— אַ קלאָג אויף דיר מיט דײַן זון צוזאַמען — האָט חיים זיך געווענדעט צו זײַן ווײַב, האַלטנדיק בשעת מעשה דעם ייִנגל פאַר אַ האַנט — אַז דו ביסט נישט בעסער פאַר אים! זי נעמט זיך אָן, געהרגעט איר מוזשיניקל — — — אַ דערהרגעט זאָלסטו ווערן, באָטשאַן*) דו! ווען כ'וואָלט מיט דיר געשלאָגן כפּרות צומאָרגנס באַלד נאָך דער חתונה וואָלט איך געווען אַ געבענטשטער! ניין, — האָט חיים אויסגעשפּיגן מיט אַ קרעכץ — — כ'בין אַרײַנגעפאַלן! ס'איז פאַר מיר קיין שידוך נישט געווען!

פון וואַלד איז אָנגעקומען וואָלף, חיימס צווייטער זון, אַ שוואַרצער בחור ווי אַ ציגײַנער, פון אַ יאָר אַכט און צוואַנציק. ער האָט געטראָגן אַ קליין טוכן היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק, אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול מיט געפאַלדיוועטע כאָליעוועס. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנג צווייגל און עס ווילעריש געדרייט צווישן די פינגער.

זעענדיק ווי דער פאָטער האַלט לייבקען און קריגט זיך מיט דער מאַמען, האָט וואָלף אים איבערגעשלאָגן מיט אַ בייזער:

— נו, טאַטע, האָסט זיך שוין צעדרשנט, לאָז שוין נעמען אַ סוף, ס'גאַנצע דאָרף קומט זיך צונויף אויף אייער שוואַרץ וווּנדער! גיי, גיי בעסער אין דער קוזשניע!

דער אַלטער, דערזעענדיק וואָלפן, האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן, אָפּגעלאָזט לייבקען, אַ שפּײַ געטאָן, אויפהויבנדיק די הויזן און געשאָלטן אין דער וועלט אַרײַן:

— פאַרשרפעט זאָלן זיי ווערן! חיים שמיד וועט זיך אָנפרעגן בײַ ר' וואָלף גנב צי ער זאָל שלאָגן לייבקען! אַ נישט דערלעבן וועט ער עס! זיי וועלן זיך נאָך אַלע דערשפּילן!

לייבקע האָט זיך אַ האַסטיקן שטעל אויף געטאָן, זיך אָפּגעשאָקלט פון די קלעפּ, ווי אַ הינטל, וואָס שפּרינגט אַרויס פון וואַסער, זיך געטאַפּט פאַרן צעקלאַפּטן געזעס און געוואָלט מאַכן פּליטה.

— העי, לייבקע, קום נאָר — האָט וואָלף אים צוגערופן — וואָס, דער „הינטן" ברענט? האַ, האַ, — האָט זיך וואָלף צעלאַכט — כ'האָב מורא עס וועט דיר גאָר נישט זיין! נאַ, דאָ האָסטו אַ זעקסער און קום מיט מיר אין וואַלד אַריין. הער זיך איין, אויב יעקב „שרייבער" וועט זיין אין וואַלד וועסטו גלייך גיין צוריק און אויב נישט וועסטו צוגיין צו לאהן און איר זאָגן, אַז כ'וועל היינט אָוונט זיין ביי איר. נו, נישט געזוימט, שטעל אַ פּאָלקע!

טיף אין וואַלד ביים „באַראַק" האָט זיך וואָלף אָפּגעשטעלט.

— הער, לייבקע, כ'גיי צו ווו מען האַקט דעם דאָמב.

— און איך?

— דו וואַרט דאָ, הערסט? כ'וועל נאָר אַ קוק טאָן צי יעקב איז דאָרט נישטאָ. וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ! אויב כ'וועל נישט זיין צוריק אין אַ צען פופצן מינוט מעגסטו גיין אַהיים. נאָר הער זיך איין — דאָ האָט וואָלף צוגעלייגט דעם פינגער צו דער נאָז — האַלט מויל!

לייבקע וואָלט געגאַנגען פאַר וואָלפן אין פייער. זיך תמיד געחזרט וואָלפס ווערטער: אויב דו ווילסט ס'זאָל פון דיר זיין אַ לייט, לערן דיך אויס שווייגן! אַז מען וועט אפילו שניידן דאָס לייב אין פּאַסן — שווייג! לאָז קיין טרער נישט!

זיין קינדיש מוחל האָט פאַרשטאַנען וואָס קומט פאָר צווישן וואָלפן און לאהן, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט ווי עס אָנצורופן. און אַזוי ווי ער האָט ליב געהאַט אַלץ נאָכצומאַכן וואָלפן — האָט ער געטראַכט, אַז ווען ער וועט גרעסער ווערן, וועט ער זיך אויך אַזוי טרעפן מיט פייגלען — יעקבס מיידל.

לייבל האָט אַרויסגענומען דעם זעקסער פון מויל, אים אָפּגעווישט אָן זיינע הויזן און גענומען שפּילן מיט זיך אַליין „קאָפּשלאָק".

ער האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעצויגן אויפן מאָך, פאַרשמורעט די אויגן און געקוקט אין די ברענענדיקע זון אַריין. אַ מילכיקער רעגנבויגן האָט אים איינגעהילט אין גאַנצן, געוואַרעמט דאָס פנים. עס האָט זיך מיט אַמאָל דערהערט אַ קלאַפּ. לייבקע האָט זיך אויפגעכאַפּט. נישט ווייט פון אים איז אַרויס פון מאָך אַ „סקאָווראָנעק" און שנעל געגומען רעדלען אַרויף. אָט איז ער שוין זייער הויך, פּונקט אין דער מיט פון דער זון. און דער פויגל צעטרעלט און צעפּייפט זיך אַלץ העכער, גיט מיט אַמאָל אַ קנאַל, פּלאַצט, רייסט זיך איבער און שיט זיך פאַנאַנדער ווי אַ ווייטער דונער. לייבקע האָט פאַרקוועטשט נאָך שטאַרקער זיינע אויגן און דערפילט ווי אַ פּאָר פליגל וואַקסן אים אויס אונטער די אָרעמס, הייבן אים אויף און טראָגן אים טיף אין הימל אַריין. דאָס גאַנצע דאָרף שטייט און ווונדערט זיך — לייבקע פליט. און אַז דער טאַטע גייט שלאָגן, גיט ער אַ הייב אויף די הענט, אַ פּאַטש מיט די פליגל — און כאַפּ מיך! און אַז פייגעלע וועט וועלן וועט ער זי נעמען אויף די פליגלען און וועט איר ווייזן, ווי ביי פריוועסן אין שלאָס טאַנצן אַרום דייטשלעך און ער קען זיך מיט זיי.

ער האָט דאָך אַליין געזען מיט דעם אַלטן באַרטעק, דעם פּאַסטוך, ווי דער אַלטער ישראל פּריוועס זיצט אַ טויטער אין שלאָס, האַלט אַ שטיקל ברענענדיק קין, עפּנט קופּערס און ציילט גאָלדענע רענדלעך. די דייטשלעך האָבן צוגענומען זיין קליין ברודערל אויף און די מאַמע האַלט אין איין וויינען, אַז פישעלע איז געשטאָרבן. ער זעט אים יעדע נאַכט. די דייטשלעך פירן אים אין שלאָס אַריין און דאָרטן פון אונטער אַ גאָלדענע הייל שפּרינגען אַרויס פיל קינדער, פישעלע אויך צווישן זיי. ער האָט אים באַלד דערקענט, זיך געפרעגט וואָס די מאַמע מאַכט. נאָר ער שווייגט — וויל קיינעם נישט אויסזאָגן. אויף אַ גרויסן שטול האָט ער דאָרט געזען פייגעלעס מאַמע, די שיינע גיטל, ווי זי איז געזעסן מיט אַ גרויסע גאָלדענע קייט אַרום האַלז. ער וועט פייגלען דערציילן. וואָס הייסט? אז ער וויל איז ער מיט איין מאָך פון די פליגל אויפן שפּיץ פון אָט דעם בוים. און באַלד — נאָך אַ מאַך — און ער איז שוין אויפן צווייטן בוים און אַ צי אַזוי מיטן קערפּער — און ער פליט אַריבער גלייך צו מרדכי שרייבער...

פון שטאָט איז אָנגעקומען דער דאָרפס-סטראַזשניק, אַ פּופּציק

יעריקער קאַצאַפּ מיט אַ פּאָר קליינע קאַלמיצקע אויגן. ער איז געגאַנ־
גען שטייף, קלינגענדיק מיט זיין פּאַראַדסטעטע שווערד.

— העי, לייבא, וואָס וואַרפּסטו זיך אַזוי? האָסט ס'קדחת?

לייבקע איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען, דערזען דעם פּאָליציאַנט, האָט ער אַ שמייכל געטאָן, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער לענג, צוגעשטעלט צוויי פינגער צום אָפּגעריסענעם דאַשעק און ווי אַ זעל־
נער אים אָפּגעגעבן „משעסט".

— זדראַווי זשעלאַיעם, גאָספּאָדין באַבורין!

— און וואָס טוסטו דאָ אין וואַלד — האָט באַבורין געשמייכלט אַראָפּגענומען זיין שווער טיכן היטל און זיך געווישט דעם רויטן, פּאַר־
שוויצטן שטערן — היטסט וואָלפס קאָנטראַבאַנדע?

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט לייבקע געענטפערט, אַרויסגענומען בשעת מעשה דעם זעקל־ער — נאַ, זע, דאָס האָט מיר וואָלף געגעבן כ'זאָל אים היטן דאָרט אין גרוב עטלעכע בלוזן בראָנפן — —

— יאָ, יאָ, יאָ! ס'וואַקסט אַ „מאָשעניק"! — איז זיך דער קאַ־
צאַפּ פאַרגאַנגען אין אַ געלעכטער — הע, ווייז נאָר דעם זעקסער!

— ער איז אַ פאַלשער — האָט לייבקע געלאַכט — און אים גע־
געבן די מטבע.

דער קאַצאַפּ האָט אים געדרייט, באַקוקט, געקלאַפּט אין דער שווערד און אָננעמענדיק לייבקען פאַרן קאָלנער האָט ער שטרענג געזאָגט:

— וווּ האָסטו גענומען דעם זעקסער, דו, „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ".
זאָג? מען דאַרף אייך אַלע יידן אויסשיסן! אַלע! דער זעקסער איז אַ פאַלשער!

— וואָלף האָט אים מיר... — האָט לייבקע אָנגעהויבן און באַלד הרטה געקריגן.

— אַזוי, וואָלף האָט איהם דיר געגעבן, זאָג, דער קעשענע־אַר־
טיסט? קום שוין מיט מיר! כ'נעם דיך גלייך מיט דיין טאַטן, מיט דיין ברודער, דעם גנב, און איר אַלע גייט ביי מיר אַוועק נאָך סיביר! אין קייטן! נאָך סיביר!

לייבקע האָט זיך גענומען רייסן. דער קאַצאַפּ האָט אים גוט אָנ־

געריסן פאַר די אויערן, דערלאַנגט אים עטלעכע בענקלעך אין געזעס אַריין און גענומען אַוועקגיין.

לייבקע איז אַן אויפגעקאָכטער געוואָרן, זיך געטרייסלט אין גאַנצן, געוווסט, אַז דער קאַצאַפּ האָט אים צוגענומען דעם זעקסער, איז ער נישט אַ פאַלשער, האָט ער גענומען נאָכלויפן נאָך באַבורינען מיט אַ שטיין, געשריען ער זאָל אים אָפּגעבן. דער קאַצאַפּ האָט נישט געענטפערט. לייבקע האָט אים גלייך אין קאָפּ אַריין אַ שליידער געטאָן דעם שטיין און פאַרשוונדן צווישן די ביימער.

פויערים אין די בלויזע העמדער זיינען געשטאַנען מיט שאַרפע העק און אויסגעהאַקט קרייזן אַרום די אַראָפּגעלאָזטע דעמבעס. שיקסעס און עלטערע גויעס האָבן אַריינגעזעצט קליינעס אונטער דער קאָרע, די אָפּגעריסן און עס געלייגט אין קופּעס. טייל האָבן זיך געווישט זייערע נאַסע, צעפלאַמטע פנימער מיט די אויסגעשמירטע הענט און געלבלעכע פלעקן זיינען געבליבן דאָ און דאָרט.

— גאָט זאָל העלפן! — האָט יעקב, אַ ייד אין די זעכציקער, אויסגעשריען צוקומענדיק נענטער.

— אויף אימער און אייביק! — —

די פויערים, זעענדיק דעם „פּאַן פּיסאַרזש“, האָבן זיך גענומען פלייסיקער פאַר דער אַרבעט.

— נו, וואָס זאָגט איר, טאַטע, — האָט זיך יעקב געווענדעט צו אַן אַלטן פויער — וויפל קופּעס דאָמב וועלן מיר היי־יאָר האָבן?

— באַ כ׳וויס — האָט דער פויער זיך פאַרטראַכט, אַרויפגעצויגן השעת מעשה זיינע צייגענע הויזן — אַ טויזנט וועט זיין, אויב נישט מער!

יעקב האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן בוים. ער האָט זיך געוווּנדערט ווי דער אַלטער קאַצפּער, אַ גוי פון אַ יאָר עטלעכע אַכציק, שטייט נאָך אַ גאַנצן טאָג מיט דער האַק אין דער האַנט און שטייט נישט אָפּ פון די איבעריקע פויערים.

קאַצפּער איז נאָך ביי יעקבס פאָטער געווען „לעשניק“ אין וואַלד. דעמאָלט איז דער וואַלד געווען געדיכטער, ס׳איז אוממעגלעך געווען

יאם דורכצוגיין — אַזוי געדיכט זיינען די ביימער געווען. אַלטע דעמבעס זיינען פון אַלטקייט אַליין געפאַלן, געלעגן צענדליקער יאָרן צעפאַלן און פרישע דעמבעס זיינען אַרויסגעוואַקסן פון די צעפוילטע ביימער.

נישט איין מאָל אין אַ ווינטער פאַרנאַכט האָט זיך קאַצפּער פאַרקליבן אין אַ ווינקל און גענומען וואָיען ווי אַ וואָלף. באַלד האָבן זיך הונגעריקע וועלף גענומען אָפּרופן פון אַלע זייטן און פינקלדיקע, וועלפישע אויגן האָבן אַרויסגעבערנט פון וואַלד.

יעקב קוקט אויף קאַצפּערס צעקנייטשט, ווי אַ געבאַקענער ווינ־טער־עפּל, פּנים, אויף זיינע כמעט צוגעמאַכטע פון אַלטקייט אויגן און ווען נישט די הענט, וואָס האָבן זיך פּאַמעלעך באַוויגן, וואָלט מען גע־מיינט, אַז קאַצפּער שלאָפט שטייענדיקערהייט.

— עם דומה לחמור — האָט יעקב צו זיך געזאָגט.

ער האָט געקוקט אויף דער אַלטער פּיאַסעצקאַ מיט איר טאָכטער קאַשאַן—די אָרעמסטע פון דאָרף, האָבן איין „מאָרג“ לאַנד און אַ „לעפּיאַנקע“,

קאַשאַ איז געשטאַנען מיט עטוואָס צעשפּרייטע, באָרוועסע פיס, גיך געריסן די קאָרע און דערלאַנגט איר מוטער. קאַשאַ מיט אירע קליינע הענט האָט אויסגעזען ווי אַ קינד. יעקב האָט באַמערקט, אַז דאָס קלייד ביי קאַשאַן איז פיל קורצער פון פאָרנט ווי פון הינטן:

— דאָס טראָגט זי שוין ווידער — האָט ער געטראַכט.

פאַראַיאָרן האָט קאַשאַ געהאַט אַ קינד מיטן אָרגאַניסטער. ער האָט זיך געקליבן חתונה האָבן מיט איר, דערווייל איז ער פאַר־שוווּנדן און זי טראָגט שוין ווידער.

אַ פּויער האָט באַמערקט ווי יעקב קוקט אויף קאַשאַן און שמייכלט, איז ער עטוואָס אויפגערוימטער געוואָרן און געזאָגט:

— קאַשאַ, גאָט איז מיט דיר, האָסט זיך געמוזט איבערעסן, זע נאָר ס'אַראַ בויך האָסט געקריגן?

קאַשאַ איז רויט געוואָרן און גאָרנישט געענטפערט.

— דו וואָלסט שוין גאָר געוואָלט דיין ווייב זאָל זיך איבער־עסן — האָט קאַשאַס מוטער בייז געזאָגט — קוק אים נאָר אָן, דעם כוואַט, דאַכט זיך אַ „כלאָפּ“ ווי אַ דאָמב און דאָס קאָן אַ קאַץ אַ

ווײדל נישט צובינדן, אַזאַ צעקראָכענער! נישט בחנם שלעפּט זיך דיין ווייב אַרום מיט אַנדערע!

— אָט אַזוי, אָט אַזוי גיב אים! — האָבן זיך עטלעכע שיקסעס אָנגערופן — לאָז זיך נישט, פּיאַסעצקאַ!

— דו, אַלטע „סוקע“, ביסט דאָך ערגער פון דיין טאָכטער — האָט דער פּויער אַן אויפגעקאָכטער געזאָגט — ווער געדענקט דיך נישט ווען דו האָסט זיך אַרומגעשלעפּט מיטן יונגן „פּאַן“ און יעדעס יאָר געהאַט אין דער סטאָדאָלע אַ ממזר!

— דו חזיריש אויער, דו! דיין פראַנקע האָט נישט געהאַט אַ ממזר מיטן „סאָלטיס“ און דו אַליין ביסט אויך אַ „שובער“. נישט בחנם איז דיין מאַמע געווען בעל־הביתטע ביים גלח צוועלף יאָר! און מיך אַליין האָט נישט דער אַלטער וויקאַר אַרומגענומען ווען כ'האָב זיך פאַר אים מתודה געווען? נאָר איך בין נישט קיין נאַר! כ'האָב פאַרן קוש געקראָגן פינף רובל און אַלע זינד בחנם פאַרגעבן!

— וואָס אמת, איז אמת! — האָבן אַלע געלאַכט.

— אַ ביסל אַ יחוס — האָט יעקב געשמייכלט אין זיך, מער נישט איינגעהערט, וואָס די פּויערים האָבן גערעדט.

אַ גרויסער זשוק איז געשטאַנען אויף אַ יאַגדע־ביימל, אַן אָנגעכמורעטער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן שנוק. אַ צווייטער האָט זיך אַרומגערעדלט מיט אַ זשומעריי. ער האָט דורכגעשניטן פאַרשידענע קרייזן, יעדע ווילע צו צום זשוק אויפן ביימל, אים געגלעט מיט די פליגלעך, געלעקט מיטן שנוק און איז באַלד ווידער פאַרשוווּנדן, זשומענדיק אַלץ העכער. מיט אַמאָל האָט זיך דער זשוק אָוועקגעשטעלט אויפן ביימל, עפּעס אויסגעשפּונען מיט די הינטערשטע פיסלעך, געהויבן די פליגלען. די זשוקעס זיינען פאַמעלעך צו איינער צום צווייטן, איינגעפלאָכטן זיך מיט די פיסלעך, געקלאַפּט מיט די פליגל און צוזאַמען אַוועקגעפלויגן.

יעקב האָט זיך פאַרטראַכט און גענומען שפּאַצירן איבערן וואַלד.

צייט מען האָט אים איבערגעגעבן, אַז „וואָלף ר' חיימס“ איז ביי אים אַן אָפּטער בן־בית, איז דער אַלטער יעקב אַרומגעגאַנגען ווי אָן אַ קאָפּ. און פּטור צו ווערן פון וואָלפן, ווי ער האָט געמיינט אין אַנ־

הריב, איז נישט געווען אַזאַ לייכטע זאַך. דען גאָט זאָל שומר ומציל זיין– אַזאַ יינג קאָן לייכט אונטערציינדן, שטעכן און וואָס קאָן ער נישט?

מיט אַן אמת, האָט זיך דעם אַלטן עפּעס נישט געגלויבט, אַז צווישן וואָלפן און לאהן זאָל זיין עפּעס ערנסט. נו, טאַקע? וואָס פאַראַ יידישע טאָכטער וועט דאָס האָבן צו טאָן מיט אַ גנב? על אחת כמה וכמה וועט דאָך אַן אשת-איש אודאי נישט האָבן צו טאָן! אלא מאי? וואָס דען? האָט דער אַלטער יעקב טאַקע נישט געפונען קיין תירוץ און געפּילט, אַז ער איז מיאוס אַריינגעפאַלן, אַז ס'רוקט זיך אויף אים אָן אַ פינסטערע עלטער –– און ווער ווייס? טאָמער שטראָפט אים גאָט. ער האָט דאָך צוגעזאָגט גיטעלען, זכרונה לברכה, דער ערשטער ווייב, אַז ער וועט נישט נעמען קיין בתולה –– נאָר גיי זיי אַ בריה! געוויס איז עס פאַר אים נישט געווען קיין שדוך, דער שווער, שלמה פאַכטער, איז נישט זיין שטאַנד –– נאָר גאָרנישט! פאַרפאַלן!

אַזוי האָט זיך יעקב אַרומגעשלעפּט איבערן וואַלד ביז פאַר-נאַכט. נישט ווייט פון „באַראַק“ האָט ער דערזען קאַשאַן.

– וואָס טוסטו דאָ? – האָט זי יעקב געפרעגט.

– די מאַמע האָט מיך געהייסן וואַרטן אויף אַ קוויטל – האָט זי געענטפערט און נישט אויפגעהויבן די אויגן.

יעקב האָט רחמנות געקראָגן אויפן שיקסל, ווי זי איז געזעסן אַן איינגעקורטשעטע, מיט פאַרלייגטע הענט – האָט ער איר אויסגע-שריבן אַ קוויטל, געגעבן אַ קופּערנעם צענער אַ מתנה און זי גע-הייסן גיין אַהיים.

דאָס שיקסל איז צוגעפאַלן צו יעקבן און אים גענומען קושן די האַנט.

– ניטע, קאַשאַ, מען דאַרף נישט – האָט יעקב געשטאַמלט – כ'בין דאָך נישט קיין „קשאָנדז“ – און ער האָט צוגעכאַפּט די האַנט.

יעקב האָט זיך מיט אַמאָל גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן, געקוקט אויף קאַשאַן און עס האָט אים עפּעס אַ ברי געטאָן אין אַלע גלידער. ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום שיקסל, \גלייך זיך פאַר-לוירן, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועקגעגאַנגען.

אַז יעקב איז צוגעקומען צו זיין הויז און דערזען ווי וואָלף שפּרינגט דורך זיין פּאַרקאַן, איז ער אויף אַ רגע צעמישט געוואָרן, זיך באַלד געטאַמעוועט און אַ געשריי געטאָן:

— הע, וואָלף!

וואָלף האָט דערזען יעקבן, אינסטינקטיוו אַרונטערגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן און צוגעגאַנגען, אויספּייפנדיק עפּעס דורך די פאַרמאַכטע ציין.

— וואָס שפּרינגסטו עפּעס איבער די פּלעטער ווי אַ קאָץ — האָט דער אַלטער געשמייכלט — כ׳וויס, פּאַר מענטשן איז דאַכט זיך געמאַכט אַ טויער?

— איר ווייסט דאָך, ר׳ יעקב — האָט וואָלף גוטמוטיק געענטפערט — כ׳האָב שוין אַזאַ טבע! די פּרנסה אונזערע ברענגט עס מיט — און ער האָט זיך צעלאַכט.

— און דו לעבסט נאָך אַלץ, האַ? — האָט דער אַלטער אים אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פּלייצע.

— וואָס פרעגט איר, ר׳ יעקב! כ׳הויב איצט אָן צו לעבן!

— אַזוי, האַ, האַ, האַ! — האָט זיך דער אַלטער כּלומרשט צעלאַכט.

יעקב איז קיין נאַר נישט געווען, האָט ער דערווייל פאַרצויגן דעם שמועס און בשעת מעשה געפּלאַנט ווי ר׳נאָך אונטערצורוקן וואָלפן אַ פּיסל. ער האָט געפילט, אַז איצט האָט ער די בעסטע געלעגנהייט.

— און ווי גייט עס מיט פּרנסה?

— שוואך, ר׳ יעקב.

— הער, וואָלף, ווילסט מאַכן אַ פּאָר רובל?

— כ׳וויל שוין גאָר!

יעקב האָט אָנגענומען וואָלפן פאַר אַ האַנט, מיט אים אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט און זיך אָפּגעשטעלט.

— הער זיך איין, ס׳וואָלט געווען אַ מצוה ביי מיגאָצקען אַרויסצונעמען דעם „שימל״ — דאָס איז אַ „הונטצוואָט״ אַ גוי, ער קאָן נישט קוקן אין די דלדל אמות ווו אַ ייד שטייט! ברויכסט מער? דעם שימל רופט ער „ראבין״. איך אַליין וואָלט ביי דיר צוגענומען דאָס פערדל. כ׳וואָלט דיר געגעבן אַ פינף און צוואַנציקער אַבי דעם ערל אָנלערנען. און וואָס מיינסטו, ס׳איז אַ שווער שטיקל אַרבעט? —

אָסור ! קאָנסט גלײַך דעם סוס אַרונטערפירן פון דער לאָנקע. ס׳וועט אָסור אַ הונט אַ ביל טאָן ! נו, וואָס שווײַגסטו ?

— ס׳גײט ! — האָט וואָלף געענטפערט — גיט אַהער אַ פּינפערל האַנטגעלט.

— געמאַכט ?

פּאַרנאַכט האָט חיים פּאַרמאַכט די „קוזשניע“ און געגאַנגען מיט די בנים אַהײם. לײבקע האָט זיך אויך געפּלאָנטערט צווישן זײ. אַפּנים דעם טאַטנס קלעפּ האָבן אים ווײניק געאַרט. ער האָט געוווּסט, אַז אַזוי דאַרף זײַן, אַז אַ טאַטע האָט געזונטע, אײַזערנע הענט צום שלאָגן און אַז ער וועט גרויס ווערן וועט ער אויך האָבן שטאַרקע הענט און וועט אויך שלאָגן. דערפאַר טאַקע האָט ער מער דרך ארץ געהאַט פאַרן טאַטן ווי פאַר דער מאַמען, כאָטש די מאַמע האָט אים אַלץ נאָכגעגעבן. און מיט אַן אמת האָט חיים לײבקען אויך ליב גע-האַט, וואָס ער מאַכט זיך פון די קלעפּ קײן וועזן. אַרײַנגעכאַפּט, קײן פּיפּס געטאָן און פאַרטיק ! — אַזוי דאַרף עס זײַן — האָט זיך חיים געטראַכט. גײענדיק פון דער „קוזשניע“ אַהײם, האָט חיים עטלעכע מאָל אַ קניפּ געטאָן לײבקען אין דער באַק אַרײַן און עפּעס אונטער-געברומט. אַלע זײַנען געווען הונגעריק, נישט גערעדט צווישן זיך און געטראַכט ווי מען וועט דאָס „אַרײַנכמאַליען“ די געזאָטענע קאַרטאָפל מיט פּוטער-מילך.

חיה, דערזעענדיק די חברה פון דערווײַטנס, איז גאָר לעבעדי-קער געוואָרן. גיך אַרײַנגעקאַטשעט אין מיטן שטוב אַ פאַס פון הערינג, אַראָפּגענומען דאָס ברעט פון דער שלאָף-באַנק, אַרויפגעלײגט אויף דער פאַס, אַוועקגעשטעלט אַן ערדן שעפל מיט צווײ אויערן מיט פּאַריקע, מעליקע קאַרטאָפל, צווײ קרוגן פּוטער-מילך, אַן אײגן גע-באַקענעם לאַבן ברויט און אַ שיסל פּוטער.

חיים איז אַרײַן מיט די בנים, באַקוקט וואָס עס שטײט אויפן טיש און אַ געשרײ געטאָן :

— נו, חברה, נעמט אײַך צו מנחה, גיכער !

אַליין האָט ער אָנגעריבן אָן דער נאַסער, קופּערנער שפּאַ זיינע הענט, זיך אַרומגעגאַרטלט מיט אַ קאָלירט נאָז־טיכל אָנשטאָט אַ גאַרטל און אויסגעשריען:

— אוי, אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה! — —

די חברה האָבן זיך צעשאָטן איבער דער שטוב און עפּעס גע־מאָלן מיט די מיילער.

— אוי, אָשימה אספרנה! — לייבקע, האָסט אַהיים געטריבן די קו?

— יי־אָ־אָ! — האָט לייבקע געענטפערט, וואַרפנדיק אַ הייסע קאַרטאָפל פון איין באַק אויף דער צווייטער.

נאָך מנחה האָבן זיך אַלע צעזעצט אַרום טיש, גענומען די בלעכערנע לעפל אין די הענט אַריין און מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעטאָן אין עסן.

אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער ייד מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. דער ייד האָט אָנגעקלאַפּט מיטן שטעקן אָן דער שוועל.

— ברוכים היושבים, מיט אַ גוטן אַפּעטיט! איר האָט דאָך געוויס פּאַר אַן אָרעמען יידן אַ לעפל געקעכץ?

— געוויס האָבן מיר — האָט חיה אַ צופרידענע געענטפערט — נעמט נאָר אַראָפּ, פּעטער, דעם פּאַק און זעצט אייך צום טיש.

דער ייד האָט געטראָגן אַ צייגן כאַלאַט, אַ פּאָר שטיוול, ווייסע פון בלאָטע, מיט שווערע כאַליעוועס. די פּאָלעס זיינען געווען אַריינגעמאַכט אין דעם שטריק, מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגע־גאַרטלט. ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגענומען דעם פּאַק, זיך געוואַשן און הויך המוציא געמאַכט.

— פון וואַנען קומט אַ ייד? — האָט חיים אים שלום געגעבן.

— פון וואַנען איך קום? — האָט דער אורח געצויגן די ווער־טער און געשניטן דאָס ברויט אין קליינע רייפלעך — הם, פּעטער לעבן, פון דער גאַנצער וועלט! היינט בין איך דאָ, מאָרגן — דאָרט, און אַזוי שטופּט מען דורך דאָס ביסל יאָרן, אַבי ווייטער!

דער עולם האָט זיך באַלד אַרומגעזעצט אַרום דעם אורח ווי אַרום אַן אבן־טוב, אָנגעשטעלט די אויערן און זיך איינגעהערט צו יעדן וואָרט זיינס. דען וואָס איז אַ חידוש? ס׳זיינען דורך חדשים און אַ לעבעדיקן מענטשן אויסער די דאָרפישע האָט מען אויפן ישוב נישט

געזען, האָט טאַקע דער ישוב דערעסן און ס׳האָט זיך געוואָלט דורכ־שמועסן מיט אַ יידן, הערן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. און ווי דער עולם איז אַזוי געזעסן און זיך געשמאַק איינגעהערט ווי ס׳לעבט זיך יידן אין טיף "ראַשעיע", האָט זיך די טיר געעפנט און באַבורין סטראַזשניק, דער „סאָלטיס" און נאָך זיי אַן עולם פויערים זיינען אַריין אין שטוב.

חיים האָט זיך צומאָל פון אָרט נישט גערירט. ער איז שוין געווינט געווען צו די צרות, געוווסט, אַז דאָס זוכט מען זיין גן־עדן־פירער, וואָלפן.

די פויערים האָבן געשריען, געוואַלדעוועט, געסטראַשעט זיי וועלן אונטערצינדן, אויסגעזוכט די שטוב, דעם בוידעם — וואָלף איז נישט געווען. דער אַלטער חיים האָט זיך מיט אַמאָל אַ שטעל געטאָן, אַריין צווישן די פויערים און גענומען רעדן:

— פאַנאָוויע, איר קענט אַלע חיים שמיד, אמת? און נישט פון היינט! איך בין אין זאַוואַד געבוירן געוואָרן און אַז מען האָט אייך „געוולאַשטשעט"*) האָב איך זיך פון מיין חלק אָפגעזאָגט, אַוועקגע־געבן אייך מיין „וואליקע" לאַנד. וואָס שווייגט איר?

— אמת, אמת, — האָבן די פויערים אויסגעשריען.

— און איצט, ווער האָט אייך די וועגן, די בריטשקעס געמאַכט? ווער שמידט אייך די פערד? אַלץ חיים שמיד, אמת? האָב איך אייך אַמאָל גענאַרט? זאָגט! אמת, כ׳בין אַ ייד — אָבער אַן ערלעכער ייד!

— וואָס אמת, איז אמת — האָבן די פויערים געשריען — חיים איז אַן ערלעכער ייד!

— טאָ וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס בין איך שולדיק, אַז כ׳האָב אַ זון אַ גנב? איר ווייסט דאָך, אַ טאַטע פאַר אַ זון הענגט מען נישט!

די פויערים האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען אַרויסרוקן. חיה האָט געוויינט, געזוכט לייבקען, נאָר לייבקע איז שוין לאַנג געווען אין וואַלד, געגאַנגען אָנזאָגן דעם ברודער ער זאָל אָפציען.

---

*) צעטיילט די ערד

אין אונטן האָט געכאַפּט אַ מאַיאָווע פּרעסטל.

וואָלף איז געלעגן אין אַ האַלב איינגעפאַלענער סטאָדאָלע, וואָס איז געשטאַנען אין וואַלד און געוואַרט אויף לאהן.

ער האָט אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען, איינגעטו־ליעט זיך אין רעקל און געציטערט פון קעלט. ער האָט אויפגעזוכט אין אַ וועסטל־קעשענע אַ שטיקל פּאַפּיראָס און פאַררויכערט. אַרום איז געווען שטיל, נאָר עפּעס אַ שוואַרצער קאָטער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ בעלעק, נעבן דאַך, געוווּרטשעט און געשאָסן מיט די גרינע פאָספאָר־אויגן.

וואָלף האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט גלאַט, וואָס לאה זוימט זיך אַזוי שפּעט און זיך בשום אופן נישט געקאָנט שענקען ווי ר'נאָך ער איז געווען אַזאַ חמור און זיך נישט געכאַפּט, אַז יעקב שטעלט אים אונטער אַ פּיסל. און איצט מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען מיטן אייגענעם דאָרף, אויב ער וויל נישט לעבעדיקערהייט די קאָפּיטעס אויסציען. די נכפה האָט אים געגעסן. ער האָט זיך מיט אַמאָל אויס־געגלייכט, פאַרקוועטשט פון כעס די פויסטן און געשאָלטן. ער האָט געפלאַנט נאָך מיט אַלע זיך אָפּצורעכענען, זיי אָנטאָן געברענטע צרות. און יעקבן, דעם חסיד, ווען ער היינט נאָך אַרויסנעמען די פערד! ווי ער איז אַ ייד!

עס האָבן זיך דערהערט טריט. לאה אין איינגעהילטע אין אַ פּאַ־טשיילע איז שטיל אַריין אין דער סטאָדאָלע.

— וואָס אַזוי שפּעט, לאהשי? וואָס הערט זיך?

— ס'הערט זיך, יאָ — האָט לאה זיך געבייזערט, — כ'האָב זיך קוים אַרויסגעריסן, דיינע געשעפטן — — און אַציינד זוכט מען דיך, ס'גאַנצע דאָרף איז אויף, טראָג זיך בעסער באַצייטנס אָפּ, הערסט?

— וואָס דו רעדסט, נאַרעלע, ווע מען ווט דאָס איינפאַלן מיך דאָ בייטאַכט צו זוכן? און ווייסטו ווער ס'האָט „געסליחעט"? דיין אַלטער! ס'אַ שיי...! קום אַהער, טייבעלע, ס'איז מיר אַזוי קאַלט! וועסט דאָ זיין מיט מיר ביז פאַרטאָג, גוט?

— וואָס פאַלט דיר איין, וואָס? דו הער מיך בעסער, און ציִ שוין אָפּ, דען מען קאָן יעדע מינוט דאָ אַהערקומען. דאָס גאַנצע דאָרף פויערים איז אַוועק דיך זוכן.

— זיי קיין קינד נישט, לאה, מען וועט וואָלפן נישט כאַפּן — און ער האָט זי אַרומגענומען.

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ קופּע אַלטע גראָכאָווינע, זיך אַרומגענומען, זיך צוגעטוליעט און פאַרגעסן אין אַלעם.

עס האָבן זיך דערהערט קולות. לאה איז אַ פאַרציטערטע געוואָרן און גענומען וויינען. וואָלף האָט זי באַרויקט, זי אַרומגעוויקלט מיט גראָכאָווינע, מען זאָל מיינען ס׳איז אַ „סטאָג״ שטרוי, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר.

די קולות זיינען געוואָרן אַלץ העכער. וואָלף האָט זיך נישט פאַרלוירן, פאַרמאַכט מיט אַ ברעט די טיר, אויפגעזוכט אַ צעבראָכענע חידלע מיט צוויי ציין און באַשלאָסן פאַר קיין פאַל זיך נישט אונטערצוגעבן. ער האָט שאַרפער אָנגעשפּיצט די אויערן.

— שלאָגט אים! ער וועט זאָגן! ער מוז זאָגן! — האָט וואָלף דערהערט קולות און ער איז אַ פאַרציטערטער געוואָרן.

— אויב דו זאָגסט נישט ווו וואָלף איז, הענגט מען דיך אויף, הערסט, לייבאַ? — האָט ער דערקענט באַבורינס שטימע.

ס׳איז צוריק געוואָרן שטיל. מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ סוויסטשען ווי מען וואָלט עמעצן געפּאַטשט, קולות: „בעסער! בעסער!״ און לייבקע האָט זיך צעוויינט.

ווי אַ צערייצטע חיה איז וואָלף אַרומגעלאָפן איבער דער סטאָדאָלע מיט דער ווידלע אין דער האַנט און איין גאָט ווייס פאַרוואָס ער האָט דווקא געזוכט אַן אַנדער ווידלע, צי אַ האַק ער זאָל אַרויס און ווייזן די „פּסוּבראַטעס״ ווי צו שלאָגן אַ קליין יינגל, זיין לייבקען. אין דער סטאָדאָלע איז מער קיין ווידלע נישט געווען. לאהס שטיל געוויין האָט אים אויפגערעגט. ער האָט פאַרגעסן, אַז לאה איז זיין געליבטע און אָנכאַפּנדיק זי ביי אַ האַנט האָט ער איר איינגערוימט:

— שווייג, נבלה, דען כ׳דערשטעך דיך!

פאַר גרויס כּעס האָט ער דערלאַנגט דעם קאָטער אַ כמאַל מיט דער ווידלע, אַז ער האָט קיין צייט געהאַט זיך צו דערהאַלטן מיט די לאַפּעס און אַראָפּ אויף דער ערד ווי אַ שטיין.

ער האָט ווידער דערהערט באַבורינס קול:

— פּאַנאָוויע, דער קליינער וואַקסט אַ גנב! ער ווייס ווו וואָלף איז, אַז נישט וואָס וואָלט ער דאָ געטאָן ביינאַכט אין וואַלד? שלאָגט אַזוי לאַנג, ביז ער וועט אויסזאָגן.

באַלד האָבן זיך דערהערט לייבקעס געשרייען, אויסטערליש רעוועון, אַז ס'בלוט האָט וואָלפן געגומען פריהן אין די אָדערן. ער האָט געציטערט, זיך פאַרשטעלט די אויערן און געקלאַפּט קאָפּ אין וואַנט.

— זאָגסט, אַז ער איז אין דער „לעפּיאַנקע? דו „היצעל", דו! פאַרוואָס האָסטו באַלד נישט געזאָגט, וואָלסטו דאָך פאַרשפּאָרט צו קריגן קלעפּ! ?

— צו דער „לעפּיאַנקע", צו דער „לעפּיאַנקע", נעמט לייבאַן מיט — האָבן זיך געהערט ווילדע קולות.

וואָלף האָט דערהערט ווי ס'ווערט אים וואַרעם ביים האַרץ, עס שטיקט עפּעס אין האַלז און ער האָט געשעפּטשעט: לייבקעלע, לייבקעלע!

ער האָט אַ פּראַל אויף געטאָן די טיר און אַרויס מיט דער ווידלע.

די פּויערים האָבן זיך צעשאָטן. באַלד איז באַבורין געלעגן אַ דורכגעשטאָכענער. ער האָט געשלאָגן רעכטס, לינקס, געכמאַליעט איבער די קעפּ, געפאַלן, זיך גיך אויפגעהויבן, און ווידער געשלאָגן, געפּלעמט — — און מיט אַמאָל האָט ער דערפילט. אַ ברי איבערן קאָפּ — ווי מען וואָלט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ דראָנג.

— ס'איז נאָך דיר, וואָלף! — און ער איז אומגעפאַלן.

אַז ער האָט געעפנט די אויגן האָט שוין אָנגעהויבן צו טאָגן.

— ער לעבט!—איז לייבקע צו און אים גענומען קושן די הענט.

דער הימל איבערן וואַלד האָט זיך פאַרפלאַמט. וואָלף האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין דעם פלאַם, זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען, גע־פילט ווי די כוחות פאַרלאָזן אים און דערזען נעבן זיך לייבקען.

ס'איז אים ווי לייכטער געוואָרן, לאַנג געקוקט אויף לייבקען, און אויף זיינע מיט בלוט פאַרטרוקנטע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל.

און אַז לייבקע האָט זיך דערשראָקן, נישט געקאָנט אויסהאַלטן וואָלפס בליק און זיך אָפּגעדרייט מיט אַ געוויין, האָבן וואָלפס פאַר־גליווערטע אויגן נאָך אַלץ געקוקט אויף דעם אָרט, ווו לייבקעס פּנים איז געשטאַנען.

דער משפט

(1914)

1

שמחה פישער, אַ פאַרגרעבטער, מגושמדיקער ייד, האָט געוווינט אין שכנות מיט פנחס „שרייבער“. שמחהס פויעריש הייזל מיטן שוואַרצן, שטרויענעם דאַך פון אַלטקייט איז געשטאַנען ביים עק פון דער זשאַלדעווקע, ווו זי שניידט זיך ווי אַ טרעפ צווישן שפיציקע סקאַלעס און פאַלט מיט אַ רויש אין דער ווייסל אַריין. און פון דערוויטנס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס הייזל איז אַרויסגעוואַקסן פון די סקאַלעס, וויגט און שווענקט זיך אין וואַסער ווי אַ בערלינקע און אַרום און אַרום פלעכטן זיך זילבערנע סטענגעס.

דער פישער מיט דריי בנים זיינען געשטאַנען אָן קאַפּאָטעס, באָרוועס, מיט פאַרשאַרצטע איבער די קניען הויזן און געשמירט מיט קעז גרויסע צוויי אויעריקע עמערס. שמחהס וויב, אַ געזונטע, רויטע יידענע ווי אַ פויערטע, מיט אַ ווייס דריי־עקיק טיכל אויפן קאָפּ איז געשטאַנען אַ באָרוועסע, מיט ברייטע צונויפגעוואַקסענע ווי ביי אַ גאַנז פינגער און פאַררִיכט גרויסע, געשטריקטע שאַטקעס. די מענער האָבן אַריינגעלייגט שטיינער אין די עמערס, דער שטראָם זאָל זיי נישט אַוועקטראָגן. און אַז אַן עמער איז פול געוואָרן מיט פיש, האָבן זיי גיך אָנגעצונדן שטיקער קין, די פיש זאָלן נישט זען ווו צו אַנטלויפן און האָבן דעם עמער אַרויסגעשלעפּט. די צאַפּלדיקע פיש האָט מען אַריינגעלאָזט אין די געשטריקטע שאַטקעס און זיי אָנגעהאָנגען אָן אַ פליט, וואָס איז געשווומען אין וואַסער, צוגעבונדן צום ברעג מיט גראָבע שטריק.

אויף דעם פליט איז געזעסן שמחהס מוזשיניק, יזעליק, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען מיט אַ וואָרצל נעבן אויער, און געוואָרפן

קרישקעס אין אַ פֿלאַש מיט וואַסער, ווו אַ גאָלדן פֿישל איז אַרומ־געשווומען.

זעליק איז געוואַקסן אין וואַלד ווי אַ ווילדע ציג, אָפּט פֿאַר־פֿאַלן געוואָרן אויף עטלעכע טעג, זיך מיטגעכאַפּט מיט אַ בערלינקע זאַלץ, וואָס איז פֿאַרבייגעשווומען, און אין דערהיים האָט ער קיינעם נישט אויסגעפֿעלט. און איינמאָל, אַז ס'איז דורך אַ וואָך און זעליק איז נישט אַהיימגעקומען, האָט די מוטער געלאָזט פֿאַלן אַ וואָרט. אַלע האָבן געשוויגן. און נישט בחנם! ווען זעליק איז געבוירן געוואָרן מיטן וואָרצל, האָט די מוטער זיך דערשראָקן און געשיקט נאָך דער אַלטער „טשאַראָוניצע" זי זאָל אים אָפּשפּרעכן.

די מכשפה האָט געהייסן דעם קליינעם זייער היטן, אַז נישט וועט די קייסערן פֿון דער ווייסל, די היילקע וואַנדע, אים צונעמען.

און דער פֿישער מיט די בנים האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז דאָס שטיק וואַסער, ווו זיי וווינען, מוז צונעמען אַ מענטשן, דען דער פֿאַנג ווערט שוואַכער פֿון יאָר צו יאָר. דאָס וואַסער פֿאָדערט זיינס — דעריבער גייט זיי אַזוי שלים־מזלדיק.

און יעדעס מאָל, ווען זעליק איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף עטלעכע טעג, האָבן אַלע געשוויגן און ביי זיך האָט יעדער געטראַכט, אַז דאָס וואַסער האָט שוין זיין קרבן, איז, ווי אויף צו להכעיס, דער קליינער יעדעס מאָל צוריקגעקומען. די ווייסל האָט אים שוין דריי מאָל אַרויס־געוואָרפֿן. דעריבער האָט שמחה נישט געוואָלט וויסן פֿון דעם יינגל, אים נישט געלערנט קיין יידישקייט, איז טאַקע זעליק אַרומגעגאַנגען קרועה בלויה.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט, וואָס, בהמה דו — האָט די פֿישערן אַ געשריי געטאָן צו זעליקן — גיי אַריבער צום „שרייבער" און פֿרעג וויפֿל פֿיש מען זאָל שיקן אויף שבת.

דאָס יינגל האָט געכאַפּט די פֿלאַש מיטן גאָלדענעם פֿישל און זיך געלאָזט איבערן וואַלד.

זעליק האָט געטראַכט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער נישט כאַפּן קיין פֿיש מיט עמערס. ער וועט זיך אויסבויען אַ פֿליט און כאַפּן פֿיש מיט סיטשן. און אַז ער וועט רייך ווערן (און רייך ווערן וועט ער געוויס) קויפֿט ער זיך אַ פּאָר גוטענע שטיוול, מיט

לאַנגע כאָליעוועס, וואָס פאַרבינדן זיך מיט אַ שנאָל אַזש אונטערן בויך, אַ לעדערנעם רעקל און ער וועט אַרומפאָרן אין די וואַסערן אין אַן אמת פישער־שיפל, מיט אַזאַ גרויסן ראָד. דעמאָלט וועט ער זיך אויסבויען פונקט אַזאַ הויז מיט אַ גלעזערנע וועראַנדע, ווי פנחס שרייבער האָט. און טאָמער גאָר אַוועקשענקען דאָס גאָלדענע פישל רחלען? זי איז דאָך מיט אים שוין ברוגז דעם צווייטן טאָג! ער האָט איר שוואַרצער קאַץ דעם עק אָפּגעהאַקט, אַ שיינע ריינע כפרה! אַז די פיש וואַרפן דעם רויגן, דאַרף זי זיך נישט פאַרגנבענען און אויפּ־פרעסן זיי! יאָ, דאָס פישל וועט ער אַוועקשענקען רחלען. אמת, גאָלדענע פישלעך וואַלגערן זיך נישט אין דער ווייסל, גאָר גאָרנישט, ער וועט עלטער ווערן וועט ער כאַפּן אַ וואַל־פיש, אים אויסהוילן, זיך אויפנייען פון דער שאָפּן־פעל אַ פּאָר הויזן מיט אַ ראָק צוזאַמען, ווי די בלויזע אויגן זאָלן זיך נאָר אַרויסזען, און ער וועט זיך א לאָז טאָן מיט אויפגעשטעלטע פליס־פעדערן צו די גאָלדענע פישלעך, ער ווייס, אַז זיי וווינען אין די טיפסטע קעסל־גריבער. ער וועט אָבער רחלען אָנ־זאָגן זי זאָל טוישן דאָס וואַסער און אַריינוואַרפן עטלעכע קרישקעס.

אויף דער וועראַנדע איז געזעסן רחל און זיך אויסגעטענהט מיט דער שוואַרצער קאַץ, וואָס איז געלעגן אין אַן אויסגעבעטן קאָשעק מיט אַ געשוואָלענעם רוקן:

— מיין אָרעם קעצל! ס'טוט דיר ווי? נו, וויין נישט! מיקאָלאַי זאָגט ס'וועט זיך אויסהיילן. דערפאַר וועט זעליקס וואָרצל ווערן אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, זעסט, אַזוי! — און זי האָט צעשפרייטביידע הענטלעך — וועט דאָס זיין מיאוס — האָט רחל זיך צעלאַכט — זעליק מיט אַן עק אויף דער באַק!

— רחל, זעסט, כ'האָב אַ גאָלדן פישל! ווילסט עס?

רחל האָט זיך אויסגעדרייט און אַראָפּגעלאָזט אַ ליפּ:

— כ'בין ברוגז!

— פאַר וואָס ביסטו ברוגז?

— ווייל ביכט אַ גזלן!

— אַז דער טאַטע האָט מיך געהייסן, איך מיין וואָרט! ער האָט נאָך געהייסן כאַפּן דיין קאַץ אין אַ זאַק אַריין און זי אַראָפּ־וואַרפן פון בערגל, אַזוי, פליוך, אין וואַסער אַריין!

— און מיינסט ס׳וועט דיר זיין געשאָנקען? גאָט וועט דיך שטראָפן!
מיקאָלאַי זאָגט, אַז דיין וואָרצל מוז ווערן אַזוי גרויס, ווי דער אָפּגע-האַקטער עק.

זעליק איז אויף אַ מינוט צעמישט געוואָרן, זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער באַק און אים האָט זיך בשעת מעשה מיט אַן אמת אויסגעדאַכט, אַז דער וואָרצל ווערט לענגער.

— ס׳איז אַ ליגן! אין וויפיל וועטסטו אַז מאָרגן האָב איך אים שוין נישט? כ׳האָב אזאַ מיטל!

— וואָס פאַראַ מיטל?

— מען שמירט אים אויס מיט טויבן-בלוט עטלעכע מאָל, ווערט ער פאַרדאַרט און פאַלט אַרונטער.

— טאָ פאַרוואָס טוסטו עס נישט?

— ווייל די מאַמע זאָגט דער וואָרצל איז מזלדיק און אַז כ׳וועל אים אַראָפּנעמען פאַר 13 יאָר, וועט ס׳מזל אַנטלויפן.

— און דו ביסט מזלדיק?

— אַודאי, זעסט מיך האָט די ווייסל דריי מאָל אַרויסגעוואָרפן און כ׳וואָלט אַפילו אין ים אויך געקאָנט שווימען! מיין טאַטע איז שוין אַזוי לאַנג פישער און האָט נאָך קיינמאָל קיין גאָלדן פישל נישט געכאַפּט. און איך ווייס ווו זיי וווינען אויך! און דו ווייסט נישט!

— ווו?

— אין די קעסל-גריבער!

— זעליק, ס׳איז אמת, אַז אַ קעסל-גרוב מוז יעדעס יאָר צו-נעמען אַ מענטש?

— אַודאי, זיי וווינען דאָרט מיט די גאָלדענע פישלעך! דו ווייסט, אַז כ׳וועל עלטער ווערן וועל איך אַהין צו די גאָלדענע פישלעך.

— און אַז זיי וועלן דיך נישט אַרויסלאָזן?

— זיי וועלן יאָ אַרויסלאָזן!

— און וואָס וועסטו דאָרט טאָן?

— ווייסט וואָס, דאָרטן ליגן אַלע ים-אוצרות, וועל איך זיך אָנ-לייגן פולע קעשענעס מיט גאָלד און בריליאַנטן און קומען צוריק.

— און וועסט מיך אויך מיטנעמען?

— דיך? אַז ביסט ברוגז!

— אַוודאי בין איך ברוגז!
— וועל איך דיך נישט מיטנעמען!
— טאָ נעם נישט!
— טאָ גיב מיר אָפּ ס׳גאָלדענע פישל!
— ס׳גאָלדענע פישל? טאָ פאַר וואָס ביסטו אַזאַ שלעכטער, נעמסט מיין קעציל און — — — —
— אויף מיין וואָרט, כ׳וועל מער דעם עק נישט אָפּהאַקן!
— אַז דו האָסט שוין אָפּגעהאַקט!
— רחל, ווו ביסטו? ס׳עסן ווערט קאַלט — האָט די אַלטע דינסט גערופען.
— כ׳גיי שוין — האָט רחל געענטפערט און זיך אויפגעשטעלט.
— קום מאָרגן צו אונז, רחל, „באָטשאַנעס"*) זיינען שוין גע־קומען צו פליען, וועסט קומען?
— כ׳וועל קומען — און זי איז אריין אין שטוב.

2.

דער וואַלד האָט פריילעך גערוישט, געשמעקט מיט קאַלעפאָניע**).

זעליק, אַן אָפּגעפּרענטער ווי אַ ציגיינערל, איז זיך געגאַנגען אַ באָרוויסער איבערן וואַלד, אויסגעמיטן די סטעזשקעס ווו אַלע גייען, געשפרייזט איבער דער שוואַרצער, זומפיקער מיט מאָך באַוואַקסענער ערד און הנאה געהאַט ווי די קילע, פייכטע ערד צעגייט און פידלט אונטער זיינע פיסלעך ווי גוט אויסגעקנעטענע טייג. דאָס יינגל האָט געהאַלטן אַ שליסל אין מויל און געפייפט אויף וואָס די וועלט שטייט.

רחל, אַ פריילעכע מיט צעפלאַמטע בעקלעך, מיט די שיך און זאָקן אין די הענט איז דעם יינגל נאָכגעגאַנגען.

שטראַלען וואָס זיינען געווען באַהאַלטן טיף אין וואַלד האָבן

*) בושלעס.

**) גומי אײנצורייבן אַ בויגן פון אַ פידל.

מיט אַ מאָל געגומען שטיפן, זיך פלעכטן אַרום רחלן, די שטראַלן האָבן זיך פערגנבעט פון הינטן, איר אַ קוש געטאָן, צוריק אָפּגעשפּרונגען און מיט אַמאָל זי אַ גאָס אָפּגעטאָן מיט אַזאַ זילבערנע ליכטיקייט, אַז רחל האָט אַזש פאַרזשומערט די אויגן און אַרויסגעלאָזט אַ אַ פריילעכן קוויטש.

פייגל זיינען געוואָרן לעבעדיקער, זיך אַרויסגעריסן מיט אַ פּאַטשעריי פון טיפן גראָז, געבליבן הענגען אַנטקייגן דער צעפלאַמטער זון און זיך צעטרעלט.

דער וואַלד האָט פריילעך גערוישט, געשמעקט מיט קאַלעפּאָניע.

און עס האָט זיך געדאַכט גלייך מחנות פידל־שפּילער זיינען צעוואָרפן איבערן וואַלד, ווערן אַלץ מידער, הערן ביסלעכווייז אויף צו שפּילן — האָבן די פידל־שפּילער דערזען ווי אַ יונג פּאָרל שטייט האַנט אין האַנט באָרוויסע אויף דער פייכטער ערד, האָבן זיי זיך דערפילט יונגער, ראַש און ראַשער געגומען רייבן זייערע בויגנס אָן געל־רויטלעכע שטיקער קאַלעפּאָניע און די הויכע סאָסנעס ווי אָנגעצויגענע סטרונעס האָבן אַ ציטער געטאָן, זיך צעברומט ווי אַ ווייטער, שטילער ים: יוגנט! יוגנט!

אַרויסגייענדיק פון וואַלד האָט דאָס פּאָרל זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג פון דער ווייסל און געגומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיקן וואַסער זייערע בלאָטיקע פיסלעך.

אויף דער צווייטער זייט ווייסל האָבן זיך געצויגן ברייטע גריַנע לאָנקעס דורכגעוואָרפן מיט געלן „כאַבער“.

איבער דער לאָנקע איז זיך אַרומגעגאַנגען אַ ווייסער בושל מיט אַ שוואַרצן עק. ער האָט געהויבן זיינע רויטע פיס ווי שטאָלצעס, גדלותדיק פאַרריסן זיין לאַנגן האַלז מיטן רויטן שנאָבל און געשלונגען מיט אַ „קליו־קליו“ גרינע זשאַבקעלעך. און אַז די זון איז אַרויסגעשווומען פון הינטער אַ וואָלקן און געגומען באַקן, האָט דער בושל זיך אַוועקגעשטעלט אויף איין פוס, באַהאַלטן זיין רויטן שנאָבל מיט אַ האַלבן קאָפּ אונטער אַ פליגל און אַזוי געבליבן שטיין אויף דער גרינער לאָנקע ווי אַן אויסגעמאָלטער.

— רחל, ווייסט וואָס עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך?
— וואָס?
— טאָ שווער זיך, אַז וועסט קיינעם נישט דערציילן!
— אסור נישט!
— גיי, כ'האָב מורא ווּעסט יאָ דערציילן!
— אויף מיין וואָרט נישט, זעליק!
— טאָ געדענק! — און זעליק האָט אויפגעהויבן אַ פינגער צו דער נאָז — ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן?
— וואָס?
— דו וועסט נישט טרעפן! — האָט זיך זעליק צעלאַכט.
— זאָג שוין! — האָט רחל זיך געבעטן, אָנגענומען זעליקן ביי אַ האַנט און געריבן איר נאַס פיסל אָן זיינס.
— דו ווייסט, ווען מיר קריגן אַ גענזן איי, אוי, וואָלט דאָס געווען גוט?
— צו וואָס דאַרפסטו אַ גענזן איי?
כ'וואָלט עס אַרייגעלייגט אין דער גניאַזדע צו די „באָטשאַנעס" וואָלט אַרויסגעקומען אַ האַלבער באָטשאַן און אַ האַלבע גאַנז.
— און דער באָטשאַן וועט דיך צולאָזן?
— כ'וועל עס פאַרטאָג אַריינלייגן, ווען ביידע פליען אַוועק.
— זעליק דו ווייסט ווער עס ברענגט קליינע קינדער? ברייינע זאָגט, אַז אַ באָטשאַן ברענגט אַ קליין קינד אין אַ קאָשיקל. וו ווי־בען די אַלע קינדער?
— אין הימל!
— און אַז ס'רעגנט?
— אַז ס'רעגנט? כ'ווייס נישט! מסתמא באַהאַלטן זיי זיך, ווען די וואָלקנס גייען אראָפּ צו דער ווייסל זיך אָנטרינקען.
— און דער באָטשאַן, וואָס שטייט אויף דער לאָנקע, קאָן אויך ברענגען קליינע קינדער?
— אַודאי!
— זעליק, און אַז איך וועל שטאַרק ווען וועט דער באָטשאַן מיר אויך ברענגען אַ קינד?

— אַודאי! — און זעליק האָט אויסגעשטרעקט די הענט — אַזאַ באַרג מיט קינדער!

— גיי, כ'וועל זיך שעמען פאַר ברײנען צו ברענגען אַ קינד אין שטוב אַריין. אַזאַ קליין מיידל ווי איך טאָר נישט האָבן אַ קינד! מען מוז פריער חתונה האָבן, אמת?

— טאָ פאַרוואָס האָט פראַנקע דעם לעשניקעס געהאַט אַ קינד? זי האָט נישט חתונה געהאַט!

— זי איז דאָך אַ שיקסע!

אַ צווייטער בושל, עטוואָס אַ קלענערער, מיט אַ ווייסן פליגל ווי אַן אָפּגעקאַלכטער האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט. דער „ער" וואָס איז געשטאַנען אין מיטן דער לאָנקע האָט זיך ווי אויסגעטשוכעט, צעשפּרייט די פליגל, פאַרריסן דעם לאַנגן האַלז, זיך פונאַנדערגעגנעצט און גענומען לויפן אַרום אין אַרום דער „זי" מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און געשריען — קליא־קליא — — דער „ער" האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויפגעהויבן זיין רויטן עטוואָס צעעפנטן שנאָבל, ווו ער האָט געהאַלטן אַ גרין זשאַבקעלע, ווילעריש געקוקט אויף דער „זי", ווי ער וואָלט געזאָגט: „ביי מיר וועט שוין אַ ווייב נישט שטאַרבן פון הונגער", און עס איר אונטערגעטראָגן. בשעת די „זי" האָט זיך געקרעקט, געהויבן דעם האַלז, געגלאָצט די אויגן און געשלונגען דאָס זשאַבקעלע וואָס האָט זייער קיין חשק געהאַט צו מאַכן אַ שפּאַציר איבערן בושלס גרגרת, האָט דער „ער" איר עטלעכע מאָל פון ליבשאַפט וועגן אַ פּיק געטאָן מיטן שנאָבל, איינגענורעט זיין קאָפּ צו איר אונטערן פליגל און עפּעס געזוכט. ער האָט זיך צוריקגעזעצט, גענומען פאַטשן מיט די פליגל, געפלויגן נידריק אַרום דער „זי", געמאַכט חנדלעך מיטן בויגיקן, קלוגן האַלז און דער תמיד שטילער פויגל האָט זיך צעזונגען: קליאַ־קליאַ־קווע, קליאַ־קליאַ־קווע! —

זעליק איז אַרויס פון וואַסער.

— גיי שוין אַהיים, רחל, און ברענג אַן איי, איצט איז די גניאַזדע ליידיק. גיכער, טו אָן די שיך!

רחל האָט אַ פרעליכע אָנגעטאָן די שיך, זיך געפילט באַקוועמער און אַ שפּרונג געטאָן.

— נו, וואָס גייסטו נישט? — האָט זעליק געפרעגט.

— כ׳פויל זיך אַליין!
— וועל איך מיט דיר מיטגיין, גוט?
און די קינדער, אָננעמענדיק זיך פאַר די הענטלעך זיינען שפּרינגענדיק פאַרשוווּנדן אין וואַלד.

3.

זעליק איז אַ פרייליכער צו צו דער סטאָדעלע ווו די בושלעס האָבן געהאַט דעם נעסט, גענומען פון רחלן דאָס איי, עס צוגעהאַלטן מיט די ליפּן און לייכט ווי אַ קאַץ גענומען קלעטערן אויף דער גלייכער ליימענער וואַנט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַן אָפענע קראָקווע, געוואַרט אַביסל, ווי ער וואָלט געזוכט דאָס גלייכגעוויכט און זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן קערפּער אויפן דאַך. דער נעסט איז באַשטאַנען פון אַן אַלטע הילצערנע בראָנע. אין דער בראָנע איז געלעגן אַ קאָש אויסגעבעט מיט גראָז און צווייגן. אַ טוכלער ריח פון פיש, זשאַבעס און הינדלעך האָט זעליקן אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַריין. אין דעם נעסט זיינען געלעגן דריי גרויסע אייער. זעליק האָט אַרויסגענומען אַן איי, אַריינגעלייגט אַנשטאָט דעם דאָס געגזנע און געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן פון דאַך, ווי ביידע בושלעס האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן און זיך געטראָגן מיט צעשפּרייטע פליגל גלייך אויף זעליקן. זעליק האָט נאָך צייט געהאַט אַראָפּצושפּרינגען, נאָר ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן די בושלעס זאָלן אים נישט צופּיקן, דאָס ער איז געבליבן אַ רגע שטיין מיט דעם איי אין ביידע הענט.

רחל האָט אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש:

— זעליק, שפּרינג אַראָפּ!

זעליק האָט זיך איינגעקורטשעט, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענט, ווי איינער וואָס דערוואַרט קלעפּ און גענומען זיך אַראָפּגליטשן פון משופּעדיקן דאַך.

דער „ער" דורכפליענדיק האָט אויסגעצויגן זיין לאַנגן האַלז, זיך פאַרמאָסטן מיט זיין שאַרפן שנאָבל זעליקן אין פנים אַריין. זעליק האָט אויסגעמיטן דעם בושעלס שנאָבל, געכאַפּט אַ פּיק אין דער פּליי-צע און אַראָפּגעפאַלן פון דאַך ווי אַ שטיין. דאָס איי האָט זיך צע-שפּריצט און אָפּגעגאָסן זעליקן מיט אַ געלע פליסיקייט.

רחל האָט געמיינט, אַז זעליק איז געוויס טויט פון דעם קלאַפּ, האָט זי זיך גענומען אויסקנייפן שטיקער פלייש, געפאַלן לעבן זעליקן אויף די קניען, אים אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענטלעך, גענומען קושן און זיך צעוויינט:

— זעליקל, טייערער מיינער, ס'טוט דיר ווי, זאָג? אַלץ בין איך שולדיק! צו וואָס האָב איך געבראַכט דאָס איי?

אַז זעליק איז פון דעם קלאַפּ צו זיך געקומען, האָט ער דער-פילט אַ ווייטאָק אין דער פּלייצע און זיך דערמאָנט, אַז דער בושל האָט אים אַ פּיק געטאָן. רחל דערזעענדיק, אַז פון רעקל רינט בלוט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַרן קעפּל.

— אוי — מאַמעשי, בלוט!

און זי האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט לעבן זעליקן אויף די קניען און גענומען בעטן:

— זעליקל, טייערער מיינער, קום צו אונז, ברייניע וועט דיר עפּעס צולייגן, זי וועט אָסור קיינעם גישט דערציילן, וועסט זען, כ'בעט דיך, זעליקל, קום!

זי האָט אים אַ קוש געטאָן און זיך צעוויינט: אַלץ איבער מיר!

זעליק זעענדיק, אז מען וויינט איבער אים, האָט ער זיך מיט אַן אמת דערשראָקן, פאַרגעסן אָן דעם ווייטאָק און זיך אויפגעשטעלט.

— קום, רחל, מיר וועלן צוגיין צום וואַסער, וועסט מיר אָפּוואַשן דאָס בלוט, גוט? וויין נישט, מיר וועט גאָרנישט זיין! כ'האָב שוין געהאַט גרעסערע לעכער אין קאָפּ און ס'האָט זיך אויסגעהיילט.

— ביזט בייז, זעליק?

— ניין!

— ווילסט מיר זאָלן אייביק זיין חבר?

— אודאי וויל איך!

— זעסט, כ'האָב דיך אַזוי ליב — האָט רחל געזאָגט און געכאַפּט

איר הענטל איבער דעם עלנבויגן אין מויל אַריין, פאַרקוועטשט די אויגן און אַ שטאַרקן ביס זיך געטאָן, אַז אַלע אירע ציינדלעך האָבן זיך, פאַרלאָפענע מיט בלוט, אַרויסגעפּרעסט.

זיי האָבן געשוויגן, געגאַנגען איבער די דינע, טרוקענע צווייגלעך, וואָס האָבן זיך געבראָכן אונטער זייערע פיסלעך, געגאַנגען צו דער ווייסל.

רחל, ווי אַ קליינע מאַמע, האָט זיך גענומען פאָרען אַרום זעליקן. זי האָט אים אויסגעטאָן דאָס רעקל, דערנאָך האָט זי אַראָפּגעצויגן דאָס העמדל, זיך אײַנגעאַנצן פאַרגעסן, אַז מען טאָר נישט קוקן אויף אַ נאַקעט ייִנגל, גענומען איר ווייס פאַרטוכל, עס געטונקט אין קאַלטע וואַסער און אַרומגעווישט זעליקן די ווונד. זעליק איז געלעגן אויף אַלע פיר, ווי אַ פאַרווונדעט חיהלע, זיך קיין ריר געטאָן און הנאה געהאַט, וואָס רחל פאָרעט זיך אַרום אים. און אַז זי האָט די ווונד אַרומגעווישט, האָט זי אויסגעוואַשן איר פאַרטוכל, עס גוט אויסגעדרייט, אַרויפגעלייגט עס זעליקן אויף דער ווונד, זיך פערקליבן מיט אים צווישן קוסטעס, אין שאָטן, און אים געהייסן זיך אויסציען מיטן פּנים אויף איר שויס, אַז די ווונד זאָל זיך עטוואָס צוטריקענען.

זעליק האָט אַלץ געפאָלגט און איז גלייך אַנטשלאָפן געוואָרן ביי רחלען אויפן שויס.

רחל האָט יעדע ווײַלע אונטערגעהויבן דאָס פאַרטוכל — געקוקט צי די ווונד פאַרטריקנט זיך. די ווונד אָבער האָט געבלוטיקט, האָט רחלען פאַרקוועטשט אונטערן הערצל און זי האָט זיך שטיל צע-וויינט. און אַ פאַרוויינטע, מיט רויטע פאַרלאָפענע אויגן, האָט רחל אויך איינגעגעדרעמלט איר קעפּל צווישן די בלעטער און איינגעשלאָפן.

4.

די „זי" בושל האָט אַ גאַנץ פרימאָרגן נישט אָפּגעטרעטן פון איר נעסט — געקוקט ווי דאָס קליינוואַרג פּיקט זיך פון די אייער.

דער „ער" איז געווען צעטראָגן, געשוועבט איבער דעם נעסט

מיט מאָדנע אויסגעשרייען, געבראַכט יעדעס מאָל דער „זי" עפּעס אין מויל אַריין און געשפּרייזט אַרום דער סטאָדאָלע גיך, מיט אַן איינגע־קורטשעטן האַלז צווישן די פליגל און ער האָט אויסגעזען ווי אַ יונגערמאַנטשיק, וועמעס ווייבל ריכט זיך מיט אַן ערשטלינג אין קימפּעט אַריין.

די „זי" האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם „קליו־קליו". דער „ער" האָט זיך צוגעזעצט, צעשפּרייט די פליגל און געזעסן ביים נעסט. ער איז אויף אַ רגע ווי צעטומלט געוואָרן, געקוקט אויף דער „זי", וועלכע האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: אַז כ׳בין אויף מיין וואָרט נישט שולדיק. אַ קליין געצנזעלע האָט זיך אַרויסגעקייקלט פון דער אויסגעגעסענער שאָל פון אַן איי. דער בושל האָט דערפילט, ווי אַלץ אין אים נעמט זיך טרייסלען און ווי אַן אָפּגעגנאַרטער סאמעץ האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „זי", געפּליקט מיטן שנאָבל אירע פעדערן. די זי האָט נאָך טיפער אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, זיך נאָך נענטער צוגערוקט צום „ער" און ווי אַן אמת שולדיקע האָט זי זיך נישט געווערט, פאַרקערט, אַלץ אין איר האָט זיך געבעטן: שלאָג בעסער.

דער בושעל האָט אַ פּיק געטאָן דעם קליינעם געצל מיטן שנאָבל, עס געכאַפּט פאַרן קעפּל און עס אַ שליידער אַראָפּ געטאָן פון דער סטאָדאָלע. ער האָט גענומען צעוואַרפן מיטן שנאָבל און מיט די לאַ־פּעס דעם נעסט, מער זיך נישט אומגעקוקט אויף דער „זי", געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועקגעפלויגען.

די „זי" האָט זיך אויסגעגלייכט, גענומען שאַרפן אָן די ציין פון דער בראָנע איר שנאָבל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פאַרלוירענע, אַז דער „ער" איז געפלויגן זי פערמסרן פאַר דער סטאַדע.

די „זי" האָט אויפגעהויבן איין פוס, גענומען שטאַרקער שאַרפן איר שנאָבל אָן דער בראָנע און זיך צעוויינט אויף איר שטייגער. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט איר שולד, אַז אַן אומגליק איז איר געשען, אַז זי וועט זיי דערציילן, די עלטסטע פון דער סטאַדע... זי וועט זיי ווייזן די צוויי קינדער, עכטע בושלעך מיט רויטע לאַפּקעס און רויטע שנעבעלעך... און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

זעליק מיט רחלן זיינען געזעסן אויף דער פּליט.

– דו ווייסט, רחל?

– וואָס?

– פון היינט אָן וועל איך קענען שווימען פּונקט ווי אַ קאַטשקע.

– ווי ר'נאָך?

– כ'וועל זיך אויפשניידן די פינגער פון – – –

– זאָלסט עס נישט טאָן, הערסט, זעליק! כוועל אויף מיין וואָרט אייביק מיט דיר זיין ברוגז, אייביק!

– אַז די לאָזט נישט! הער מיך אויף אַ פריער אויס!

– אַודאי לאָז איך נישט!

– זעסט, כ'וועל נעמען די הייטלעך פון געגזענע לאַפּקעס, זיי אריינמאַכן צווישן מיינע פינגער, זיי פעסט אַרומבינדן ביז זיי וועלן זיך איינוואַקסן און דערנאָך – – –

– און בלוט וועט נישט גיין? – האָט אים רחל איבערגעריסן.

– אַודאי וועט נישט גיין! אַפּעלאָ האָט מיך אויסגעלערנט זיך צו צעשניידן אַ פינגער מיטן שאַרפסטן מ"סער און ס'זאָל קיין בלוט נישט גיין, איר מאַמע איז דאָך אַ מכשפה!

– דו ביסט דאָך ברוגז מיט אַפּעלאָן?

– אַודאי בין איך ברוגז! דו ווייסט, רחל, אַפּעלאָ האָט אַזאַ גראָז, אַז מען טוט עס אַ לעק שלאָפט מען אַ גאַנצן מעת-לעת. גלויבסט נישט? אויף מיין וואָרט!

– האָט זי!

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

– זעליק, ס'איז טאַקע אמת, אַז אַפּעלאָס מאַמע גייט אין שיך פון מענטשישע אָדלערן?

– אַודאי. די ווייסט, אַפּעלאָס מאַמע קאָן ווערן אַ שטרוי אויך, זיך באַהאַלטן אין קלענסטן שפּעלטל! זי איז דאָך אַן אמתע מכשפה!.

די שטילע ווייסל האָט זיך געבלעזלט. פון די בלעזלעך זיינען געוואָרן קרייזן. די קרייזן האָבן זיך צעוואָקסן, איינגעשלונגען איינער דעם צווייטן, געוואָרן גרעסער און גרעסער און די תמיד רויקע ווייסל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קריסטאַלענער שפּיגל, איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, איינגעשלעפערט אַלץ אַרום.

אַ שוואַלב האָט דורכגעפלאַטערט, דערזען אין וואַסער נאָך שוואַלבן, האָט ער פון היימלעכקייט וועגן זיך אָפּגעשטעלט, איינגע-טונקט דאָס שנעבעלע און די ווייסל האָט זיך אויף דאָס ניי צעבלעזלט.

זעליק האָט דערציילט, אַז אונטערן „שוואַרצן שטיין", אין אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ ווױנט וואַנדע, די קייסערין פון ווייכסל. זומער אין די גרויסע היצן, ווען די ווייסל ווערט פלאַך, פאַרקלייבט זיך וואַנדע מיט אירע שוועסטער אויפן שטיין און פאַרנאַרן צו זיך קליינע קינדער. זי האָט שוין אים אויך דריי מאָל געוואָלט כאַפּן, האָט ער אָבער אַזאַ שפּרונג, אַז ער זאָגט אים, וואַקסט גלייך אויס אַ פייערדיקע רייף און זי קאָן צו אים נישט צו.

— זעליק, און צו וואָס דאַרף וואַנדע אַזוי פיל קינדער ?

— צו וואָס זי דאַרף זיי ? זי קושט זיי אַזוי לאַנג ביז די נשמה גייט זיי אויס און דעמאָלט עסט זי אויף זייערע הערצלעך !

די קינדער האָבן דערזען, ווי אַ מחנה בושלעס קומען אָנצו-פליען, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער „קעמפּע"*), וואָס געפינט זיך אין מיטן דער ווייסל.

— דאָס גייען זיין פּראָון אַ חתונה — האָט זעליק געזאָגט און זיך געווענדט צו רחלן — קום, מיר וועלן צופאָרן מיט דער לאָדקע.

זעליק האָט אָפּגעבונדן פון דער פּליטע די לאָדקע. רחל האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער פון די היימישע זעט זיי נישט און איז אַ פרייליכע אַריינגעשפּרונגען אין שיפל.

רחל האָט געקוקט ווי די קליינע קריסטאָלענע וועלן פּאַלדעווען זיך, שלינגען איין איינער דעם צווייטן, בלענדן די אויגן, איז זי פריילעכער געוואָרן און אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם קוויטש.

זיי זיינען אַרויס פון דער „קעמפּע", אַרויסגעשלעפּט די לאָדקע און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז.

די בושלעס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז. אַן עלטערע פּאָרל, ווי צוויי חשובע בעלי-בתים מיט פאַרלייגטע הענט, האָבן געשפּאַנט אין מיטן קרייז. דער „ער" איז געקומען צעפליען, געהאַלטן דאָס טויטע גענזל אין שנאָבל, עס אונטערגעטראָגן דער על-טערער פּאָר — נאַ, זעט !

---

*) אינזל.

די עלטערע בושלעס האָבן דאָס גענזל באַטראַכט, באַשמעקט, געוואָרפן מיט זייערע לאַנגע העלזער, געגורערט אויף זייער שטייגער און צווי בושלעס זיינען אַוועקגעפלויגן.

באַלד זיינען די בושלעס צוריק געקומען מיט דער „זי". די שלוחים האָבן מיט „קליו-קליאַ, קליאַ-קליאַ" איבערגעגעבן דער „זיס" טענות. די בושלעס האָבן זיך ווידער צעגורערט, זיך געקאַכט, אַרויס פון קרייז, זיך צענויפגעשטופט אין איין קופּע און פון דערווייטנס האָט זיך גערדאַכט, אַז אַ ברייט-בייניק פאַרזעעניש מיט צענדליק בויגיקע קעפ שטייט אין מיטן דער וויכסל און שרייט „קליו-קליו, קליאַ-קליאַ! —

די בושלעס האָבן אַרומגערינגלט די „זי". דער „ער" איז דער ערשטער צו, דערלאַנגט זיין ווייבל אַ פּיק גלייך אין קאָפּ אַריין און פון אַלע זייטן האָבן זיך לאַנגע העלזער מיט אָפענע שנאָבלס געטראָגן צו איר, פעדערן האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן און דער פויגל איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך.

עס איז געוואָרן שפּעט. רחל איז געזעסן און געוויינט, געוווּסט אַז זי מיט זעליקן זיינען אין אַלעם שולדיק. זעליק האָט זי אויפגע-הויבן:

— קום, רחל, מיר וועלן אַהיים פאָרן.

זיי זיינען אַריין אין דער לאָדקע. שווערע וואָלקנס האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען שניידן פון דער ווייסל, זיך אַוועקגעשטעלט ווי ווענט, ווי חורבות און עס איז געוואָרן שטאָק פינסטער. אַ בליץ האָט אָנגעצונדן די גאַנצע ווייסל. רחל איז צעטומעלט געוואָרן, פון צופיל ליכטיקייט גאָר נישט געזען, פאַרגעסן, אַז זי איז אין דער לאָדקע, און איז אויפגעשפּרונגען. האָט אַ קראַך געטאָן אַ דונער, גלייך מען וואָלט שטיינערנע בערג צוריסן, און סהאָט אַ גאָס געטאָן אַ מבול.

רחל איז מער אין דער לאָדקע נישט געווען. זעליק האָט אַראָפּ-געוואָרפן דאָס רעקל, געזוכט רחלען, זיך אַראָפּגעלאָזט אונטערן וואַ-סער — רחל איז נישטאָ.

די ווייסל האָט געשטורעמט.

שוואַרצע וואַלן, ווי צערייצטע חיות, מיט שוים אויף די מיילער,

האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס, געדרעוועט, זיך
געוואָרפן אויף זעליקן. און פון אַלע זייטן האָבן בליצן, ווי פייערדיקע
סטענגעס, אים געבלענדט די אויגן. די לאָדקע איז שוין געווען ווייט
פון אים, זיך געטראָגן אַליין איבער דער ווייסל. אַ וואַל האָט אים אייג=
געהילט, און זעליק האָט דערפילט, אַז ס'ווערט אים גרינגער, האָט ער
אָפּגעלאָזט הענט און פיס און דערזעען ווי אַ פּאַלאַץ מיט גרינע פיי=
ערלעך שווימט צו אים. וואַנדע איינגעהילט אין ווייסלעכע בליצן
בלייבט הענגען אין דער לופטן. זי רופט אים צו זיך, ווייזט אים
רחלען, שיקט צו אים בליצן און די בליצן, ווי לאַנגע צונגען, ווערן
אַלץ דינער. די בליצן קיצלען, קושן, ברענען, און זיין מאַמע שטייט
איבער אים, קוועטשט ציטרין אויף צוקער און לייגט אים אין מויל
אַריין. און מיט אַמאָל צעשפרייט וואַנדע אירע וואַסערדיקע האָר. די
האָר ווערן לענגער, וויקלען אים אַרום און, ווי דורך טויזנטער
רינעס, שטראָמט וואַסער, פּאַרלעשט די בליצן און ס'ווערט אים אַזוי
גוט, אַזוי גוט און ער שווימט.

צ י ג י י נ ע ר

(1914)

1.

פֿײַערדיקע פֿלאַמען זײַנען געוואָקסן פֿון דער ערד אַרויס, געוואָקסן און זיך פֿאַרצויגן אַלץ העכער און העכער ביז די ווײַס-צעגליטע שפּיצן האָבן זיך צענויפֿגעגאָסן מיטן הימל און איבערגעלאָזט אונטער זיך קופּער, גאָלד און בראָנז.

אַרום די פֿײַער-פֿלאַמען האָבן זיך געטאָפּיעט קלײנע, פּורפּור-רויטע פֿײַערלעך.

דאָס האָט זיגמונד בליאַש געבערענט זײַנע „קאַרפּעס"*) און געמאַכט פֿון געוועזענעם וואַלד לאָנקעס.

צווישן די פֿײַערן אַרום אַ לײמענער פֿאָדלאָגע זײַנען געווען צעוואָרפֿן קופּקעס ציגײנער.

אַ יונגער ציגײנער אין אַ פּאָר ברײטע, בלויע הויזן, אין אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול מיט געפֿאַלדעוועטע ווי אַ האַרמאָניע כאָליעוועס איז געזעסן מיט אַ ציגאַנקע. מיט דער לינקער האַנט האָט ער זי אַרומגענומען און די פֿינגער פֿון דער רעכטער האָט ער פֿאַרלײגט אין אַ פּײַג, צוגעשטעלט דעם גראָבן צו די ליפּן און הילכיק ווי דורך אַ פּײַפֿל האָט ער אויסגעפּײַפֿט אַ פּאָלקע.

עטלעכע פּאָרלעך האָבן זיך לײכט געטראָגן איבער דער לײמענער פֿאָדלאָגע.

ווי אַן אויסגערוטער לײב איז געלעגן אויבן אָן דער „סטאַראָסטאַ" מאָראַלע, אַ ציגײנער פֿון אַ יאָר עטלעכע און פֿופֿציק, מיט אַ פּאָר לאַנגע גרויע וואָנסן. ער איז געלעגן אין אַ פּאָר בלויע הויזן באַ-

* דער שטאַם פֿון אַן אָפּגעהאַקטן בוים.

נייט מיט שוטאָש־בלומען, אין אַ צעעפנט באַטיסטן העמד, פון אונטער וועלכן אַ קופּער־האָריק לייב האָט זיך אַרויסגעזעען, געקוקט מיט אַן אָפן פּנים צום וואַלד־צו און לאַנגזאַם געצויגן זיין פּאָרצעלאַיענע פּיפּקע.

נעבן אים אויף אויסגעצייטע קישנס איז געזעסן זיין ווייב, אַן אַכצן־יעריקע ציגאַנקע, איינגעהילט אין אַ קאָלירטע זיידענע פּלאַכטע. די שיינע ציגאַנקע האָט אַוועקגעלייגט איר קאָפּ אויפן אַקסל. ווי אַן אומעטיק קינד, צעעפנט אירע גרויסע אויגן מיט די בלויע רייפן אַרום, איינגעצויגן די לענגלעכע ברעמען און אומרויִק געגומען קלימפּערן מיט אירע צעפּ, אין וועלכע זילבערנע רובלס זיינען געווען איינגעפלאָכטן. זי האָט אויסגעשטרעקט איר לאַנגן, ברוינעם האַלז, זיך פאַרקוקט אַזוי ווייט ווי דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן און אַזוי געבליבן זיצן אין דער נאַכט אַריין אַ שטאָלצע, אַן אומרויקע.

אַרום איז געווען שטיל. די ציגיינער זיינען געלעגן אויף די בייכער, זיך איינגעקוקט אין די פייערן, געפּיפּקעט די זייערע לולקעס און געשפּיגן.

אַ פולע לבנה האָט אָפּגעגאָסן די ביימער פון צווייטן זייט שאָסיי מיט אַ מאַטן שיין און די בלעטער, ווי בלייכע ים־שיסעלעך, האָבן געשפּרונגען פון אַ ציגיינער אויף אַ ציגאַנקע. די פייערן האָבן זיך געהאַלטן אין איין ציען, זיך דערנענטערט און איינגעהילט אַלץ אין רויטן — איז די לבנה מיט אַ מאָל רויט געוואָרן און די ים־שיסעלעך האָבן זיך אויף אַ רגע באַהאַלטן.

די שיינע ציגאַנקע האָט אַ ציטער געטאָן.

— וואָס איז, קינד? אָפּעלאַ, פויגל מיינער, וואָס איז? — האָט מאָראַלע זי ליבלעך געפרעגט.

אָפּעלאַ האָט אים אַ רגע אָנגעקוקט און זיך אַ שטעל געטאָן אויף די קניען. די קאָלירטע פּלאַכטע איז געבליבן הענגען אויף איין אַקסל און אָפּעלאַ איז געבליבן שטיין אין אַ לויזן ווייס קלייד, ווי אין אַ נאַכט־העמד אָן אַרבל. זי האָט אָנגעכאַפּט איר מאָראַלען פאַר די לאַנגע האָר, זיך אָפּגערוקט אַזוי ווייט ווי די אויסגעשטרעקטע הענט האָבן ערלויבט, פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ מיט אירע ווייסע, ווילדע ציין און געלאַכט און געשאָקלט מיטן צעפּאַטלטן, שוואַרצן קאָפּ האָר, ווי אַ צוויי־שאַרפיקער שטילעט איז געווען דורכגענומען.

די בלייכע ים־שיסעלעך, ווי אַ מחנה ווייסע פייגל, האָבן אויף דאָסניי גענומען שטיפן מיט אָפּעלאָן, האָט זי זיך האַרציק צעלאַכט און בויגיק, ווי אַ ווילדע קאַץ, גענומען אויסקושן מאָראַלען די אויגן, דאָס האָריקע לייב, טיפער איינגעגראָבן אירע צען פינגער אין זיינע לאַנגע פּאַסמעס האָר, זיך צוריקגעבויגן, און, איינגעהילטע אין אַ רויטן שיין, זיינען ביידע געבליבן זיצן ווי פון איין שטיק קופּער אויסגעשמידט.

די ציגיינער, וואָס זיינען געלעגן אַרום, האָבן נערוועז גענומען פּיפּקען זייערע ליולקעס, געשפּיגן ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקענט, כמעט זיך געשעמט צו קוקן ווי מאַראַלע, זייער „סטאַראָסטאַ“, פאַרגעסט זיך און זיך געשראָקן, אַז דער אַלטער זאָל באַלד קיין נאַרישקייט נישט אָפּטאָן.

— אמת, אָפּעלאַ איז אַ טייוול, אַ שטיק פייער, פונדעסטוועגן דאַרף זי געדענקען, אַז זי איז נישט מער ווי אַ מויד און איר פּלאַץ איז ביי מאָראַלעס פיס — האָבן די ציגיינער געטראַכט, זיך דערפילט מיט אַמאָל יונגער און זיך גענומען צושאַרן צו די ציגאַנקעס.

אָפּעלאָ האָט זיך פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף די קישנס, זיך אויסגעצויגן מיטן פּנים צום הימל און אַן אומרויִקע גענומען כאַפּן וגיט ביידע הענט די ים־שיסעלעך, אונטערגעשטעלט אונטער זיי די באַקן, דעם שטערן, די שוואַרצע האָר, די אויגן.

און בערג פונקען, ווי פאַלנדע שטערן, האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן — דאָס האָבן האַלב־נאַקעטע ציגיינערלעך געוואָרפן גרויסע שטיינער אין פאַנאַנדערגעברענטע קארפּעס.

אַרום איז געווען שטיל. פון מאָל צו מאָל האָט פון אַ צעבראָכענע קארפּע אַ סענק אויסגעשאָכן.

צעמבאַל, דער בלינדער, גרויער פידלשפּילער, מיט דער קאָלטענעוואַטער, ווי פון בראָנז געפלאָכטענער באָרד, וואָס איז פאַרוואָקסן אַזש אין קאָפּ אַריין און זיך פאַרצויגן ביז אונטער די אויגן, האָט אויסגעזען ווי אַן אויסגעגראָבענער מיט די וואָרצלען קארפּע. צעמבאַל האָט אַ שאַר געטאָן מיט זיינע ביינערנע קנאָכן איבער די סטרונעס פון אַן אַלטער פידל, צעעפנט זיינע הינערשע אויגן און מיט אַ צע־

צויגענע פחד־שטימע האָט ער אָנגעהויבן די אַלטע, צום הונדערטן מאָל דערציילטע געשיכטע:

„געלעבט האָט אַמאָל אַ ציגיינער אַלגאַשי. ער האָט גערעדט מיט דיר, דאַכט זיך געהאַלטן די הענט אין די הויזן־קעשענעס און ווי דו ביסט נאָר אַוועקגעגאַנגען, זיך אַ כאַפּ געטאָן — די פּאָר גראָשן זיינען נישטאָ. און אז מען האָט אים געכאַפּט אין אַ שטוב איז ער גע־וואָרן אַ ווערעמל און אַרויס דורך אַ שפּאַלט. אַ גוטער ציגיינער איז אַלגאַשי געוועזן — פון „קאָשטשאָל" נישט געוואָלט וויסן און צום היי־ליקן „דעמבּ" תפילה געטאָן. און פאַרשוווּנדן איז אַלגאַשי ביי טאָג, דען פאַר זיין קאָפּ האָט דער „וואָיעוואָדע" צוגעזאָגט הונדערט זילבערנע גילדן. און ביי נאַכט איז אַלגאַשי געשוווּמען איבער דער ווייסל מיט זיין באַנדע ווילדע יינגען. און געקיניגט האָט דער ציגיינער אַלגאַשי ביי נאַכט איבער דער ווייסל גאַנצע דריי יאָר מיט דריי טעג.

„שווערע צייטן זיינען געקומען — מחנות טערקן ווי היישעריקן האָבן פאַרפלייצט פוילן, ליטע און אונגאַרן. יינג און אַלט, ווער עס האָט נאָר געקאָנט האַלטן אַ שווערד אין האַנט, איז געגאַנגען שלאָגן דעם טערק און געבליבן זיינען אין לאַנד קינדער און ווייבער,

„געוואָלט האָט אַלגאַשי שלאָגן דעם טערק, שטאַרק געוואָלט, גע־שעמט האָט זיך דער ציגיינער אַלגאַשי צו בלייבן אין אַ מדינה פון ווייבער און קינדער. שטאָלץ איז דער ציגיינער אַלגאַשי געוועזן, גע וואַרט דער „וואָיעוואָדע" זאָל נאָך אים שיקן און אַן אָנגעכמורעטער, אַ בייזער האָט זיך אַלגאַשי געטראָגן אויף זיין שיפל איבער דער ווייסל און געפייפט. און דער „וואָיעוואָדע" האָט נאָך אַלגאַשין נישט געשיקט, און וואָס נענטער די טערקן האָבן זיך גערוקט צו דער ווייסל, געצונדן דערפער, אַלץ גיכער האָט זיך אַלגאַשי געטראָגן איבער דעם וואַסער, געפּאָכעט מיט זיין קרומער שאַבלע און העכער געפייפט. און אַז די פייערן זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער, איינגעהילט די ווייסל, און די ווייסע שוים אינטערן שיפל איז מיט אַמאָל רויט געוואָרן, האָט אַלגאַשי אָפּגעזיפצט און אַ שמייכל געטאָן. דאָס האָט אים די ווייסל אַליין געשיקט שלאָגן דעם טערק. אַ פריילעכער האָט אַלגאַשי נאָך דיזעלבע נאַכט געשיקט אַ שליח צום „וואָיעוואָדע" און שלום געשלאָסן. און באַלד האָט מען דערהערט איבער גאַנץ פוילן אַלגאַשיס גבורות —

ער האָט געשניטן מיט זיין קרומער שאַבלע טערקישע קעפּ, ווי מען שניידט שטרוי".

דער בלינדער צעמבאַל איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך אויסגעדרייט צו די פייערן און אַ ווייס־צעגליטע שיין, ווי אַ בליץ, האָט זיך פאַר־פלאָנטערט אין זיין קאַלטענעוואַטע באָרד, זיך אַ הויב געטאָן און ווי אַ בלאַנקנדע שאַרף זיך איינגעשניטן אין זיין צעאַקערט און פאַר־וואַקסן פּנים.

ער האָט ווידער אַ צי געטאָן מיט די פינגער איבער די סטרו־נעס און אַ צעשטראַלטער האָט ער נאָך פאַמעלעכער גענומען ציען זיינע ווערטער:

„און אַז אָלגאַשי איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה, האָט ער דעם „וואָיעוואָדע" געבראַכט אַ מתנה אַ גאָלדענע שווערד און זיך — אַ גאָלדענע ציגאַנקע. שיין איז געווען די גאָלדענע שווערד, שענער אָבער — די גאָלדענע ציגאַנקע. אירע שוואַרצע אויגן האָבן געברענט ווי זיבן זונען און נישט איין יינג איז דורך איר פאַרשרפעט געוואָרן. געפעלן איז דעם „וואָיעוואָדע" די גאָלדענע שווערד און נאָך מער איז אים געפעלן — די ציגאַנקע. האָט דער „וואָיעוואָדע" אָלגאַשין אָפּ־געשיקט די גאָלדענע שווערד און באַפוילן ער זאָל אים שיקן די ציגאַנקע. די ערשטע נאַכט דאַרף זי באַלאַנגען צו אים. אַזאַ מנהג איז דאַן געווען.

— אַ דונער וואָלט איך אים געגעבן! — האָט אַ יינגער ציגיי־נער איבערגעריסן צעמבאַלען מיט אַ ניגון.

„און אומעטיק איז אָלגאַשי געוואָרן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין שטאָלצן קאָפּ און זיינע וואָנסן זיינען געפאַלן איבער די אַקסלען. ער האָט געשווירן ביים אַלטן „דעמב" צו זיין געטריי דעם „וואָיעוואָדע" און שיקן די ציגאַנקע האָט אים דאָס האַרץ נישט געלאָזט, אוי, נישט געלאָזט. און אָלגאַשי איז אַוועק מיט דער ציגאַנקע צו דער ווייכל, געפאַלן פאַרן אַלטן, נאַקעטן „דעמב", אָן בלעטער, און אָן צווייגן, און אַזוי געזאָגט: „אַלטער דעמב, הייליקער דעמב, אַזוי און אַזוי, אַזוי און אַזוי, צי זאָל איך שיקן די מויד צום „וואָיעוואָדע"? און דער דעמב האָט געענטפערט: „פרעג נישט מיך, פרעג די ווייסל און אויב זי וועט דיר נישט ענטפערן ווארף איר די גאָלדענע

שווערד פאַר אַ קרבן און דער סימן וועט זיין — די ווייסע פאַסן פון הינטער דיין שיפל מוזן רויט ווערן".

„און אָלגאַשי איז געזעסן מיט דער שיינער ציגאַנקע אויפן ברעג פון דער ווייסל, געהייסן טרייבן זיין שיפל און געווען זיכער, אַז אַ נס וועט געשען. און ווייס איז די שוים פון הינטערן שיפל געווען און נאָך ווייסער זיינען דער ציגאַנקעס ווייסע ציין געווען. איז אָלגאַשי געוואָרן אומרויק. אַ שליידער געטאָן די גאָלדענע שווערד אין דער ווייסל אַריין, גיכער געהייסן טרייבן דאָס שיפל און די שוים איז אַלץ ווייסער געוואָרן, און די שיינע ציגאַנקע האָט צעפלאָכטן אירע לאַנגע, שוואַרצע צעפּ. אַרומגענומען אָלגאַשין מיט ביידע הענט און שטאַרק געבעטן ער זאָל זי נישט שיקן צום „וואָיעוואָדע". און אַז דעם „וואָיעוואָדעס" שליח האָט זיך באַוויזן פון דער ווייטנס און די ווייסע שוים פון הינטערן שיפל איז נישט רויט געוואָרן, האָט אָלגאַשי אַ בלאָסער אויפגעהויבן זיין ציגאַנקע און זיך אַ וואָרף געטאָן מיט איר אויף די שפּיציקע, שוואַרצע שטיינער, וואָס האָבן זיך געשוועבקט אין דער ווייסל. און די ווייסע שוים האָט גענומען רויט ווערן.

„אַזוי איז געשטאָרבן דער ציגיינער אָלגאַשי און זיין גאָלדענע ציגאַנקע — — — —".

צעמבאַל איז אַנטשוויגן געוואָרן, פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, פאַרמאַכט די בלינדע אויגן און אָנשפּאַרנדיק זיין לאַנגע, קאָלטענעוואַטע באָרד אויף דער פידל, האָט ער גענומען ציען מיטן בויגן איבער די סטרונעס, איבער דער באָרד. זיינען די ציגיינער לעבעדיקער געוואָרן, גענומען מיטפייפן, מיטזינגען און די, וואָס זיינען געלעגן אויף די בייכער, האָבן פאַרריסן די פיס אין דער לופטן און צוגעקלאַפּט מיט די טילקעס צום טאַקט.

און אַ פאַרחלומטע איז אָפעלאַ געזעסן אויף די ווייכע קישנס, געזען דעם גבור אָלגאַשי, ווי ער שטייט ערגעץ ווייט אַ הויכער אין אַ פוטערן היטל, האַלט די גאָלדענע ציגאַנקע אויף די הענט. די ציגאַנקע שפּרייט פייערדיקע פלאַכטעס. ציגדט בוימער און דער וואַלד ברענט. אָפעלאַ האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אַ ווילע איינגעהערט ווי די ציגיינער זינגען און איז אויפגעשפּרונגען, זי האָט אַראָפּגעלאָזט די קאָלירטע

ווײַדענע פלאַכטע איבער די ברוסטן, זי פעסט אײַנגעצויגן אַרום דער טאַליע און אין אירע געלע געשנורעוועטע שטיוועלעך מיט די ווײַדענע קוטאַסן, האָט זי גענומען אַרומגיין איבער דער פּאָדלאָגע געלאַסן. זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען, געבויגן אירע פולע נאַקעטע הענט, פאַרלייגט די צוויי צעפּ אַרום דעם קאָפּ ווי אַ קראַנץ און זיך אָפּגעשטעלט.

אַן „אָווטשאַרעק" האָט זיך צעשאָטן אין דער נאַכט אַרײַן.

אַ ייִנגער ציגײַנער אין אַ פּאָר לאַקירטע שטיוול מיט שטאָלענע פּאָדקאָוועס, די שוואַרצע געקרויזטע האָר פאַרקןמט מיט אַ שרינט אין דער מיט, די וואָנסן וויל-יונגעריש פאַרדרייט, איז אַ פאַל אַרײַן געטאָן ווי אַ רוח און זיך גענומען טראָגן אויף איין פוס צו דער ציגאַנקע. ער האָט אָנגענומען אָפּעלאָן בײַ דער האַנט, אויסגעשטעלט אַ פוס, מיטגעזונגען און שטייענדיק אויף איין פלאַץ האָט ער גענומען צוקלאַפּן מיט אַ פוס צום טאַקט, אַז פונקען האָבן זיך געגאָסן פון אונטער דער פּאָדקאָווע. ער האָט זיך מיט אַ מאָל אַ ריס געטאָן ווי אַ ווינט, געפלויגן מיט אָפּעלאָן איבער דער פּאָדלאָגע און עס האָט זיך געדאַכט אַז ער קלײַבט זיך צו אַנטלויפן מיט דער ציגאַנקע ערגעץ אין פעלד אַרײַן; האָט ער זיך אָבער בײַם ראַנד פון דער פּאָדלאָגע אין דעם שטאַרקסטן אימפּעט אַ זעץ צו געטאָן, פאַרוואָרפן אַ פוס, אַ זעץ געטאָן אין דער ליאַקירטער כאָליעווע, אַ קנאַל מיט דער צונג, זיך האַסטיק אַ כאַפּ א׳יף געטאָן, געבליבן שטיין אויף די אָבצאַסן, זיך גענומען דרייען אויף איין פוס צוקלאַפּנדיק מיט דעם צווייטן, גלײַך מען וואָלט אַרבעס געשאָטן, געפּאַלן אויף די הענט, אויפן בויך, זיך אַרומגעוויקלט ווי אַ בייגל ארום אָפּעלאס פיס און אָפּעלא אַ צעפּלאַמטע, אַ שטאָלצע, מיטן בלאַנקענדן שטילעט אין אירע צעפּאַטלטע, שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך האַלב צעשאָטן איבער די אַקסלען, האָט זיך בויגיק צוגעזעצט אויפן ציגײַנער, אויסגעשטרעקט איר לאַנגן גאָלדענעם האַלז, פאַרזשמורעט די אויגן און ווי אַ קלאָר פײַפל גענומען אויסזינגען אַן „אָווטשאַרעק".

און אַז די ציגײַנער, ייִנג און אַלט — טונקל-קופּערנע, מיט שוואַרצע קעפּ האָר, מיט פלאַם-פײַערדיקע אויגן, רירעוודיק, מיט מיגרישעס אין זייערע אַלע גלידער, האָבן דערזען פון דערווײַטנס די קופּער-שמידז מיט די גרויסע זילבערנע קנעפּ ווי גלעקלעך, האָבן זיי

זיר דערפילט שטאָלצער, וואָס די ציגיינערשע יחסנים פאַרלאָזן זייערע פייערן ביי נאַכט און שלעפן זיך אַהער, און אַלץ צוליב אָפּעלאָן!

זיי האָבן זיך איינציקווייז אויפגעשטעלט, אַראָפּגעוואָרפן די בלויע רעקלעך און אַ ציגיינער איז זיך פאַרגאַנגען:

...שוואַרצע אויגן, שוואַרצע צעפּ,
ווייסע ציין, זילבערנע קנעפּ!
האָלאַ, האָלאַ, האָלאַ־לאַ!
האָלאַ, האָלאַ, האָלאַ־לאַ!

און אַ כאָר פון מענערשע שטימען האָט זיך געריסן אין דער נאַכט אַריין, געוואָרן ווילדער, זיך אָפּגעריסן און אָנגעיאָגט אַ מאָדנעם אומעט. האָט זיך אַ ציגיינער ערגעץ צעלאַכט — האָבן אַלע אויסגעשאָסן אין אַ קינדיש געלעכטער, זיך געפּאָרט און ווילד זיך געטראָגן איבער דער פּאָדלאָגע.

יונגע פּויערים און שיקסעס האָבן זיך צונויפגעקליבן פון אַרום, זיך צעזעצט פון דערווייטנס און געקוקט. עס איז געווען שטיל. די פייערן זיינען זיך צעשוווּמען, אָנגעפּילט די לופט מיט אַ רויטלעכן רויך. די לבנה אַ בלוטיקע, אַ רויטע איז געשטאַנען איבערן וואַלד און גרויסע, לאַנגע שאָטנס האָבן זיך געלייגט, געהויבן, זיך אויסגעצויגן איבערן שאָסיי און פאַרשווּנדן ערגעץ דאָרט אין טיפן וואַלד.

פון די שאָטנס האָט זיך ארויסגעשניטן אַ הויכע פיגור, באַלד נאָך אַ פיגור און זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די ציגיינער. דאָס איז געווען זיגמונד בליאַש, אַ הויכער, ברונעט פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, מיט אַ קלוג רירעוודיק פּנים, וואָס מאַכט תמיד דעם איינדרוק אַז עס איז נישט געראָזירט. בליאַש, פאַרפּאָרנדיק צו זיך אַ־ין אַ טאָג אין וואַלד אַריין, איז אַ נייגעריקער געגאַנגען באַקוקן די ציגיינער. נאָך אים האָט זיך נאָכגעשלעפּט וואַצעק זיין לעשניק — אַ נידריקער, ברייטביייניקער און איינגעהויקערטער פּויער מיט צעשפּרייטע הענט און פיס, דערמאָנענדיק פון דערווייטנס אַ גרויסן שפּין.

אַז זיגמונד בליאַש איז צוגעקומען נעענטער און דערזען אָפּעלאָן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די ציגאַנקע אין איר קאָלירטע, זיידענע פלאַכטע מיט די צעפּאַטלטע האָר דורכגענומען מיטן בלאַנקענדן שטילעט, איז געשטאַנען אין דער מיט פון דער פּאָדלאָגע אַ בויגיקע, אַ

שטאָלצע. זי האָט אַ בויג געטאָן איר קאָפּ רעכט — און די לבנה האָט זי אָפּגעגאָסן מיט אַ מאַטע זילבערנע בלייכקייט; לינקס — און די פֿייערן האָבן זי איינגעהילט אין אַ רויטלעך זיידענעם טול. זיגמונד האָט אַליין נישט געוווסט וואָס אין דער ציגאַנקע געפֿעלט אים און פּונקט ווי דער ים אין אַ שיינעם פֿאַרנאַכט שטימט אי פֿריילעך, אי אומעטיק, אַזוי האָט בליאַש מיט אַמאָל דערפֿילט ווי עס ווערט אים אי לייכט, אי שווער און אַ צוגעשמידטער איז ער געבליבן שטיין און געקוקט אויף דער ציגאַנקע.

דער לעשניק האָט פֿון גרויס התפּעלות פֿאַררוקט דאָס היטל, זיך גענומען קראַצן און אויסגעשפּיגן: „פּשאַ־קרעוו, אַ טייוול אַ מויד"!

די ציגיינער דערזעענדיק דעם פּאַן בליאַש האָבן זיי אים גלייך צוגעפֿירט צום „סטאַראָסטע".

— גוט אוונט, פּאַניע בעל־הבית! געקומען באַזוכן אונז ציגיינער, אמת? זייער שיין; זיך! — האָט דער סטאַראָסטע געצויגן די ווערטער און צוגערוקט בליאַשן אַ לייוונטן בענקל.

זיגמונד בליאַש האָט זיך אויסגעצויגן נעבן ציגיינער אויפֿן גראָז. אַ יינג ציגיינערל האָט דערלאַנגט צוויי פֿלעשלעך ביר.

— יעצט, מיין „גאָלדענער פּאַן", וועלן מיר טרינקען ברודער־שאַפֿט—און דער סטאַראָסטע האָט דערלאַנגט זיגמונדן אַ פֿלעשל ביר.

— אַ דאַנק, איך טרינק נישט!

— בע — האָט דער סטאַראָסטע אויסגעשפּיגן — דער פּאַן שעמט זיך גאָר מיט ציגיינער! הע, „פּאַניע זלאָטי", דאָס גייט נישט! מיר זיינען דאָך קאַטאָליקן, גייען אין דעם זעלבן „קאָשטשאָל", ליגן אויפֿן זעלבן בית־עולם, מיר זיינען ברודער! נו, טרינק! באַליידיק נישט אַ ציגיינער!

— ווער איז דיין ברודער, ווער? וואָס מלאַמלסטו? — האָט דער לעשניק זיך חוצפּהדיק אַריינגעמישט-דו טרעפּסט ווי אַ בלינד פֿערד!

— ווער רעדט צו דיר — האָט מאַראַלע שטאָלץ געענטפֿערט — אַז מענטשן רעדן, שוויג, דו, חזרשע אויער, דו! — און ער האָט ווייטער גערעדט צו בליאַשן:

— אַזוי, דער פּאַן בעל־הבית איז אַ „איזראַעליטאַ", נו, זיינען מיר דאָך אַוודאי און אודאי קרובים, טאָ טרינק־זשע, פּאַניע! אַ פֿלעשל

ביר וועט דיך אַ ביסל צעטרייסלען און יונג ביסטו דאָך — נישט גוט צו זיצן אויף הייסע קוילן, פּאַניע, עס ברית! קלויבט מען זיך אויס אַ ציגאַנקע! פייער לעשט פייער!

זיגמונד בליאַש האָט געשמייכלט.

— עה, פּאַניע, דו ביסט געלערנט, געגאַנגען אין שקאָלעס און אַזאַ קליינינקייט ווייסט דו נישט. נו, טרינק וועל איך דיר באַלד ערקלערן

דער סטאַראָסטע האָט אָנגעהויבן:

— מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען דער שטאַרקער דעבלא האָט געוואָלט מענטשן באַשאַפן, האָט ער אָוועקגעשטעלט מחנות מלאכים איבער צוויי גרויסע גריבער ליים און געהייסן פון ערשטן גרוב אויס-קנעטן יידן און פון צווייטן — פּאָליאַקן. די מלאכים האָבן געקנעטן, געקנעטן ביז זיי האָבן כמעט דעם גאַנצן ליים אויסגעקנעטן. אין יעדן גרוב איז געבליבן צו ביסל ליים פון וועלכן מען האָט מער קיין מענטש נישט געקאָנט מאַכן, זיינען די מלאכים געשטאַנען פאַרזאָרגטע, נישט געוווּסט וואָס מיטן ליים צו טאָן. אַז דער שטאַרקער דעבלא האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך צעלאַכט פון איין אויער ביז דעם צווייטן, צונויפגענומען דאָס ליים פון ביידע גריבער, עס גוט אויסגעקנעטן און אַרויסגעשפּרונגען איז אַ שוואַרצער ציגיינער.

בליאַש האָט זיך צעלאַכט. אָפּעלאַ איז צוגעקומען טאַנצנדיק און ווי זי וואָלט נישט באַמערקט אַ פרעמדן מאַן זיצן, האָט זי זיך אַ וואָרף אַריין געטאָן אין די קישנס.

— נו, פויגל מיינער, ביסט מיד — האָט זיך דער סטאַראָסטע גע-ווענדעט צו אָפּעלאַן — זעסט, דאָס איז דער פּאַן בעל-הבית, געקומען אונז באַזוכן, ווייבל מיינס!

זי האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף בליאַשן און אים באַגריסט.

— איר האָט אַ שיין ווייב, אויף מיין וואָרט, שיין — האָט בליאַש געזאָגט דעם ציגיינער אַז זי זאָל אויך הערן און געקוקט אויף דער ציגאַנקע.

אָפּעלאָ האָט צעעפנט אירע גרויסע אויגן און מיט אַ קינדישער תמימות און איבעררשונג געקוקט בליאַשן גלייך אין פּנים אַריין, ביז ער האָט נישט אויסגעהאַלטן און זיך פאַרשעמט. האָט זי אויסגעשאָסן

אין אַ הילכיק געלעכטער, אויפגעשפּרונגען און פאַרשווונדן צווישן די פּאָרלעך אויף דער פּאָדלאָגע.

— יונג בלוט — האָט דער סטאַראָסטע אַ צופרידענער געזונגען — קאָן נישט איינזיצן... דאָס איז גאָר קיין מויד גישט, דאָס איז פייער! און אַלט ווערן לאָזט זי נישט, זי וועט גיכער פון טויט לעבעדיק מאַכן!

— איר האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט? — האָט בליאַש געפרעגט.

— לאַנג? ניין! צום לויוועטשער פערד-מאַרק וועט ווערן אַ יאָר.

אָפּעלאָ איז צוריקגעקומען, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קישנס און אַן אומצופרידענע געזאָגט.

— קום, טייערער, מיר וועלן אַ היים גיין. איך בין מיד.

— וואָס איז, פויגל מייגער? וואָס האָסט דו דאָס קעפּל אַראָפּגעלאָזט, זאָג!

— גאָר נישט. איך בין מיד, קום אַהיים!

— גוט!

מאָראלע האָט זיך אויפגעשטעלט, אָנגעטאָן זיין בלויען,ברייטן ראָק מיט די קיילעכדיקע שנורענע פּעטליעס און זיך צערעדט מיט אַ ציגיינער.

אָפּעלא האָט מיט אַמאָל געפרעגט, נישט קוקנדיק אויף בליאַשן:

— דער פּאַן איז רייך? ווי רייך איז דער פּאַן?

— איך בין זייער רייך!

— רייך ווי אַ פּרינץ?

— רייכער!

— און צו וואָס דאַרף דער פּאַן אַזוי פיל געלט?

— איך זאָל עס פאַר מיין געליבטע.

— טאַקע? און ווו וווינט דער פּאַן? אין וואַלד?

— ניין, איך וווין ווייט פון דאַן, איך וווין אין וואַרשע.

— אין וואַרשע? דאָרט זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל שיינע מיידלעך! פאַרוואָס קלויבט זיך דער פּאַן נישט אויס קיין געליבטע?

— ווען איך געפין אַזאַ מיידל ווי דו ביסט... ווי הייסטו?

— גיי, דער פּאַן לאַכט פון מיר!

— אסור!

— ווי איך הייס? אָפּעלא! און ווי הייסט דער פּאַן?

— זיגמונד. אָפּעלאָ, דו ווייסט ווו די ווערענדע איז אין וואַלד?

— אודאי ווייס איך!

— קום מאָרגן פֿאַרנאַכט צו דער וועראַנדע. ווּעסט קומען?

— צו דער וועראַנדע?

מאָראַלע האָט איבערגעריסן דעם געשפרעך. ער האָט צונויפגענו־מען די קישנס, זיי איבערגעגעבן אַ ציגיינער און זיך געזעגנט מיט בליאַשן:

— אַ גוטע נאַכט, פּאַניע בעל־הבית, אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט.

אָפּעלאַ איז אויפגעשפּרונגען, זיך נישט געזעגנט מיט בליאַשן און גענומען אַוועקגיין מיטן ציגיינער.

בליאַש איז געבליבן ליגן, געקוקט ווי דער „סטאַראָסטאַ" שפּרייזט יונג און בויגיק, ווי וואָלעריש ער וואַרפט מיט דעם גרויסן קאָפּ האָר און פאַרשווינדט ביסלעכווייז מיט דער ציגאַנקע. צוויי גרויסע שאָטנס האָבן געשפּרונגען פון דער לאַנקע אויפן שאָסיי און בליאַשן איז מיט אַמאָל שטאַרק אומעטיק געוואָרן.

די פּאַדלאָגע איז געוואָרן ליידיק.

ערגעץ ווייט האָט זיך אימיצער צעזונגען, עס האָט זיך געהערט אַ געלעכטער און עס איז שטיל געוואָרן.

בליאַש איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, געקוקט אויף אָפּעלאַן, ווי אויף אַ ווילדע פּרינצעסן און עס האָט אים באַנג געטאָן ביז טרערן.

2

עס איז געווען אַ הייסער נאָכמיטאָג. די היץ האָט געטרוקנט אין האַלז, געקלעפּט די אויגן, אָנגעיאָגט אַ פוילקייט, אַז עס האָט זיך גאָר־נישט געוואָלט טאָן, נישט טראַכטן, זיך פאַרקלייבן אין אַ שאָטן און דרעמלען.

אויפֿן זאַמדיקן וועג, וואָס פֿירט אין וואַלד אַריין, זיינען געשטאַנען עטלעכע קליינע ציגיינערלעך, ווי גאָט האָט זיי באַשאַפֿן. זיי זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ שורה און געצילעוועט שטיינדלעך אין אַ לעבעדיקער וואָראָנע, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ צווייג און הייזעריק געקראַקעט.

אַ רויטער, פֿאַרשוויצטער פּויער, אין אַ גראָב לייוונט העמד, איז אָנגעקומען פֿון וואַלד. דער פּויער האָט געפֿירט אויף אַ שטריק אַ יונג ביקל.

— הינטישע אמונה, אַוועק! — האָט דער פּויער זיך צעשריגן אויף די ציגיינערלעך און אַראָפּגעכאַפּט מיט איין האַנט דעם פּאַסעק פֿון די הויזן. דאָס ביקל האָט זיך דערווייל אַ ריס געטאָן, דער פּויער האָט זיך מיט איין האַנט אָנגעכאַפּט פֿאַר די הויזן, זיי זאָלן נישט אַראָפּפֿאַלן, און פֿאַרשוווּנדן מיטן ביקל אין אַ וואָלקן שטויב.

פֿון ביידע זייטן וועג, ווו דער וואַלד איז שוין געווען אויסגעהאַקט, האָבן זיך געצויגן לייוונטענע פּאַלאַטקעס, ווי אָפּגעקאָלכטע בינשטאָקן. געפּענטעטע, מיטלוווקסיקע פֿערד האָבן פֿויל געצופּט דאָס גראָז, געשפּרונגען אויף די פֿאָדערשטע פֿיס און געהאַלטן אין איין אָפּיאָגן די מחנות פֿליגן פֿון אונטער די לאַנגע עקן.

נעבן דער „רזשיקע“ איז געשטאַנען אַן אַלטער ציגיינער און געצוואָגן אַ קליין קינד מיט שיטערן זייף. דאָס ציגיינערל האָט געמאַכט קולות, געוואָרפֿן מיט די פֿיסלעך. דער אַלטער האָט דאָס קינד אויפֿגעהויבן פֿאַרן געקרויזטן קעפּל און עס עטלעכע מאָל אָפּגעטוקט אין וואַסער.

נישט ווייט פֿון די פּאַלאַטקעס האָט געקאָפּטשעט אַ פֿייערל. איבערן פֿייערל זיינען געשטאַנען צוויי אייזערנע שטאַבעס, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען אַ גרויסער קופּערנער קעסל.

פֿון וועג איז אָנגעקומען אַ באָרוויסע, פֿאַרשטויבטע ציגאַנקע. פֿון דער פֿלאַכטע, וואָס איז געהאַנגען אויף איר פּלייצע, האָט אַרויסגעקוקט אַ קליין ציגיינערל מיט אַ פּאָר גנבֿישע אויגעלעך. די ציגאַנקע האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון דער פֿלאַכטע אַ האָן מיט אַן אָפּגעדרייט קעפּל, אים געלאָזט ליגן נעבן פֿייער און צוריק פֿאַרשוווּנדן אין שטויביקן וועג. אַרום איז געווען שטיל, דושנע, געשמעקט מיט אָפּגעסמאַליעטע פֿעדערן.

אין דער מיט פון אַן אָפּענער פּאַלאַטקע איז געזעסן אַן אַלטע גרויע ציגאַנקע, ווי אַ אמתע מכשפה, מיט איינגעצויגענע באַקן, מיט אַ לאַנגע, דאַרע נאָז, וואָס איז זיך כמעט ווי צונויפגעקומען מיט דער שפּיציקער גאָמבע, און געשריגן:

— וואָס פאַראַ ציגאַנקע וועסטו זיין, אַז דו וועסט נישט קאָנען גיין אויף דער „שפּראַכאַרקע", נישט קאָנען פאַרדינען פאַרן מאַן און קינדער? דער מאַן וועט דאָך דיך אויפהענגען! אַ מויד ווי אַ קאָבילע, ראָמאַנסירט מיט יונגען, נו, איז צייט זי זאָל ווערן אַ מענטש!

אַרום זיינען געזעסן נאָך גאָר יונגע ציגאַנקעס, געקוקט אין פונאַנדערגעוואָרפענע קאָרטן און זיך צוגעהערט ווי איינע פון זיי האָט „געוואָרזשעט", געוועדט מיט אַ זיסן ניגון. דאָס האָט די אַלטע געלערנט זיי קאָרטן לייגן, געמאַכט זיי פאַר אמתע ציגאַנקעס.

די ציגיינער האָבן אָפּגעגעסן מיטאָג. אויסגערוימט די פּאַלאַטקעס, צוגעגרייט „וויעטשערע" פאַר די ציגאַנקעס, וואָס זיינען באַגינען אַוועק אויף דער „שפּראַכראַקע", און זיך פאַרקליבן צו מאָראַלען. מאָראַלע אין זיינע ברייטע בלויע הויזן, אין אַן אויסגעניייט באַטיסטן העמד, איז געזעסן אין דעם אַריינגאַנג פון זיין פּאַלאַטקע אויף אַ לייוונטן בענקל און געפּיפּקעט אַ לאַנגן ציבעק.

טיף אין דער פּאַלאַטקע, אין אַ באַרג קישנס איז געלעגן אָפעלאָ.

פון הינטער אַ בוים האָט זיך באַוויזן אַ יונגער ציגיינער אין בלויזע הויזן, פאַרצויגן מיט אַ ברייטן, לאַקירטן פּאַסעק, וועלכער איז געוועזן אויסגעזעצט מיט ים־שטעקעלעך. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אַ דיקע צווייג פון אַ בוים, זיך איבערגעצויגן, אַרויסגענומען אַ טאָרבע פון טאַבאַק, געמאַכט פון אַלערליי פאַרביקע שטיקלעך זיידנס, אויסגעוויקלט אַ פּאַפּיראָס און צוגעגאַנגען צו מאָראַלעס פּאַלאַטקע:

— זיי האָבן דאָך אַפילו די געשטופּלטע ראָמאַ פאַרבעטן.

— ווער? — האָט זיך אַן אַלטער ציגיינער געפרעגט.

— די געשוואָלענע.

— ס'אַראַ געשוואָלענע?

— מיר וועלן נישט לאָזן! — איז אַ ברייטביינערער ציגיינער אַריין דעם יינגן אין די רייד.

— געוויס נישט! — האָט אַ דריטער זיך אָנגערופן.

— איר האָט שוין אָנגעמאָלן אויף דריי וועגן — האָט מאַראַלע געזאָגט און אַרויסגעלאָזט אַ מויל רויך — און כ׳ווייס נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, רעדט מענטשן זאָלן פאַרשטיין.

— אָט וועגן וואָס — האָט דער ברייטביינעקער געענטפערט און זיך אַזש אויפגעשטעלט — די קופּער־שמידן האָבן נעכטן פאַרבעטן אונזערע ציגאַנקעס אויף אַ טאַנץ און מיר וועלן זיי שיקן אַ כאָלערע אין די זייטן!

— מיר וועלן זיי נישט דאַרפן שיקן, זיי וועלן אַליין גיין! — האָט זיך עמיצער אָנגערופן.

— זיי וועלן גאָרנישט גיין — האָט זיך דער ברייטביינעקער גע־היצט — און אויב יאָ, גיב איך מיין וואָרט, ווי כ׳בין אַ ציגיינער, אַז בלוט וועט זיך דאָרט גיסן!

— האָ־האָ־האָ! — האָט זיך דער יונג פאַרגאַנגען.

— זאָל מיך שוין אַ דונער טרעפן צי כ׳זאָג אַ ליגן — האָט דער ברייטביינעקער זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט.

— אודאי זאָגסטו אַ ליגן!

— זאָג איך!

— דאָס טענה איך דאָך!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

— און דו — האָט דער ברייטביינעקער פאַרקוועטשט די פויסטן און זיך געוואָלט וואַרפן אויפן יונג — דו ביסט אַ ים־חזיר!

— ווער איז אַ ים־חזיר?

— דו!

— און קוק אים נאָר אָן, דעם פאַרשוין, אַ פּנים האָט עס ווי מען וואָלט אַ קאַץ אויפן עק געקוועטשט. עה, ברודער, ביסט אַ האַלבער פּיסטאָלעט!

— האַ, האַ, האַ! — האָבן די ציגיינער געפּלאַצט פון געלעכטער. — ווער איז דיינס אַ ברודער, ווער? — האָט זיך דער ברייטביינעקער געהיצט — צוזאַמען ביי איין ווייב געוועזן?

— אָפּגעשלאָגן און אַ סוף! וואָס שטייט איר, וואָס, ווי צוויי העגער? — האָט אַן עלטערער זיך אַריינגעמישט.

אָפּעלאָ האָט זיך נישט איינגעהערט. זי האָט פאַרזשמורעט די אויגן און געטראַכט וועגן די אונגאַרישע רעסטאָראַנען, ווו זי האָט מיידלווייז געטאַנצט, וועגן דעם רייכן „פּאַן“. וואָס ער האָט זי נעכטן פאַרבעטן, וועגן די אויסגעוואָרפענע קאָרטן. דריי מאָל איז דער מלך שעל אַרויס — אַ רייכער ברונעט מיט אַ קאַלט האַרץ. און דריי מאָל איז די מלכּה שעל אים אַנטקייגן געקומען — אַ יונגע דאַמע מיט שוואַרצע ווי די נאַכט צעפּ, מיט אַ האַרץ פול ליבע. און וואַרעמען וועט די דאַמע דאָס קאַלטע האַרץ, זיין אַ רגע גליקלעך און וועט פאַרפרוירן ווערן. מער אָבער ווי דריי מאָל טאָר מען דאָס אייגענע מזל נישט פּרובירן.

אָפּעלאָ האָט מאָראַלען ליב געהאַט. אמת, מאָראַלע איז שוין נישט געווען קיין יונגער, פונדעסטוועגן, אַז ער האָט זי אַרומגענומען האָבן אַלע ביינער געקנאַקט און קיינער פון די יינגע ציגיינער האָט זיך צו אים נישט געקאָנט גלייכן. דערצו האָט ער זי אָפּגעקויפט, באַצאָלט איר פאָטער טויזנט זילבערנע טאָלער. מאָדנע, זייענדיק אין דער היים האָט זי תמיד געחלומט צו צושטיין צו אַ באַנדע ציגיינער און לעבן מיט זיי אין די וועלדער. די ערשטע צייט איז זי טאַקע נישט איינגעזעסן אין דער פּאַלאַטקע; גאַנצע טעג געשפּאַצירט איבער די גרינע לאָנקעס, פאַרקראָכן טיף אין וואַלד אַריין, זיך מיטגעכאַפּט אָן מאַנס וויסן אויף דער „שפּראַכאַרקע“. נאַכט איין, נאַכט אויס האָט מען גרויסע פייערן צעלייגט, די סטרונעס זיינען פון צופיל שפּילן געפּלאַצט און זי האָט מיד געמאַכט די בעסטע טענצער. איצט איז איר אַלץ דערעסן. די פּאַלאַטקע, דער וואַלד, דאָס פרייע ציגיינער לעבן — אַלץ וואָס עס האָט איר פריער געצויגן איז איר איצט דערווידער. און צומיינסטן האָבן איר דערעסן די מהנות פליגן, וואָס האָבן אָנגעפילט די פּאַלאַטקע מיט אַ זשומעריי און אַזוי געביסן אַז מען האָט זיי פון זיך בשום אופן נישט געקענט אָפּיאָגן. און אפשר גאָר גיין צום רייכן „פּאַן“ אין וואַלד אַריין? ער האָט דאָך זי פאַרבעטן? און ווער ווייס? זי האָט דאָך אַזוי פיל מעשיות געהערט, ווי פרינצן פאַרליבן זיך אין ציגאַנקעס, האַלטן זיי געפאַנגען אין שלעסער, אין טיפע וועלדער. יאָ, זי רופט גלייך די אַלטע קאַרלא. זיך לאָזן „וואָראָזשען“ און אויב זי וועט זאָגן דאָסזעלבע גייט זי צום „פּאַן“.

— גוט מאָרגן, שײנע אָפּעלאַ! — האָט די אַלטע קאַרלאַ, אַ צײ־גאַנקע בלױז הױט און בײנער אױסגעזױגענע.

— גוט מאָרגן, קאַרלאַ, קום אַרײַן!

די אַלטע איז אַרײַן אין דער פּאַלאַטקע און זיך אַראָפּגעלאָזט אױף די קניִען:

— װער האָט אַװעקגערױבט דעם גלאַנץ פֿון דײַן גאָלדן אױג, שײנער מלאך מײַנער! װי שלעכט דו זעסט אױס! װאָס איז דיר? זאָג דער אַלטער קאַרלאַ, זי װעט די שװערע משא אַראָפּנעמען פֿון דײַן האַרץ! שעם זיך ניש, קינד מײַנס, די קאָרט װעט אַלץ אױסזאָגן!

די אַלטע האָט אַרױסגעשלעפּט פֿון בוזעם אַן אָנגעשװאָלן פּעקל קאָרטן און עס פֿאַנאַנדערגעװאָרפֿן אױף די קישנס:

— נו, אַצינד, מײַן הערצל, לײג אַװעק אַ צענער אױף דער ערשטער קאָרט, סװעט זײַן מזלדיק און די אַלטע קאַרלאַ װעט זאָגן דעם רײנעם אמת!

אָפּעלאַ האָט געשמײכלט.

די אַלטע האָט צעװאָרפֿן די קאָרטן מיט אירע בײנערנע קנאָכן, זײ אױסגעלײגט אין דער פֿאָרם פֿון אַ האַרץ, דרײַ מאָל אױסגעשפּיגן, געװױספּערט מיט די ליפּן, אױפֿגעהױבן אַ קאָרט און גערעדט מיט אַ שטיל, אױסטערליש קול, װי אַ מת:

— מלך שעל — אַ ברונעט מיט אַ געדרײטער װאָנס האָט אַװעק־גערױבט דײַן רו, נאָר לאָז דײַן גאָלדן אױג ניש װײנען, שײנע אָפּעלאַ! סאיז דיר באַשערט אין דער צוקונפֿט אַ גרױס גליק, מײַד אױס די טריט פֿון דעם ברונעט װאָס גײט דיר נאָך. מער האָט די קאָרט ניש װאָס צו זאָגן, אוצר מײַנער!

אָפּעלאַ האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע:

— מײַן גוטע קאַרלאַ, זאָג װאָס װאָלסט דו געטאָן?

— כי־כי־כי — איז זיך די אַלטע פֿאַרגאַנגען װי אַ פֿױגל — ס׳אַראַ קינד, דו ביסט, אָפּעלאַ! װאָס פֿאַר אַ משוגענער װעט זיך באַכשלעפּן נאָך אַן אַלטן בעזים, אַז עס בליִען אַזעלכע שײנע רױזן װי דו? דו מײנסט אודאי װען כ׳בין יונג געװען? פֿרעג ניש! געװען װילד, װילד װי אַ פֿױגל! איבערגעשטיגן אײַך אַלע! און װער מײנסטו איז די בעסטע טענצערקע געװען אין די לאָמביער װעלדער? דאָס

ווייסן די אַלטע ציגיינער! און ווער האָט געהאַט צעפּ ביז איבער די קניען? און ווער האָט די ציגיינער די קעפּ פּאַרדרייט? אַלץ איך! קאַרלאַ! דערפאַר בין איך דאָך יונג געווען, קינד מיינס, געטאָן וואָס ס׳האַרץ האָט געגלוסט! עה, אַוועק די אַלטע צייטן! — האָט קאַרלאַ געענדיקט מיט אַ זיפץ, צונויפגענומען די קאָרטן און זיך אַרויסגע-שאַרט.

אָפּעלאָ איז געבליבן ליגן אויף די קישנס אַן אומצופרידענע. די געשרייען פון די ציגיינער וואָס זיינען געווען צעוואָרפן אַרום דער פּאַלאַטקע זיינען איר נמאס געוואָרן. פון פּאַרדרוס האָט זי געכאַפּט אַ פולע האַנט פליגן, זיי אַ שליידער געטאָן אין אַ קובל וואַסער, דורכ-גענומען די האָר מיטן צווייַ שאַרפיגן שטילעט און אַרויס פון דער פּאַלאַטקע.

3.

אָפּעלאָ איז געשפּרונגען איבערן וואַלד מיט אַן אָפּגעבראָכענע צווייג אין דער האַנט.

אַ לייכט, געזאָלצן ווינטל האָט זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן פון דער ווייסל, געדעגט, מיטגעבראַכט מיט זיך דעם שאַרפן ריח פון יאַלאָוויץ, פון פּאַרטיקע פלאַמבירן.

בליאַש איז איר אַנטקעגן געקומען, זי אַנגענומען פאַר ביידע הענט און אָפּגעשטעלט:

— אָפּעלאָ!

אָפּעלאָ האָט איינגעצויגן אירע ברעמען, ברייטער צעעפנט אירע שוואַרצע אויגן מיט די בלויע רייפן אַרום, געקוקט אַ ווילע אויף בליאַשן, פאַרריסן דעם קאָפּ, אַרויסגעלאָזט אַ ווילד און האַרציק גע-לעכטער — האָט זיך דער וואַלד דורכגעטרייסלט, זיך צעברומט אין

דער נאַכט אַריין, זיך צענויפגעגאָסן מיטן געלעכטער און אָפּגעהילכט ווי אַ ווייטער, ווייטער ים.

בליאַש האָט פעסט געדריקט דער ציגאַנקעס הענט, זי אַרומגענומען און געשפּריצט אַ שטומער, אַ גליקלעכער.

אַ פּאָרל איז אָנגעקומען. אַ יונגער ציגיינער מיט נאָך גאָר אַ יונגער ציגאַנקע האָבן געטראָגן אַן עמער מיט פּוטער-מילך. בליאַש מיט אָפּעלאָן האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ שמאָלע, פינסטערע, ווי אַ קעלער, סטעזשקע. דאָס פּאָרל האָט זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט, אַוועקגעשטעלט דעם עמער מיט מילך און זיך געוואָרפן אײנער דעם צווייטן אין די אָרעמס.

אָפּעלאָ האָט זיך דערפילט פרישער, יונגער. גיך און בויגיק האָט זי אַרומגעכאַפּט בליאַשן, אים אַ רגע דורכגעעקבערט מיט אירע אויגן, צוגעלייגט אירע פייערדיקע ליפּן צו זיין אויער:

— מיין פּאַן! מיין גאָלדענער פּאַן!

די לבנה האָט זיך אַרויסגערוקט פון וואַלד. אַ משופּעדיקער שטראַל איז אַריין אין דער פינסטערער סטעזשקע, זיך אָנגעצויגן אָן די בוימער ווי אַ זילבערנע סטרונע פון אַ האַרפע, זיי איבערגעשניטן, זיך אויף אַ רגע אַ גלייך אויס געטאָן, דורכגעהאַקט דעם וואַלד אין צווייען און אָפּעלאָ האָט אַ ציטער געטאָן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרט אין עק וואַלד, שטייט עמיצער, אַ הויכער, מאָראַלע, בויגט זיך אין דרייען, גלאָצט די אויגן און נעמט צו איר שפּרייזן. דער שטראַל איז פאַרשוווּנדן, די סטעזשקע איז נאָך פינסטערער געוואָרן און נאָך שטאַרקער האָט זי בליאַשן אַרומגענומען. ער האָט געפילט, ווי אירע פּייערדיקע קושן פאַרשכּורן אים, געהערט אַ זיסן וויספּער, ווי מען וואָלט אים געגלעט מיט פוך-פעדערן:

— מיין שיינער פּאַן, ליב מיך — — בייס שטאַרקער!

אַ שכּורער האָט בליאַש זיך אויפגעשטעלט און געפּלאַפּלט:

— מיין שיינע ציגאַנקע, מיין ווייסע ציגאַנקע!

זיי זיינען געגאַנגען האַנט און האַנט, געפילט ווי זייערע פינגער פלעכטן זיך, ווערן שטייפער, קנאַקן.

און די לבנה, ווי אַ כּשוף-מאַכערן, האָט געבלענדט די אויגן, געהילט דעם פינסטערן וואַלד אין זילבערנעם טויל, אָנגעיאָגט אַ

שרעק, געוואָרפֿן שטיקער ליכט דאָ און דאָרט און די אָפּגעהאַקטע ביימער האָבן אויסגעזען פֿון דער ווייטנס ווי מענטשן, פֿערד און בערן.

ביי דער וועראַנדע איז דער לעשניק זיי אַנטקעגן געקומען. ער האָט געצויגן ביז צו די קניען דאָס היטל, אַ געבויגענער געבליבן שטיין, לאַנג נאָכגעקוקט דעם פּאַן מיט דער ציגאַנקע, זיך דערמאָנט אַז ער האַלט דאָס היטל, האָט ער פֿון פֿאַרדרוס אויסגעשפּיגן, זיך גלייך אָפּגעצלמט און מיט אַ קרעכץ זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן טרעפּל.

זיי זיינען אַריין אין שטוב. אָפּעלאַ האָט נישט געלאָזט אָנצינדן קיין ליכט. זי האָט פֿאַרבויגן די גאַרדינען פֿון די פֿענסטער און די שטוב איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ מאַטן לבנה־שיין. אַ נייגעריקע איז אָפּעלאַ ארומגעגאַנגען איבערן זאַל, באַקוקט דאָס מעבל, די פּליו־שענע דיוואַנען, די בילדער אויף די ווענט.

זי האָט אַרויסגענומען אַ גרויסן בוקעט מיט רויזן, וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ וואַזע, שטיפֿעריש גענומען רייסן די סאַמעטענע לעפּ־לעך פֿון די בלומען און זיי געוואָרפֿן אויפֿן פּליושענעם דיוואַן, אויף בליאַשן. זי איז געוואָרן אַלץ ווילדער, צעשאָטן דעם בוקעט, אַרויס־געכאַפּט פֿון די האָר דעם בלאַנקענדן שטילעט, אים שנעל גענומען וואַרפֿן, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, זי וואַרפֿט עטלעכע מיט אַמאָל. דאָס צווייטשאַרפֿיקע מעסער איז געפֿלויגן דורך איר פֿוס, פֿאַרביי דער פּלייצע און זי, אַ צעפּאַטלטע, אַ ווילדע, האָט זיך געטראָגן נאָכן מע־סער, עס יעדעס מאָל געכאַפּט, געלאָזט פֿאַלן, ווידער געשליידערט און עס געלאָזט שטעקן ווי אַ פֿייל אין דער פּאָדלאָגע.

זי האָט זיך צעלאַכט, זיך מיט אַמאָל צוגעזעצט, אַוועקגעלייגט זיין פֿוס אויף דער פּליושענער אָטאָמאַנע און זיך שעלמיש געפֿרעגט:

— דער פּאַן איז ברוגז?

— וואָס פֿאַלט דיר איין!

— טאָ טו מיר אויס דעם שוך, ער דריקט — —

בליאַש האָט גענומען דעם לינקן שוך, אָנגעשפּאַרט אויף זיין קני, גענומען אויפֿקנעפּלען — האָט ער דערפֿילט, ווי זי נעמט אים אַרום, ווי זי רייבט אירע וויכע, ווי דער פּוך אונטער אַ פֿויגלס העלדזל, באַקן אָן זיינע עטוואָס שטעכיקע, באַוואַקסענע, און בשעת מעשה האָט אַלץ אין אים זיך גענומען הויבן, שלאָגן אין מח אַריין.

ער האָט זי געכאַפּט אויף דער שויס, געפילט ווי אירע שפּיצן פינגער רירן לייכט אָן זיין ברוסט, קיצלען, ברענען און ער האָט זי גענומען אויסטאָן. און דאָס האָט געדויערט אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג, אַזוי מוראדיק לאַנג! ער האָט זי געהאַלטן אין איין אויסטאָן און געפילט בשעת מעשה ווי עס פּלאַצן אין אים אָן אָדער נאָך אָן אָדער, ווי ער קאָרטשעט זיך אין דרייען, ווי דאָס בלוט לויפט האַסטיק אין מוח אַריין, ברענט און דער פּליושענער דיוואַן איז אויסגעבעט מיט רויטע ראָזן. אַ לייכט ווינטל האָט זיך אַריינגעריסן דורכן אָפענעם פענסטער, אויפגעהויבן עטלעכע סאַמעטענע ראָזן־לעפּלעך, זיך געטראָגן פון אַ ראָז צו אַ ראָז, פון אַ ראָז צו אַ ראָז און דורכפליענדיק איבערגעלאָזט דעם שמייכל פון ראָזן.

— ביסט בייז, אָפּעלאָ?

אָפּעלאָ האָט עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט די צעפּאַטלטע האָר, פאַרשאַרצט די אויבערשטע דינע ליפּ און פון די ווייסע ציין, ווי ווייסער קעז, האָט זיך אַ שמייכל צעגאָסן איבער איר פּנים.

אַזוי איז זי געבליבן ליגן אַ ווײַלע אויפן פּליושענעם דיוואַן, פון די גאַרדינען איז איר אַ שטראַל אַ מאָל אַריין געטאָן אין פּנים, זיך אָפּגעשלאָגן, אויסגעשניטן דורכן גאַנצן זאַל אַ לבנה־וועגל — האָט זי דערזען ווי אַ טיולען געשטאַלט קוקט אין פענסטער. זי האָט אַ ציטער געטאָן, פון שרעק פאַרמאַכט די אויגן און זיך פעסטער געטו־ליעט צו בליאַשן.

— אָפּעלאָ, זיי נישט בייז — ביסט בייז, אָפּעלאָ?

אָפּעלאָ האָט זיך ווילד צעלאַכט:

— מענטש, פאַרוואָס זאָל איך בייז זיין? היינט איז דיין נאַכט, די קאָרט האָט דיך אויסגעקליבן! און קעגן מזל גייט קיינער!

— און די קאָרט האָט טאַקע געטראָפן? — האָט זי בליאַש אַ בייגעריקער געפרעגט.

— אַוודאי געטראָפן! — האָט אָפּעלאָ קינדיש געענטפערט.

זי האָט צוזויפגעלייגט אירע קליינע הענטלעך אין רערן, איין זייט צוגעשטעלט זיך צו די אויגן, די צווייטע — בליאַשן און אַזוי פאַרעקשנט, ביז משוגעת, זיך איינגעגעסן אין בליאַשס קוק, אַז ער האָט דערפילט אַ וואַרעם פּרעסטל.

— נישט קוק אַזוי! — האָט בליאַש זיך געבעטן, צוועקגענומען אירע הענט און איר פאַרמאַכט די אויגן.

— עה, דער פּאַן האָט מסתּמא קיין ריינעם געוויסן נישט, אַז ער קאָן מיר גלייך אין די אויגן נישט קוקן.

בליאַש האָט געשמייכלט, געקושט אירע קליינע הענט:

— מיין שיינע ציגאַנקע, כ'שעם זיך! זעסט, נישט בחנם ליבן זיך מענטשן ביינאַכט, אין דער פינסטער. דאָס האָט מסתּמא גאָט אַליין אויסגעקליבן די נאַכט פאַר ליבע.

— מענטש, וואָס דו רעדסט — האָט אָפּעלאַ געצויגן די ווערטער — וואָס ווייסט איר פון ליבע? ליבן קענען מיר! מענטשן דאַרפן זיך נישט ליבן ביינאַכט ווי קעץ! ליבן דאַרף מען זיך אונטער דער צעפלאַמטער זון אין וועלדער, אין פעלדער! דער „פּאַן" וועט לאַכן. ווען כ'בין אַלט געווען צוועלף יאָר, האָב איך שוין געהאַט צוויי געליבטע. ברידער זיינען זיי געווען, ציגיינער. בייטאָג האָבן זיי געשפּילט אין די גאַסן און ביינאַכט האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין די פענסטער און געפייפט ווי קאַנאַרקעס. דער עלטערער, מיט די וואָנסן, איז מיר געפעלן, האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אונטער זיין פענסטער מיט אַ רויטן עפּל אין מויל. ביידע ברידער האָבן צו מיר געלאַכט, צעשפּרייט די הענט און מיר איז געפעלן געוואָרן דער עלטערער, באָרעק האָט ער געהייסן, האָב איך אים געוואָרפן דעם עפּל. פון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן צו קומען צו אים יעדן טאָג, געוואָלט זיין זיינע, האָט ער געלאַכט, מיר געהייסן וואַרטן ביז צו דער חתונה ער האָט געוואָלט האָבן אַ ריינע, אַן אומשולדיקע האָט מיך דערפאַר דער יונגערער געקראָגן.

אָפּעלאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— דערצייל ווייטער, אָפּעלאַ — האָט זיך בליאַש געבעטן.

— כ'בין נאָך דעמאָלט — האָט אָפּעלאַ ווידער אָנגעהויבן — אַזאַ נאַרעלע געווען, געגלויבט דער מאַמען — — ווייסט מיין מאַמע פלעגט מיר זאָגן, אַז אַ יונג דריקט שטאַרק אַ מיידל אַ האַנט, האָט זי אַ קינד — האָב איך יעדע נאַכט זיך אַזוי געשראָקן-פון יונגערן האָב איך נישט געוואָלט האָבן קיין קינד. כ'האָב אים די ערשטע צייט נישט ליב געהאַט ער האָט געהאַט די פּאַליקע. און דער עלטערער, באָרעק האָט געהאַט

אַן אָפּגעהאַקט אויער, האָב איך זיך געשעמט, מען וועט לאַכן — נישט געוואָלט האָבן אַ קינד מיט אַן אָפּגעהאַקט אויער!

— און שפּעטער האָסטו דעם יונגן ליב געהאַט? — האָט בליאַש געפרעגט.

— אודאי — האָט אַזעלאַ געשמייכלט.

זי האָט עטוואָס צעעפנט אירע פרישע ליפּן, שטאָלץ אויפגעהויבן דעם צעפּאַטלטן קאָפּ מיטן קליינעם שטערן און אַ האַלב אויסגע־טוענע, איז זי ווי אַרויסגעוואָקסן פון דער ערד, פון די רויזן.

איבערן לבנה־וועגל האָט זיך דורכגעשלייכט אַ געשטאַלט, זיך פאַרקוקט אין פענסטער, האָט אָפּעלאָ פאַרמאַכט די אויגן און אַ ציטער געטאָן.

4

די ציגיינער האָבן זיך געהיצט — די ציגאַנקעס זיינען אַוועק צו די קופּערשמידן אויפן טאַנץ.

מאַראַלע איז געזעסן אַן אומרויקער, געקוקט אויפן וועג וואָס פירט צום וואַלד צו און כאַטש ער איז געווען זיכער אַז אָפּעלאַ איז אויך דאָרט, האָט ער פונדעסטוועגן זי אויסגעקוקט און נישט איינמאָל האָט אים דער אָטעם פאַרכאַפּט ווען עפּעס אַ געשטאַלט האָט דורכגע־שלייכט דעם וועג.

— מיר וועלן נישט דערלאָזן! — האָבן זיך עטלעכע מיט אַמאָל צעשריען.

— געוויס נישט! — האָבן אַנדערע אונטערגעכאַפּט.

— אַ דונער מעג זיי דערשלאָגן, די יחסנים! זיי וועלן זייערע מיידן נישט שיקן צו אונז!

— מיר האָבן דאָך אונזערע אויך נישט געשיקט! — האָט זיך אַן אַלטער געוויצלט.

— זיי זייגען אַליין געגאַנגען!

— טאָ וואָס קאָכסטו זיך?

— אַ ווייב און אַ קו טאָר מען נישט גלויבן — האָט דער בלינ־דער צעמבאַל זיך אַריינגעמישט — די בעסטע קו גיט מילך, גיט מילך, מיט אַמאָל צעבריקעט זי זיך, גיסט אויס די מילך און איז מכבד מיט דער קאָפּיטע אויך.

די ציגיינער האָבן געלאַכט.

מאָראַלע איז געזעסן אַן אָנגעכמורעטער און אויסגעפּייפט עפּעס דורך די פּאַרמאַכטע ציין. ער האָט דערזען פון אַ צווייטן זייט וואַלד אַ פלאַם. דער פלאַם איז געוואָרן גרעסער, קלענער, פאַרשווונדן און באַלד צוריק זיך פאַרצויגן. דאָס האָבן די קופּער־שמידן געטאַנצט.

אים האָט פאַרדראָסן אויף זיך אַליין, וואָס ער זיצט דאָ אין געהאַקטע צרות, קוקט אויס אָפּעלאָן און זי טאַנצט דאָרט מסתמא מיט אָראַלען, דעם סטאַראָסטע.

— צעמבאַל איז גערעכט, אַ ווייב טאָר מען נישט גלויבן — זיי זיינען אַלע אַזוי! — האָט מאָראַלע געטראַכט און געפילט ווי די נכפה עסט אים.

ער האָט געביסן זיין לאַנגע וואָנסע און מיט מער עקשנות און בייזקייט זיך איינגעקוקט אין פאַרצויגענעם, ווי אַ זון אונטערגאַנג, פלאַם.

און די נאַכט איז געווען אַ לבנהדיקע, אַ דורכזיכטיקע — האָבן זיך לאַנגע שאָטנס ווי סנאָפּעס געלייגט איבער די פעלדער — פון די שאָטנס האָבן זיך אַרויסגעשניטן מחנות סילועטן, ווי שדים, און זיך געטראָגן אין אַ ווילדן טאַנץ. מיט אַמאָל איז אַלץ צעשווומען און ס׳איז פינסטער געוואָרן. מאָראַלע האָט ברייטער צעעפנט זיינע אויגן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האָבן אָפּגעטאַנצט, צעגייען זיך און אָפּעלאָ אַ מידע גייט מיט גאָראַלען אין דער פאַלאַטקע, וואַרפט זיך אין די קישנס און פראַוועט מסתמא די זעלבע שטיק. ער איז געוואָרן זיכער, אַז אָפּעלאָ ליבט אים נישט, ער איז צו אַלט און גאָראַלע איז יונג און רייך — געפעלט ער טאַקע יעדער מויד.

פון כעס האָט זיך זיין האַרץ געקאָרטשעט. ער האָט זיך אויפ־געשטעלט, צעשפּרייט די פיס, זיך איבערגעצויגן, אויסגעשפּיגן אַ קללה אין דער נאַכט אַריין און אַ געשריי געטאָן:

— קומט!

ציגיינער מיט שטעקנס אין די הענט זיינען גלייך אויפגעשפרונגען און זיך צעגודערט.

— מיר וועלן זיי צעברעכן די זייטן, וועלן מיר! — האָט זיך אייגער אָנגערופן.

— וועלן זיי וויסן, ווי צו פאַרנאַרן פרעמדע מיידן. — האָט אַ צווייטער פאַרענדיקט.

— פערגעסט נאָר נישט אַ היים צו קומען! — האָט זיך אַן אַלטער געוויצלט.

די ציגיינער, בראָנזענע, מיט שווארצע קוטשמעס האָר, האָבן זיך מיט אַ טומל צעשאָטן איבערן זאַמדיקן וועג.

מאָראַלע האָט געשפּרייזט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, געקוקט אויף זיין אייגענעם שאָטן און זיך פאַרגעסן ווהין ער גייט און וואָס הערכער ער האָט געהויבן אַ פוס, געוואָלט אַריין דעם שאָטן אין דער מיט, האָט דער שאָטן געהויבן נאָך אַ העכערן פוס און זיך אַרויסגעגליטשט. מאָראַלע האָט אַ שפרונג געטאָן, ווי אַ יינגל, געוואָלט איבערשפּרייזן דעם שאָטן, האָט דער שאָטן אַ העכערן שפּרונג געטאָן און מיט אַמאָל פאַרשוואונדן. עמיצער האָט זיך צעלאַכט. מאָראַלע האָט זיך פאַרשעמט, געפילט אַז ער איז אויסגעשפּילט, אַז זיין אייגן ווייב איז אים נישט טריי, אַז די ציגיינער לאַכן אין די פויסטן און ער האָט אַלעמען פיינט געקריגן.

אויפן פעלד נעבן אַ קליין פייערל איז געזעסן אַ פּאָרל. מאָראַלע האָט דערפילט ווי עס רייסט זיך ביי אים עפּעס אָפּ, ווערט הויל און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ציגיינער האָבן אַרומגערינגלט דאָס פּאָרל — אַ קופּער-שמיד איז געזעסן מיט דער געשטופּלטער ראָמאַ.

— ראָמאַנסיר ווייטער, די חזירשער עק! — האָט מאָראַלע אויסגעשאָסן כמעט לויפנדיק און עס האָט אויסגעוויזן אַז ער קלויבט זיך אַריבערשפּרינגען דעם ציגיינער.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון פייער אַ ברענעדיק שטיק האָלץ, עס צוגעשטעלט צום פּאָרל און זיך איינגעקוקט:

— אה, דו ביסט עס, ראָמאַ? דיר האָט זיך פאַרוואָלט אַ קופּער-שמיד! נו, זאָג, שמעקט בעסער ווי אַ ציגיינער? — — פּאַסקודאַ!

ער האָט זי אָנגעכאַפּט פאַרן צאָפּ, אים אַרומגעוויקלט, ווי אַ שטריק, אַרום זיין האַנט און זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך:

— „כלאָפּצי“, טוט אויס ראָמען אַ נאַקעטע, גיכער, און פירט זי מיט אַ „קאַצן־מוזיק“ אַהיים, וועט זי וויסן, וואָס הייסט אַוועקגיין ביי נאַכט פון אַן „אייגן פייער“.

דער קופּער־שמיד איז אויפגעשפּרונגען, געקוקט ווי אַ צע־שראָקענע חיה אין אַלע זייטן, געוואָלט עפּעס זאָגן, האָט אים מאַראַלע אַ פּלאַם געטאָן אין לינקען אויער, פאַרגאָסן די אויגן מיט טרערן דער ציגיינער האָט אַ צעפּינטלטער אַ דריי געטאָן מיטן בלויזן קאָפּ, געוואָלט וויסן פונוואַנען דער קלאַפּ איז געקומען, איז אים מיט אַמאָל ליכטיק געוואָרן אין די אויגן און ער איז געפאַלן.

באַלד, נאָכן ערשטן קלאַפּ האָט מאַראַלע דערפילט ווי אַלץ וואָס עס האָט זיך אין אים געהויבן, געשפּאַרט אין האַלז אַריין, פּלאַצט, רייסט זיך אַרויס — האָט ער אָפּגעלאָזט הענט און פיס און געשלאָגן אָן רחמנות.

— בעסער! — האָבן די ציגיינער פאַרגאַפּטע אונטערגעכאַפּט.

דער קופּער־שמיד איז געפאַלן, געררעוועט, זיך אויפגעשטעלט און ווידער געפאַלן.

מאַראַלע איז געשטאַנען אַ צעפלאַמטער, די הענט אין די קע־שענעס און געסאָפּט:

— וועסט ראָמאַנסירן, דו קוימען־קערער! וועסט ראָמאַנסירן!

— קוק בעסער דיין ווייב זאָל נישט ראָמאַנסירן! — האָט דער קופּער־שמיד געהעשעט.

— שווייג, באַרנדינער*) מיט די גלאָקן! — האָט מאַראַלע אַ טופּע געטאָן מיט דעם פוס.

דער קופּער־שמיד האָט זיך אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים און עס אויסגעשמירט מיט בלוט. ער האָט געקוקט דאָ אויף די פאַרבלוטיקטע הענט, דאָ אויף מאַראַלען, ווי פאַרגעסן אָן די קלעפּ,

---

*) ציגיינער קופּער־שמידן טוען אָן זייערע בכורים אין די קליידער פונם אָרדן בערנאַרדי.

געטאָן אַ ליידנשאַפטלעכן צוג מיט די ליפּן, זיך נקמהדיק צעשמייכלט מיט איין אויג און דורכגעזייט דורך די פאַרקוועטשטע ציין:

— שלאָג בעסער דעם „פאַן״! ער ראָמאַנסירט אין וואַלד מיט דיין ווייב.

מאָראַלע איז בלאַס געוואָרן, פון כעס אַריינגעכאַפּט איין וואָנסע אין מויל אַריין:

— לאָז דיר דיין קאָפּ נישט דאַרן! מאַרש, יאַלאָווער, קיין פּיפּס מער, כ׳וועל דיך דערהרגענען ווי אַ הונט!

דער קופּער־שמיד איז אָפּגעגאַנגען אַ פּופציק טריט ווי אַ שיכור, זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעדרייט, געגראָזשעט מיט אַ פינגער:

— וואַרט, „פּסי־בראַט״, כ׳וועל זיך אָפּרעכענען מיט דיר!

— און מיט דיר האָט מען זיך שוין אָפּגערעכנט! האָט אַ ציגיינער אים נאָכגעשריגן.

אַלע האָבן געלאַכט.

מיט אַ פּאַטשעריי, מיט אַ פייפעריי האָבן די ציגיינער געפירט ראָמען, אַ נאַקעטע, אין דרייען אַ געבויגענע. ראָמאַ האָט פאַרשטיקט, ווי פון אַ כאַס אַרויס, געוויינט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט, פאַלט זי איבער די פיס.

און וואָס העכער די ציגיינער האָבן געזונגען, געוואָלט איבער־שרייען ראָמעס געוויין, אַלץ שאַרפער און דורכדרינגענדער האָט זי געקלאָגט אין דער נאַכט אַריין, געוואָיעט ווי אַ הונגעריקע סאָווע. האָבן זיך סאָוועס מיט פלאַטשיקע, ווי טראָגעדיקע קעץ, פּנימער צעיאָמערט דאָ און דאָרט, אָנגעיאָגט אַ מאָדנע שרעק.

— פּשאַ יוכאַ, נישט אַנדערש ווי אַ סאָווע זיצט אין איר! — האָט מאָראַלע צו זיך גערעדט.

אַ דערשלאָגענער איז ער געגאַנגען צו דער ווערענדע. ער האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרקליבן עפּעס צו טראַכטן, איז אָבער אַלץ מיט אַמאָל אַרויסגעפלויגן פון זיין מוח, ווי מען וואָלט מיט אַ בעזים אויס־געקערט. עס איז אים מיט אַמאָל פינסטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אָפּעלאָ מיט אַ רויז אין די שוואַרצע האָר איז אים אַנטקעגן געקומען.

— פון וואַנען שלעפּסטו זיך ? — האָט מאָראַלע זי בייז געפרעגט.

אָפּעלאָ האָט זיך נישט געמאַכט הערן און געגאַנגען ווייטער.

מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, מיט אַן אָפן מויל, איז מאָראַלע צו צו זיין ווייב, צוגעשטעלט זיין פויסט צו איר נאָז און אַ רעווע געטאָן:

— דו וועסט זיך דאָס אַרומשלעפּן, דו ?! נבלה!

אָפּעלאָ האָט אים איבער אַ מינוט ווילד אָנגעקוקט, געצישעט מיט אירע ציין ווי אַ שלאַנג:

— וואָס טוט דיר ווי? לאָז דורך!

מאָראַלע איז ווילד געוואָרן, געוואָרפן דאָס היטל אין דר'ערד, זיך געקלאַפּט מיט די פויסטן אין האַרץ אַריין:

— זאָל מיך אַ דונער דערשלאָגן, צי דיין ליובאָווניק וועט נאָך היינט די ערד נישט קילן! מעג ער זיין אַ „פּאַן“, אפילו אַ גובערנאַטאָר! איך בין מאָראַלע, בין איך! און מאָראַלע וועט נישט לאָזן זיין אייגענעם טאַטן, אפילו דעם טייפל אַליין אויך נישט קריכן אין זיין פּאַלאַטקע! זאָג, וווּ ביסטו געווען?—און ער האָט זי אַ טרייסל געטאָן.

— שלאָג! — האָט זי שטאָלץ געזאָגט און אַרויסגענומען פון די האָר דעם צוויי-שאַרפיקן שטילעט.

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, דורכגעשטאָכן איינער דעם צווייטן מיט די בליקן און זיך עטוואָס אָפּגערוקט.

פון דער וויסל איז געקומען אָנצולויפן אַ שאַרף ווינטל, מיטגעבראַכט עטלעכע הויפנס בלעטער און פאַרשווונדן מיט אַ פייף.

מאָראַלע איז געשטאַנען אָן אַ היטל, געפילט ווי דאָס האַרץ פּלאַצט פון ווייטאָק; חשק געהאַט צו צערייסן אָפּעלאָן און געקוקט ווי איר סילועט פאַרשווינדט ביסלעכווייז, פאַרלירט זיך צווישן די סנאָפּעס שאָטנס, וואָס טראָגן זיך ווי שדים איבערן זאַמדיקן וועג. אין וואַלד האָט געוויינט אַ סאָווע. מאָראַלע האָט זיך אָפּגעטרייסלט, אַריינגעמאַכט די הענט אין די הויזן-קעשענעס און אַ צעבראָכענער, אַ צעווייטאָקטער האָט ער זיך געשאַרט ווי אַ שאָטן פון דער לאָנקע אויפן זאַמדיקן וועג, פון זאַמדיקן וועג אויף דער לאָנקע.

שאָטנס

(1915)

צווישן דעם שטאָטישן טייך און אַ גרויסן פֿאַרוואַקסענעם סאָד איז געשטאַנען אַן אַלטער צוויי טורעמדיקער שלאָס מיט אָבגעהאַקטע שפּיצן, ווי אַ חורבה. דער שלאָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּאַרקן פֿון אַכט־עקיקע שטיינער, באַדעקט פֿון אַלטקייט מיט מאָך, שוואָמען און בוימער.

אין שלאָס האָט געוווינט דער כראַביע יעלענסקי — אַ גוי אָן אַ גאַל, וואָס האָט מיט יאָרן צוריק אויסגעבויט די שול, תמיד באַזאָרגט די שטאָט־אָרעמעלייט מיט האָלץ און קאַרטאָפֿל און די טויערן פֿון זיין שלאָס זיינען פֿאַר יעדן געווען אָפֿן.

האָט מען די שווערע אייזערנע טויערן מיט אַמאָל פֿאַרריגלט און צוצוקומען צום שלאָס איז געוואָרן אוממעגלעך — אַ מרה־שחורה ביז צו משוגעת האָט זיך פֿאַרקליבן אין פּאַלאַץ אַריין.

די פֿאַמיליע יעלענסקי, אוראייניקלעך פֿון פֿראַנקן דעם משיח, איז באַשטאַנען פֿון אַלטן גראַף, זיין פֿרוי, דעם זון מאַטעוש און דער טאָכטער עטשע. די פֿראַנקיסטן האָבן זיך משדך געווען נאָר צווישן זיך — איז פֿון יאָר צו יאָר דער קרייז ענגער געוואָרן און די שדוכים האָט מען נאָך געשלאָסן אין די וויגן. און אַרויסגעוואַקסן איז אַ דור פֿון בלאַסע נאַכט־וואַנדלער מיט טיפֿע שטערן־ווינקלען, ווי משוגעת און אייזערנער מוח זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט.

עטשעס חתן איז דערטרונקען געוואָרן. איז זי — אַ בלייך, בויגיק מיידל אין גרויען, ווי אַ שאָטן, מיט שוואַרצע אומעטיקע אויגן, דינע פּיס און אַ לאַנגלעך פּנים, ווי אַ הייליקע — פֿאַרזעסן.

און געטרויערט האָט עטשעס מיידלשע האַרץ, שטאַרק געטרויערט, זיך געשאַרט ווי אַ שאָטן איבערן שלאָס און געמאָלט אויף

גרויסע שטיקער לייוונט וואַסערדיקע געשטאַלטן. און אַז דאָס איז איר אויך דערעסן, האָט זי זיך פאַרקליבן אין איר גרויסן צימער מיט די העל-גרינע טאַפּעטן פון סאַמעט, געלעגן גאַנצע טעג אויף דער אַל־טער, ווייכער אָטאָמאַנע, איינגעאָטעמט דעם קיניקן ריח פון די שוו־רע, ערטערווייז צעשפּאָלטענע שטיקער מעבל, געקוקט אויף די הויכע, שמאָלע, ווי אין אַ גאָטישן קלויסטער, פענסטער און מיט אַ ציטער געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף אַ געליבטן, דער אָוונט זאָל קומען.

די שוואַרצע זיידענע האָר, דינער ווי שפּינוועבס, האָט זי צעפּאַטלט, ברייט צעעפנט די אויגן, זיך איינגעקוקט ווי די לאַנגע שאָטנס האָבן זיך לאַנגזאַם דורכגעזייט דורך די מאַטע שויבן און זיך צעלייגט איבער די העלע סאַמעטענע ווענט. און אַז די שאָטנס האָבן געהילט די ווענט, זיך געלייגט סנאָפּן-ווייז איינער אויפן צווייטן, ווי אַ שטיק אָפּגעבראָכענע טרעפּ, זיך צונויפגעגאָסן מיט דער שוואַרצער פּוטרירטער פּאָדלאָגע—האָט זיך עטשע עטוואָס אויפגעהויבן פון דער אָטאָמאַנע, זיך געטוליעט אין גרויע זיידענע שאַלן, דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע פעדים, און אירע לאַנגע, בויגיקע פינגער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון גרויע, בריית-געפּאַלדעוועטע אַרבל — האָבן מיט אַמאָל געמאַכט עטלעכע באַ־וועגונגען אין דער לופט, ווי זי וואָלט גענומען עטלעכע אַקאָרדן, און אויף דער וואַנט האָבן זיך באַוויזן בלומען און פייגל.

איר ווייסער האַלז האָט זיך געצויגן, געבויגן — האָט זיך דער האַלז אויף דער וואַנט מער געצויגן און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען ווי אַ שפּיציקער, גאָטישער האַלב-געוועלב.

עטשע האָט אַ דריי געטאָן מיט דער רעכטער האַנט — און אַ בויגיק ייִנגל מיט אַ שמאָל, לאַנג פּנים האָט זיך לייכט באַוויזן אויפן סאַמעט; זי האָט אַ דריי געטאָן מיט דער לינקער האַנט — און אַ בויגיק מיידל מיט נאָך אַ לענגערן און שמעלערן פּנים איז דעם ייִנגל אַנט־קעגן געקומען. און דאָס ייִנגל איז געגאַנגען צום מיידל, און דאָס מיידל איז געגאַנגען צום ייִנגל, און געדרייט און געבויגן האָט זיך דאָס מיידל, געררופן דעם ייִנגל מיט די פיס, מיטן קאָפּ, מיטן גאַנצן מיידלשן לייב, און דאָס בויגיקע ייִנגל האָט זיך געקאָרטשעט, געדרייט, געפּאַלן אויפן פּנים, זיך געריסן צום מיידל, געוואָרן דינער און דינער און זיך צונויפגעגאָסן מיט די שאָטנס, מיט דער פּוטרירטער פּאָדלאָגע.

טונקעלער איז געוואָרן אין צימער. און פון די שווערע, געפאַלדיזוועטע פאָרטיערן, פון די אַלטע אָפּגעשאָסענע גאָבעלענען, פון די טיפע, איינגערעמטע פאָרטרעטן, האָבן זיך גענומען טראָגן וואַסערדיקע געשטאַלטן. און אין די ווינקלען האָט זיך עפעס געשאַרט, טעמפּ געקלימפּערט, ווי אַ טאַנץ פון סקעלעטן. און אַ פאַרשטיקט געוויין, ווי דאָס געוויין פון אַ קליין קינד, ווען עס כאַפּט זיך אויף אין אַ פינסטערער נאַכט, ס׳פאַררייסט די דיקע פיסלעך, ס׳פאַררייסט די דיקע הענטלעך, פאַרגייט זיך, זוכט די מאַמע, צי ווי דאָס געוויין פון פאַרליבטע קעץ, האָט אָנגעיאָגט אין טונקעלן צימער אַ שרעק.

עטשען איז געוואָרן היימלעכער, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אָטאָמאַנע, געוואָלט אַנטקעגן-גיין די באַקאַנטע געשטאַלטן, האָט זי מיט אַמאָל אַ צאַפּל געטאָן, ווי זי וואָלט זיך איבערגעשראָקן, געבליבן שטיין אַ הויכע, עטוואָס אַ געבויגענע אין לויזע, גרויע קליידער, דורכגעוואָרפן מיט זילבערנע פעדים, אין ברייט געפאַלדעוועטע אַרבל און זיך פאַרקוקט אויף אַן אַלטן פיר-עקיקן גאָבעלן. און געדאַכט האָט זיך, אַז זי אַליין איז אַ שאָטן-געשטאַלט, וואָס איז נאָר-וואָס אַראָפּ פון דעם אָפּגעבלאַקעוועטן גאָבעלען און וועט באַלד צערינען צווישן די וואַסערדיקע סילועטן.

עטשע האָט געקוקט אויף דער „שכינה“ אַ וו אַ ט ש אַ.

די „שכינה“ — אַ בויגיקע, אַ יונגע, מיט אַ לענגלעך צעשטראַלט פנים, אַ האַלב-נאַקעטע, אַ האַלב-געשלייערטע אין דורכזיכטיקן, ווייסן טוניק, איז געזעסן אויף טיף-האָריקע קאַווייאָרן, זיך געשפּילט מיט גרויסע שנורן פערל און געשמייכלט.

אַרום איז געשטאַנען אַן עהרן-וואַך פון זעקס „הייליקע שוועסטער“, געהילט אין שוואַרצע, זיידענע פלאַכטעס.

יידן מיט לאַנגע בערד, ווייבער מיט צעלאָזטע האָר, בחורים מיט געקרויזטע פאות, מיידלעך מיט אַראָפּגעלאָזטע צעפּ האָבן פאַרוואָרפן האַנט אויף אַקסל, זיך געשלאָכן אין אַ ראָד און, מיט האַלב פאַרזשמורעטע אויגן, געטאַנצט אַרום דער „שכינה“.

און וואָס מער די „שכינה“ האָט זיך צעשטראַלט, אַלץ אומרויקער זיינען די „הייליקע שוועסטער“ געוואָרן, זיך געשטעלט פון איין פוס אויפן צווייטן, פאַנאַנדערגעבלאָזן די שוואַרצע זיידענע

פלאַכטעס, גערעגט מיט די קליינע, ווייסע פיסלעך, מיט די רונדע, פוילע פלייצעס.

און לעבעדיקער איז געוואָרן דער טאַנץ, און ראַשער האָבן זיך געהויבן די פיס, און שטאַרקער האָט מען פאַרקוועטשט די אויגן, דען צו קוקן אויף דער צעשטראַלטער „מטרינותא" איז פונקט אַזוי, ווי צו קוקן אויף דער צעפלאַמטער זון.

און די „שכינה", האָט זיך אַלץ מער און מער צעשטראַלט, גע־שיקט איר השפעה דורך די פייערדיקע „צינורות", געקושט — האָבן זיך פאַרלעך אָפגעטיילט, זיך געצלמט — גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב, עפן אונזערע אויגן — זיך געקושט, געפלאָכטן פון לײדנשאַפט און זיך געוואָרפן פאַר דער „מטרינותא".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עטשע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פון אַוואַטשעס בילד. פאַרמאַכט די אויגן און פון אַלע ווינקעלעך האָבן זיך גענומען טראָגן צו איר יונגע מאַמעס מיט קינדער אויף די הענט. די מאַמעס האָבן זיך צעזעצט אַרום איר און געגעבן צו זויגן די קינדער.

עטשע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר אַוואַטשעס בילד. און זיך שטיל אָן טרערן פאַנאַנדערגעוויינט. און איר מוטער, די גרעפין, אַ האַלב משוגענע, איז מיט אַמאָל אויסגעוואַקסן ביי דער וואַנט. זי האָט זיך געשאַרט אַ קליינע, אַן אויסגעדאַרטע, מיט צונויפגעלייגטע הענטלעך, געקוקט אויף דער טאָכטער און געוויספערט. די קליינע גרעפין האָט זיך באַהאַלטן אונטערן הימל־בעט, פאַרבראָכן די הענט־לעך און געקלאָגט:

— פאַר אַ זינד, פאַר מיינס אַ זינד, איז דיין חתן פיאָטר אומגעקומען! וויין נישט, טאָכטער, אויף פערעלעך ליגט ער — — גאָל־דענע פישעלעך־מלאכימלעך היטן זיין נשמה — — די גאָלדענע פישע־לעך — — וויין נישט, טאָכטער — — פאַר אַ זינד — — פאַר מיינס אַ זינד! — — — — — — —

עטשע האָט דערפילט פרעמדע טריט, האָט זי צעעפנט אירע גרויסע אויגן און דערזען ווי אַ קליין קינד קריכט אַריין אויף אַלע פיר אין צימער. דאָס קינד האָט זיך אָפגעשטעלט, אויפגעהויבן דאָס קעפּל און ווי אַ קליין קעצל זיך גענומען אויסרייבן די אייגעלעך און

געקוקט אויף עטשען. עטשע האָט געכאַפּט דאָס קינד אויף די הענט, עס געגומען קושן, האַלזן, צעקנעפּלט איר קלייד, געגעבן דעם קינד צו זויגן, אים געהאַלטן צווישן די ברוסטן און געוויינט פון פרייד. דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און זיך צעוויינט. עטשע האָט אים צוגעהאַלטן דאָס מיילכל, האָט דאָס קינד נאָך שטאַרקער געוויינט — האָט זי זיך צעלאַכט, זיך צעשאָטן די האָר, אויפגעטרענט מיט אַ מעסער די פּעדערנע אונטערדעק פון איר בעט, אַריינגעשטופּט דאָס קינד צווישן די פּעדערן און עס צוריק פאַרנייט. זי האָט צוגעבעט דאָס בעט ווי קיינמאָל גאָרנישט, ווידער געפאַלן פאַר דער „מטרינותא", איר געדאַנקט, וואָס זי האָט זיך צוגעהערט צו איר תּפילה און איר געשענקט אַ קינד.

און פון אונטערן הימלבעט האָט די קליינע גרעפן אַלץ אין איינעם געוויספּערט:

— פאַר אַ זינד, פאַר מיינס אַ זינד! פישלעך־מלאכימלעך צינדן ליכטלעך אים צוקאָפּנס — — אויף פּערעלעך ליגט ער — — פאַר אַ זינד, פאַר מיינס אַ זינד. — — —

אין זאַל איז אַריינגעלאָפן מאַטעאוש, געזוכט די שוועסטער אין אַלע ווינקעלעך, זי געפונען פאַרן בילד אַ קניענדע און געגומען שרייען:

— עטשע, וווּ האָסטו באַהאַלטן דאָס קינד, וווּ? וואָס שווייגסטו? משוגענע דו! ס׳איז דאָך דער וועשינס קינד!

עטשע איז געשטאַנען אויף די קניען ווי אַן אויסגעהאַקטע, זיך קיין ריר געטאָן, פאַרכאַכט מיט ביידע הענט די אויגן און געווען זיכער אַז דער ברודער זעט זי נישט.

מאַטעאוש האָט געזען, אַז די שוועסטער רירט זיך נישט, האָט ער מיט אַן אמת אַ טראַכט געטאָן, אַז טאָמער איז עס נישט זי, האָט איר אַ גלעט געטאָן מיט אַ פינגער איבער דער באַק, צעעפנט דאָס מויל און קנוילנווייז, ווי אַ קעסל לאָזט פּאַרע, האָט ער אַרויסגעשליידערט אַן אויסטערליש געלעכטער:

— כאַ, כאַ, כאַ! כאַ, כאַ, כאַ!! כאַ, כאַ, כאַ!!!

— דו לאַכסט? וואָס לאַכסטו? — האָט עטשע זיך געפרעגט.

— דו ווייסט שוין גאָר וואָס כ׳לאַך!

— אסור!

— מאַכסט זיך. זיי זיך מודה, דו ביסט עס געווען?

— אַז כ׳ווייס נישט!

— דו ווייסט נישט, זאָגסטו? גוט! געדענקסט, ווען כ׳בין געווען אין פּאַריז?

— אין פּאַריז? כאַ, כאַ, כאַ! פּאַריס איז דאָך גאָר אַנטלאָפן מיט דער שיינער העלענע. פּאַרוואָס אַנטלויפט מיט מיר קיינער נישט? כ׳בין נישט שיין? — האָט עטשע קינדיש געזאָגט, צונויפגענומען די צעשאָטענע האָר, פּאַרדרייט זיך אַ קאָקס אין מיטן קאָפּ און קאָקעטיש געקוקט אויפן ברודער.

— אַז ביסט מיט אַן אמת משוגע! מען דאַרף דיך אַריינגעבן אין אַ משוגעים־הויז! איך דערצייל איר וועגן פּאַריז, מישט זי מיר אַריין העקובעס זון. און ווייסט ווער העקובע איז געווען? אַן אויסוואָרף, ווי אַלע ווייבער! זיך פּאַרקויפט פּאַר געלט, נישט געוווּסט וואָס ליבע איז! און ווען נישט זי, וואָלט די טראָיִשע מלחמה נישט געווען.

— און איך האָב ליב אַ מלחמה — האָט עטשע געשמייכלט — דו נישט?

— האָסטו, שווייג! כ׳האָב געוואָלט עפּעס דערציילן, האָט זי מיך איינגאַנצן צעמישט. יאָ, פֿלי איך איינמאָל אַזוי, און ביי מיין רעכטער האַנט באַגלייט מיך אַ הייליקע שוועסטער און ביי מיין לינקער האַנט באַגלייט מיך אַ הייליקע שוועסטער. און מחנות ווייבער, מיידלעך קומען מיר אַנטקעגן, פירן מיך אין טשענסטאָכאָווער קלויסטער. און דער קלויסטער האָט טויזנטער צימערן און די צימערן זיינען געפּאַקט מיט ווייבער און מיידלעך. און אין איינעם פון די צימערן האָב איך דער־זען אים, דעם הייליקן יעקב יוסף פראַנק, אין אַ הויכן טורבאַן מיט אַ קנופּ אונטערן האַלז, ער האָט געהאַלטן אויף זיין שויס די הייליקע אַוואַטשאַ. און אַ ליכטיקייט האָט געשטראַלט פון זייביידן, מיר גע־בלענדט די אויגן. האָב איך דערזען אַ גרויס פענסטער פון איין שויב און דורכן פענסטער — אַן אָפּגרונט. אַ שוואַרצן אָפּגרונט, ווי דער שוואַרצער ים. און אַ בת־קול האָט זיך געטראָגן פון איין עק וועלט צום צווייטן:

Nostro Signor abasharo!

האָט מיך אַן אימה אַרומגענומען, כ׳האָב געעפנט די אויגן און

כ׳בין געשטאַנען פאַר דער קירכע נאָטר־דאַם. ס׳איז געווען פאַרנאַכט. אינעווייניק איז כמעט קיינער נישט געווען אַ חוץ עטלעכע הויכע ענג־לענדער, וואָס האָבן זייערע הינט געלאָזן אין דרויסן און מיט זייערע שווערע שטיבלעטן האָבן זיי געשטערט די שטילקייט. די הייליקע זיינען אַרויס פון די נישעס, אַראָפּ פון די ווענט, פון די פענסטער און זיך דורכשפּאַצירט איבער דער קאַלטער פּאָדלאָגע.

— אַ סטאַטועטקע — אַ נאָנע אין שוואַרצן, מיט אַ בלאַס לענגלעך פּנים, פּונקט ווי דיינס, האָט מיך אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז איך בין געשטאַנען אַ לענגערע צייט און באַטראַכט זי. די סטאַטוע האָט גע־האַלטן אין דער האַנט אַ זילבערן צדקה־שיסעלע — האָב איך אַריינ־געוואָרפן דאָרט עטלעכע מטבעות און כ׳האָב שוין געוואָלט אַוועקגיין, ווי כ׳האָב נישט ווילנדיק מיט דער האַנט איר אַ גלעט געטאָן און צוגעלייגט מיינע ליפּן צו איר שטערן. די נאָנע האָט אַ צאַפּל געטאָן, מיך אָנגעקוקט און אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. דו ביסט עס געווען, זיי זיך מודה?

— אַוודאי איך!

אויף דער שוועל איז געשטאַנען די וועשין — אַ יונגע פּויערטע און זיך געריסן די האָר:

— טייערער פּאַן, דערבאַרעם זיך, גיב מיר אָפּ ס׳קינד!

מאַטעאוש האָט גענומען טרייסלען די שוועסטער:

— משוגענע, ס׳זאָל שוין זיין דאָס קינד!

עטשע האָט זיך דערשראָקן און געוויזן אויפן בעט. מאַטעאוש האָט צעוואָרפן דאָס בעט, געהערט ווי דאָס קינד קרעכצט, אויפגעריסן די דעק, עס אַרויסגענומען אַ האַלב־פאַרחלשטע און אַרויס מיט דער וועשין.

אין צימער איז געוואָרן פינסטער. עטשע איז געבליבן שטיין ביי דער וואַנט אַ הויכע, עטוואָס אַ געבויגענע, ווי אַ גאָטישער האַלב־געוועלב, און אויסטערליש אָן טרערן געוויינט. ערגעץ־ווו צעוויגט זיך פויל דער קלויסטער־גלאָק: בים־באַם! בים־באַם! באַלד הערן זיך צוזרשט דינע, אָפּגעהאַקטע, דערנאָך אַלד שטאַרקערע טענער פון דער רוסישער צערקווע: דין! דין! דין! די טענער ווערן שטאַרקער, שטאַרקער, ווילן דאַכט זיך איבערשטייגן איינע די צווייטע, מישן זיך

אויס, טרייסלען די אַלטע שויבן פון שלאָס און הילכן אָפּ איבער דעם פינסטערן צימער.

די קלייגע גרעפן, די מאַמע, האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון אונטערן הימעל־בעט, צו צו דער טאָכטער, זיך געטוליעט אַרום איר קלייד ווי אַ קינד, פאַרבראָכן די הענטלעך און געוויספּערט:

— פאַר אַ זינד, טאָכטער, פאַר מיינס אַ זינד! אויף פּערעלעך ליגט ער — — פישעלעך־מלאכימלעך היטן אים — — צינדן פאַר זיי, נשמה גאָלדענע ליכטלעך — — פאַר אַ זינד, טאָכטער — — פאַר מיינסן אַ זינד...

.2

עטשע איז לייכט געשלאָפן אין איר שוואַרץ ביינערנעם הימעל־בעט, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן פענסטער. איר בלייכע האַנט, מיט די דינע בלייכע פינגער איז נאַכלעסיק געלעגן אויף די זילבערנע בלומען פון אַ צעוואָרפן שטיק בראָקאַט.

אַ פולע לבנה האָט זיך געשפּאַרט דורכן גאָטישן פענסטער מיט די קאָלירטע שויבן — האָבן זיך קאָלירטע שאָטנס צעלייגט איבער די ווענט, איבער דער שוואַרצער פּאָדלאָגע. אַ בלאַסער זילבערנער שטראַל האָט זיך געצויגן פון פענסטער צום הימעל־בעט, זיך פאַרפלאָנטערט אין עטשעס האָר, געקושט אירע פאַרמאַכטע אויגן, זיך פאַרגנבעט הינ־טערן שוואַרץ־זיידענעם נאַכט־העמד און געוואַרעמט, געגלעט ווי מיט לאַנגע שטרויס־פעדערן. און אירע בלאַסע באַקן האָבן זיך געצונדן, געלאָזן מיטן אָפּשיין פון פאָלירט זילבער און בלוטיקע רויזן.

אַ בענקשאַפט האָט עטשען אַרומגענומען — האָט זי פאַרבראָכן אין שלאָף אירע בלייכע הענט און געציטערט. און די שאָטנס, ווי מאַסקירטע לצים, האָבן זיך געשאַרט פון די ווענט אויף דער פּאָדלאָגע, פון דער פּאָדלאָגע אויף די ווענט, פאַרשוווּנדן און איבערגעלאָזט נאָך

זיך אַ צעשוווּמענעם שאָטן. און דער זילבערנער שטראַל האָט געגלעט געוואָרעמט, זיך פאַרקליבן אויף די פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך — האָט עטשע דערזען אַ פּיאָלעט אָפּגרונד, דורכגענומען מיט מאַטע זילבערנע שטרייפן. אין אָבגרונד אויף בלייכע פערל איז געשלאָפן פּיאָטר, אַזאַ פרישע. מלאכים־גאָלדענע־פישעלעך האָבן געצונדן פייערלעך, שטיל און טרויריק געזונגען — האָט עטשע אָנגעקלאַפּט אין אַ גאָלדן פליגעלע:

— מלאכל, מלאכל, זאָג פּיאָטרן, אַז כ׳בין געקומען.

— ווי זאָל איך אים זאָגן, שיינע פּרינצעסן, אַז ער האָט זיך נישט געהייסן וועקן.

עטשע האָט אַריינגעשטעקט דאָס גאָלדענע מלאכל זיך אין די האָר און אָנגעקלאַפּט אין אַ צווייט גאָלדן פליגעלע:

— מלאכל, מלאכל, זאָג פּ׳אָטרן, אַז כ׳קאָן מער נישט וואַרטן!

— ווי זאָל איך אים זאָגן, שיינע פּרינצעסן, אַז — —

און איינציקווייז האָט עטשע אַריינגעשטעקט אין אירע צעפּאַטלטע האָר די גאָלדענע מלאכימלעך. זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען, צופוסנס פּיאָטרן, גענומען זיין טויטע האַנט און געקוקט אין זיינע אויגן. פּיאָטר האָט געציטערט, זיך געטרייסלט, געעפנט די אויגן און געשמייכלט:

— און איך וואַרט שוין אויף דיר אַזוי לאַנג!

און דער זילבערנער שטראַל האָט געגלעט, געוואָרעמט, איינגערוימט סודות אין אויער, געוועקט פאַרשיידענע פאַרלאַנגען — האָט עטשע מיט אַמאָל דערזען ווי אַ ריז מיט איין אויג אין קאָפּ שטייט אין מיטן אָפּגרונט, רייסט שטיקער פּיאָלעט, שטיקער זילבער, דריוולט עס, וועבט אַ שטראַל. און דער שטראַל, מיט זיין פּיאָלעט־זילבערנעם צינגל, פאַרקליבט זיך אונטער די פאַכוועס, בריט, שטעכט, וויקלט זי ארום אינגאַנצן — האָט עטשע געציטערט, נישט געקאָנט מער איינליגן אין איר שוואַרץ־ביינערנעם בעט, זיך אויפגעזעצט, פאַרביסן ביז צום בלוט די ליפּן און געוויינט פון בענקשאַפט, געוויינט פון צער. קלינגענדע, ביינערנע קנאָכן האָבן זיך געשאַרט איבער סטרונעס און טיף פון סאָד אַרויס האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געזאַנג, א טויט געזאַנג, זיין געזאַנג:

אין דער פינסטער זיינען דיינע אויגן שענער,
ציטער־קער, בויגזאַמער ביסטו.
דאַמאָלס איז דיין קליינער פוס נאָך קלענער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו

אין דער פינסטער קלינגט דיין ווייכע שטימע ווייכער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו.
דיינע פינגער ווערן בלייכער, ווייכער,
ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו.

און ווי פון אַ פאַרבאָרגענער האַנט געשטויסן, איז עטשע גיך אַראָפּ פון בעט, געעפנט די גלעזערנע טיר, וואָס פירט אין סאָד אַריין און אַ בויגיקע, אַ באָרוועסע אין בלויזן שוואַרץ־זיידענעם נאַכט־העמד, מיט צעשאָטענע האָר דינער פון שפּינוועבס, האָט זי זיך געשאַרט איבערן סאָד, מיטגעזונגען מיט אַ פאַרשטיקט קול, ווי דער קלימפּער פון ביינער פון טויטע — ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו — און געציטערט, געציטערט ווי נאָר אַ מיידל קאָן ציטערן ווען זי דאַרף באַלאַנגען דאָס ערשטע מאָל דעם מאַן.

און די נאַכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע, אַ לבנהיקע. און די בוימער געהילט אין גרויען פוןביידע זייטן אַלעע האָבן זיך ווי געבויגן, זיך צונויפגעקומען מיט די שפּיצן — און די אַלעע האָט אויסגעזען ווי אַ האַלב־פינסטערער טונעל. אַ באָרוועסע האָט עטשע געשפּרייזט איבער דער זאַמדיקער אַלעע, איבערגעלאָזט הינטער זיך קליינע פיסטריט און, ווי אַ פאַרכשופטע, זיך איינגעהערט ווי ערגעץ דאָרט צווישן די ביימער וויינען פאַרליבטע קעץ, און די קעץ ווי קליינע קינדער, זיינען זיך פאַרגאַנגען העכער און העכער, זיך מיט אַמאָל אָפּגעריסן — האָט עטשע זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, צעעפנט אירע דינע ליפּן, פאַרקוועטשט די ווייסע ציין, זיך איינגעהערט, ווי די נאַכט אַרום איר פּלאַפּלט:

— ציטעריקער, בויגזאַמער ביסטו!

מיט אַמאָל האָט עטשע גענומען ציטערן — דערפילט דאָס אייגענע האַרץ. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע בלייכע הענט און ווי אַ יונגע סאַמקע גענומען שמעקן מיט די נאָז־פליגל. אַ רגע — און ער וועט אַרויס פון דער צווייטער אַלעע. אַ רגע — און זי וועט זיך וויגן אין זיינע אָרעמס.

פון אַ צווייטער אַלעע איז איר אַנטקעגן געקומען מאַטעאוש, אַ הויכער, אַ באָרוועסער אין אַ לאַנג, שוואַרץ, זיידן נאַכט־העמד מיט אַ גרויסן גאָלדענעם צלם אויפן האַלז.

שטומע האָבן זיי זיך אָנגענומען פאַר די הענט און געשפרייזט איבערן זאַמד. זי האָט זיך געטוליעט צו אים, געפילט די וואַרימקייט פון זיין לייב און אַ ליידנשאַפטלעכע מידקייט האָט זיך צעגאָסן איבער אירע אַלע גלידער.

אַ שאָטן איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי. האָט עטשע אַ פאַרצאַפלטע אַרומגעכאַפּט מאַטעאושן:

— טייערער פיאָטר, כ'האָב מורא — — באַהאַלט מיך — — אָט גייט אונז מאַטעאוש נאָך!

מאַטעאוש האָט זי גענומען אויף דער האַנט, זי געטוליעט ווי אַ קליין קינד. די ביימער האָבן שלעפעריק געוויספערט·

— אַוואטשא — — מיין אוואטשא — —

די ביימער האָבן שלעפעריק געוויספערט, פאַרשכורט, און די שאָטנס פון די ביימער האָבן זיך געפלאָכטן אונטער דער בלייכער לבנה און אויסגעזען ווי גרויע געשטאַלטן. און טיף אין גראָז האָבן מיליאָנען באַשעפענישן זיך געפּאָרט, אָנגעפילט די לופט מיט בלומען — האָט אַלץ אַרום דערפילט אַ מידקייט און ליפן האָבן געזוכט ליפן.

— ביסט מיד, פיאָטר?

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק געפלאָכטן פון צווייגן.

— דו ווייסט — האָט עטשע געוויספערט — דו זעסט אויס ווי מיין ברודער מאַטעאוש.

— און דו—האָט מאַטעאוש געענטפערט—ווי מיין שוועסטער עטשא.

שטומע, גליקלעכע זיינען זיי געזעסן, געזשמורעט די אויגן — כוואַליעס ליכט האָבן זיך געטראָגן איבער זייערע קעפ און פון דעם ליכט האָט זיך אַרויסגעשניטן דער גרויער שאָטן, געקוקט פאַרעקשנט— האָט עטשע דערזען איר ברודער און פון שרעק אַרומגעכאַפּט מאַטעאושן. ביידע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן שאָטן. און משוגענע, אין דרייען געבויגענע, האָבן הענט געזוכט הענט, ליפן — ליפן. און דער שטראַל מיטן פיאָלעט-זילבערנעם ציגל איז דורך ווי אַ בליץ, זיי פאַראַליזירט — האָבן זיך שטיקער ליכט אָנגעשלאָגן אָן טענער כוואַליעס און אַלץ אַרום האָט שווער און אָפּגעהאַקט געוויספערט:

„ציטריקער בויגזאמער ביטסו!" — — — — — — — — — — — — —

אינהאַלט

	זייט
אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב (1912)	5
אויף יענער זייט בריק (1910)	115
לייבקע מזיק (1910)	133
קאָנטראַבאַנדיסטן (1915)	141
אַ פּרינצעסין (1913)	149
אין וואַלד (1914)	157
דער משפט (1914)	177
ציגיינער (1914)	195
שאָטנס (1915)	225

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

די ווערק פון י. אָפּאַטאָשו

אין צען בענדער:

אַ ראָמאַן פון אַ פערד־גנב (נאָוועלן)

אונטערוועלט (נאָוועלן)

היברו, (ראָמאַן)

אַליין (ראָמאַן)

לינטשעריי (נאָוועלן)

אין פוילישע וועלדער (ראָמאַן)

1863, 2טער טייל פון דער טרילאָגיע „אין פוילישע וועלדער" (ראָמאַן)

אַרום די חורבות (נאָוועלן)

אויף זייטיקע וועגן

פרויען